איך האב שוין מער ווי איין מאל געהאט די געלעגנהייט צו דערקלערן וואס אן אייביגע אידעע איז אינעם פלאטאנישן זין. אבער עס וועט נישט שאטן צו ווארפן נאך א בליק אויף איר מהות. אויך דא וועלן מיר נעמען דעם זעלבן ביישפיל: דעם מאטעמאטישן קרייז. כאטש מיר ווייסן גוט אז פון א מאטעמאטישן געדאנק ביז א פלאטאנישער אידעע איז נאך א שיינער שטיק וועג.

דער קרייז איז אן אינגאנצן קיילעכדיגע ליניע, אין וועלכער אלע פונקטן אויפן ארומקרייז זענען גלייך ווייט פונעם אינערליכן צענטער. דאס איז דער אינהאלט פונעם געדאנק "קרייז". ווען האט א קרייז דעם אינהאלט? מען קען דא בכלל נישט פרעגן "ווען". שטענדיג. צייט האט נישט קיין שליטה אויפן אינהאלט פונעם באגריף "קרייז".

אויך דער פלאץ האט נישט קיין ברעקל שליטה אויף אים. דער אינהאלט פון א קרייז איז אומעטום דער זעלבער. אפילו אלע ערטער אין דער וועלט זאלן, צוזאמען מיט דער וועלט, אינגאנצן פארשווינדן, בלייבט דער געדאנק-אינהאלט פונעם קרייז דער זעלבער. אזא אייביגער געדאנק איז למעלה מן המקום ומן הזמן, העכער פון פלאץ און צייט.

א געדאנק ווערט דאך געטראכט דורך עמעצן. וואס וואלט געווען ווען אלע טראכטנדיגע זאלן אויך פארשווינדן פון דער וועלט? ווערט דעמאלט דער אמת, דער געדאנק-אינהאלט פונעם קרייז, אנדערש? ניין. אויך דעמאלט איז דער קרייז אן אינגאנצן קיילעכדיגע ליניע, צי מען טראכט דעם געדאנק אדער נישט.

וואו איז דער קרייז אן אינגאנצן רונדע ליניע, אויב ער איז נישט אין צייט, נישט אין פלאץ, און אן אייביגער געדאנק איז ער דאך? פלאטאן ענטפערט אז פאר אזא סארט עקזיסטענץ דארף מען אננעמען א גאנץ אנדערע וועלט, וואו געדאנקען עקזיסטירן. וואו זיי זענען וואס זיי זענען אפילו ווען קיינער טראכט זיי נישט.

ער רופט זי די "אידייען-וועלט". זי באשטייט פון אלע אידעאלע מוסטערן פון אלע זאכן וואס קענען זיין אין א וועלט. איידער דער מענטש ווערט געבוירן האט זיין נשמה אן אייגבליק אין דער אידייען-וועלט. דער מענטש קען זיך דערמאנען וואס ער האט דארט אמאל געזען און דערקענען דעם טיפסטן אמת פון יעדער זאך, איר אייביגע אידעע. אזוי איז אויך מיט גערעכטיגקייט.

דער אייביגער אינהאלט פון דער אידעע גערעכטיגקייט באשטייט, לויט פלאטאן, אין דער פאדערונג אז יעדער זאל באקומען וואס עס קומט אים. דער אידעאלער מוסטער פון געזעלשאפטליכן לעבן איז אזא לעבן אין וועלכן די אידעע ווערט פארווירקליכט.

נו, וויאזוי זעט אויס דער אידעאלער מוסטער פון א געזעלשאפט וואס פלאטאן'ס נשמה האט געזען אין דער אידייען-וועלט? ווי א לעבעדיגער ארגאניזם וואס שטייט אויף א פעסטן באדן: דעם קלאס פון קנעכט, די פרעמדע וואס מען נעמט געפאנגען אין מלחמה.

דער לעבעדיגער ארגאניזם האט הענט, פיס און נאך אזעלכע אברים. דאס זענען די פארשידענע פרייע פראפעסיעס פונעם עקאנאמישן לעבן. ער האט א הארץ פול מיט מוט. דאס זענען די מוטיגע אנשי מלחמה, די קעמפער און זייערע פירער, וואס דארפן ברענגען קנעכט און האלטן ארדענונג. דער געזעלשאפטליכער ארגאניזם האט אויך א קאפ וואס טראכט. דאס זענען די פילאזאפן וואס רעגירן די גאנצע געזעלשאפט און היטן אז יעדער קלאס זאל באקומען וואס עס קומט אים לויט דער פאדערונג פון גערעכטיגקייט.

"א שיינע סאציאליסטישע געזעלשאפט!" וועט אפשר דער אדער יענער לייענער טראכטן. א געזעלשאפט געבויט אויף קנעכטשאפט און מלחמה, מיט פריוואטע באלעבאטים און אייגנטום, מיט א קלאסן-איינטיילונג אין בעלי מלאכה, סוחרים, פרייע פריצים, מיליטער און פילאזאפישע ביוראקראטן. מיט וואס האט פלאטאן פארדינט מען זאל אים האלטן פארן פאטער פון סאציאליזם?

ער האט עס כשר פארדינט מיט צוויי זאכן. קודם דערמיט וואס ער האט פארלאנגט איבערצובויען די געזעלשאפט אויף די יסודות פון גערעכטיגקייט. דאס איז א סאציאליסטישער געדאנק. אבער נאך מער האט ער דעם הויכן טיטל פארדינט ווייל ער האט באשריבן א באזונדערן סארט געזעלשאפטליכן לעבן פאר די צוויי העכערע קלאסן: די קעמפער און די רעגירנדע פילאזאפן.

אין דער אידעאלער מוסטער-מדינה לעבן זיי אויף א ריין קאמוניסטישן אופן. אין זייער לעבן ווערט פריוואט אייגנטום און משפחה אינגאנצן אפגעשאפט. אלעס, די רייכטומען, די פרויען און די קינדער, געהערט צו אלעמען אין זייער געמיינשאפט.

פארוואס האט פלאטאן פארלאנגט אז זיי זאלן לעבן דעם קאמוניסטישן לעבן? אין דער באגרינדונג קומט ווידער דער געזעלשאפטליך-עטישער עלעמענט ארויס דאס שארפסטע. די צוויי העכערע קלאסן דארפן לעבן בלויז פארן וואוילזיין פון דער גאנצער געזעלשאפט. דערפאר דארף מען אויסווארצלען די זעלבסטישקייט פון זייערע הערצער,

כדי די זארג פאר דער טובת הכלל זאל נישט ווערן געשטערט דורך פריוואטע אינטערעסן. דאס איז ווידער מעגליך נאר דורכן אפשאפן פריוואט אייגנטום און משפחה.

נעמט ארויס פון פלאטאן'ס געזעלשאפט די קלאסן-איינטיילונג, ווי די נביאים האבן שוין געטון פאר אים. נעמט ארויס די "דיקטאטור פון די פילאזאפן", וואס דאס איז בעצם פלאטאן'ס רעגירונגס-פארעם. דעמאלט האט איר פאר זיך א קאנסעקווענטן, ריין קאמוניסטישן בנין.

אויך דער עטישער בוי-פרינציפ פון זיין בנין איז דער זעלבער ווי ביי דעם נביא מיכה: "עשות משפט", טון גערעכטיגקייט, און "אהבת חסד", ליב האבן חסד. אין דער אנטוויקלונג פונעם סאציאליסטישן געדאנק שטייט פלאטאן אבער פיל העכער ווי די נביאים, ווייל ער זעט איין אז גערעכטיגקייט דארף פארווירקליכט ווערן אין געוויסע פארמען פונעם געזעלשאפטליכן לעבן. און אז די געזעלשאפטליך-מאראלישע געפילן ווענדן זיך אין די פארמען פון אייגנטום און משפחה-לעבן. א ריזיג וויכטיגער איינבליק!

## 3. די אידישע קאמוניסטן פון פארן צווייטן חורבן

דער אלט-גריכישער פילאזאף פיטאגאראס האט צוליב מאראלישע טעמים פארלאנגט פון זיינע אנהענגער א קאמוניסטיש לעבן. אבער דאס איז געווען, אזוי צו זאגן, א פריוואטער קאמוניזם אינערהאלב א נישט-קאמוניסטישער מדינה. פלאטאן האט דעם זעלבן געדאנק ווייטער אנטוויקלט און אויסגעארבעט. ער האט אויפגעהויבן א פערזענליכן געזעלשאפטליך-מאראלישן געבאט צו דער מדרגה פון א געזעלשאפטליך-עטישן געזעץ פארן בוי פון דער גאנצער רעפובליק.

ווי מיר האבן געזען, איז דאס קאמוניסטישע לעבן ביי פלאטאן אבער געווען באגרעניצט צו די צוויי העכערע קלאסן: די קעמפער און די רעגירנדע פילאזאפן. דער עקאנאמישער סדר האט גערוט אויפן אלטן יסוד פון די מער פארשריטליכע אלט-גריכישע רעפובליקן: מלחמה, קנעכטשאפט, האנדל, און געוויסע מלאכות און פראפעסיעס ווי ווייט פרייע בירגער, נישט קנעכט, האבן זיי דורכגעפירט.

פלאטאן אליין, דער אמת'ער פאטער פון קאמוניזם אלס א געזעלשאפטליך-עטישן מדינה-פרינציפ, האט געגלויבט אז ער האט באקומען דעם אידעאלן מוסטער פון א מדינה דירעקט פון דער מעטאפיזישער "אייביגער אידייען-וועלט", די וועלט פון אייביגע אמת'ן פאר אלע דורות פון דער מענטשהייט. באמת איז דער גאנצער עקאנאמישער יסוד פון זיין אידעאל-מדינה געווען אן אפשפיגלונג נישט פון אן אייביגער אידעע, נאר פון די געזעלשאפטליכע אומשטענדן אין זיין צייט און לאנד.

פון דעם שטאפל אין דער אנטוויקלונג פון דער סאציאליסטישער געדאנקען-וועלט וועלן מיר יעצט שפרינגען צום דריטן שטאפל, צוריק קיין יהודה. דארט האבן מלחמה און קנעכט-ארבעט נישט געשפילט קיין צו גרויסע ראלע אינעם געזעלשאפטליכן לעבן. אויך

דער האנדל איז נישט געווען אזוי אנטוויקלט ווי אין די גריכישע, בעיקר קליין-אזיאטישע, מדינות.

אין יהודה האט דאס עקאנאמישע לעבן גערוט בעיקר אויף פרייע פויערים, שטאטישע בעלי מלאכה, און אין א נישט קליינעם מאס אויף פרייע, נישט פארקנעכטעטע געדונגענע פועלים און ארבעטער, אויף וואס מען רופט היינט פראלעטאריאט. דארט ווען מיר, איבער הונדערט יאר נאך פלאטאן'ס טויט, שוין טרעפן א גאנצע קאמוניסטישע באוועגונג מיט סיי נביאים'דיגע, סיי פלאטאנישע עלעמענטן.

מיר מיינען די רעליגיעזע סעקטע פון די איסיים, אויך גערופן "עסייער" אדער "עסענער". די איסיים זענען געווען אן ארבעטער-פויערים-ארדן פון דריי ביז פיר טויזנט מענטשן. גייסטיגע אריסטאקראטן ווי יאזעפוס פלאוויוס און פילאן, ידידיה האלכסנדרוני, וואס האבן געלעבט אין זייער צייט און געהאט פערזענליכן קאנטאקט מיט זיי, האבן גערעדט וועגן זיי מיט דער העכסטער יראת הכבוד.

איינער פון די גרעסטע אויטאריטעטן אין דער געשיכטע פון אלט-גריכישער פילאזאפיע, עדוארד צעלער, האלט אז די איסיים זענען געשטאנען אונטער דער געדאנקען-ווירקונג פון פיטאגאראס'ס תלמידים. מען קען נישט אינגאנצן אפפרעגן די סברה, פונקט ווי מען קען נישט אפפרעגן די סברה פון געוויסע אידישע היסטאריקער אז פיטאגאראס און פלאטאן זענען נישט געווען פריי פון אן אומדירעקטער ווירקונג פון די אלטע אידישע נביאים.

אויב מען זאל זיך אין דער געשיכטע פון סאציאליסטישע געדאנקען שטרענג האלטן צום פרינציפ פון היסטארישער געדאנקען-המשכיות, און פאר יעדן נייעם געדאנק זוכן זיין ווארצל דווקא אין א פריערדיגן, וועלן מיר פארן גזעלשאפטליך-עטישן קאמוניזם פון די איסיים דארפן זוכן ווארצלען אין דער פיטאגארעאישער און אויך אין דער פלאטאנישער ריכטונג.

מען דארף דערביי פאררעכטן דעם טעות אין וועלכן אלע אידישע היסטאריקער פאלן אריין ווען זיי האלטן די איסיים-באוועגונג פאר א ריין רעליגיעז-סעקטארישע. דאס הייסט, ווי ביי די פיטאגארעער, א ריין פריוואט-קאמוניסטישע באוועגונג וואס וויל זיך אויסלעבן רעליגיעז-מאראליש אינעם ראם פון א נישט-סאציאליסטישער געזעלשאפט.

איך האב דעם טעות אויפגעדעקט אין מיין רוסישער שריפט "געדאנקען וועגן די היסטארישע גורלות פונעם אידנטום". דארט קען מען טרעפן די באווייזן אז די איסיים'ס געזעלשאפטליך-עטישע אידעאלן זענען נישט געווען געמיינט אלס א פריוואטער געבאט פאר רעליגיעזע סעקטארן, וואס קיין אנדערער איז קיינמאל נישט מחויב דערצו. זיי זענען געווען געמיינט אלס דער יסוד פאר דער מלכות שמים, דעם הימל-קעניגרייך אויף דער ערד וואס דארף אויפקומען מיט משיח'ס קומען פאר אלע מענטשן אויף דער ערד.

אזא שטעלונג איז שוין נישט פיטאגארעאיש, נאר מער פלאטאניש. אויך איז פלאטאן'ס פילאזאפיע דעמאלט געווען פיל מער פארשפרייט צווישן אידן, בעיקר די אידן פון אלכסנדריה של מצרים, ווי פיטאגאראס'ס.

עס איז אבער בכלל נישט קיין וויסנשאפטליכער חוב צו לאזן יעדן נייעם געדאנק ארויסוואקסן פון א פריערדיגן ווי פון זיין קערנדל, אויסער ווען מען קען פאקטיש באווייזן וויאזוי ער איז אריבערגעטראגן געווארן אין אן אנדערער סביבה און צייט, דארט געשלאגן ווארצלען און זיך אויסגעבליט. אין פאלן ווי אונזער פאל, וואו אזעלכע פאקטישע באווייזן זענען נישט דא, איז פיל מער וויסנשאפטליך צו זוכן די ווארצלען פון דער נייער אידעע אין די עקאנאמישע און געזעלשאפטליכע אומשטענדן פון דער נייער סביבה און צייט. אויך אינעם אריגינעלן גייסטיגן שוואונג פון די באגאבטע יחידים וואס האבן אויף א באשטימטן אופן רעאגירט אויף די הערשנדע אומשטענדן.

די איסיים האבן ווייטער געשפונען דעם נביאים'ס פערזענליך-מאראלישן און געזעלשאפטליך-עטישן בליק אין א סביבה וואס איז געווען גאנץ אנדערש פון דער אלט-גריכישער וועלט און אויך פון דער אלטער אידישער וועלט בכלל. דאס איז געווען א סביבה וואו קנעכטשאפט, מלחמה און האנדל האבן נישט געהאט אן הויפט-ראלע. די ווייטער-אנטוויקלונג פון די נביאים'ס אידעאלן איז געשען אין א צייט ווען מלחמה, קנעכטשאפט און האנדל האבן זיך אנגעהויבן אנטוויקלען מער און מער. בעיקר אין א צייט ווען די נייע עלעמענטן האבן אנגעהויבן צעשפאלטן די אידישע פויערים און ארויסברענגען, אין אלץ גרעסערן מאס, דעם קלאס פון פרייע געדונגענע לוין-ארבעטער, פראלעטאריער אינעם מאדערנעם זין.

דאס איז נישט דער פלאץ צו געבן א פולע באשרייבונג פונעם קאמוניסטישן לעבן ביי די איסיים, פון אלע זייערע אידייען און אידעאלן, וואס זענען שטענדיג איינגעקליידט געווען אין א מיסטיש-רעליגיעזן מאנטל. אויך נישט א פולע אפשאץ פון דער באדייט וואס די קליינע אידישע סעקטע האט געהאט פאר דער וועלט-געשיכטע און דעם פארשריט פון דער מענטשהייט. מיר דארפן זיך דא האלטן נאר צו די שטריכן וואס געהערן צו אונזער ענין פון סאציאליזם און מאראל, אדער זענען ענג פארבונדן דערמיט.

די איסיים האבן אינגאנצן און פרינציפיעל פארווארפן די דריי עקאנאמישע יסודות אויף וועלכע די אלט-גריכישע וועלט האט גערוט: מלחמה, קנעכטשאפט און האנדל, וואס האבן אויך אנגעהויבן אריינצודרינגען אינעם אידישן לעבן.

אייגענע ארבעט דארף, לויט זייער פאדערונג, זיין דער איינציגער קוואל פון פרנסה. זיי האבן אפילו נישט געטארט ארבעטן אין מלאכות וואס דינען די דריי פארווערטע פראפעסיעס, ווי למשל שמידן געווער אפילו פאר די אידן וואס האבן זיך פארדונגען אלס סאלדאטן, און ענליכע זאכן.

די הויפט-באשעפטיגונגען פון די איסיים זענען געווען ערד-ארבעט אין די דערפער און לוין-ארבעט אין די שטעט. דאס איז געווען דער ערשטער פארבאנד פון פויערים און פראלעטאריער אין איין קאמוניסטישער פאראייניגונג. פארמעגליכע מענטשן וואס האבן געוואלט זיך אנשליסן צום ארדן האבן געדארפט געבן זייער גאנץ פארמעגן אין דער אלגעמיינער קאסע און זיך באשעפטיגן מיט דער זעלבער ארבעט ווי אלע אנדערע איסיים.

די פויערים האבן אויך געמיינזאם באארבעט די ערד. אויף דעם וויכטיגן פונקט ווילן מיר ציען די אויפמערקזאמקייט. אין דער סאציאליסטישער ליטעראטור, אויך דער אידישער, איז פארשפרייט דער טעות אז די איסיים זענען געווען קאמוניסטן נאר אויפן געביט פון פארנוץ. אויך קאוטסקי באצייכנט זייער קאמוניזם אלס "קאנסום-קאמוניזם", א שטרעבן געמיינזאם צו האלטן און נוצן די פארנוץ-זאכן פונעם טאג-טעגליכן לעבן.

דאס איז אמת נאר פאר די איסיים וואס האבן געארבעט אין די שטעט אלס לוין-ארבעטער, נישט פאר די וואס האבן געוואוינט אין זייערע דארפישע קאמונעס. דארט איז קאמוניזם שטרענג דורכגעפירט געווארן אין פארנוץ און אויך אין פראדוקציע.

די לוין-ארבעטער אין די שטעט האבן געארבעט וואו מען האט געפונען ארבעט, אבער אויך זיי האבן געגעבן אלע זייערע פארדינסטן אין דער אלגעמיינער קאסע. אין די שטעט האבן זיי אויך געלעבט געמיינזאם אין די הייזער פונעם ארדן. דער איסיים-ארבעטער האט נישט געטארט אויסגעבן געלט פאר זיך. צדקה געבן, יא. אבער צו העלפן א קרוב האט ער געדארפט דערלויבעניש פונעם פארשטייער, וואס די מיטגלידער האבן שטענדיג אויסגעקליבן.

צום סאציאליסטישן פרינציפ פון געמיינזאמער אייגנטום אויף פראדוקציע-מיטלען און פארנוץ-מיטלען איז אזוי צוגעקומען אויך דער דעמאקראטישער פרינציפ אין דער פארוואלטונג. דעם פונקט דארף מען האבן אין זינען ווען מען באטראכט די ארגאניזאציע פון דער קריסטליכער קירכע אין די ערשטע פאר הונדערט יאר.

פון משפחה-לעבן האבן די איסיים זייער ווייניג געהאלטן. דאס איז בכלל א שטריך אין כמעט יעדער קאמוניסטישער סיסטעם. משפחה איז צו ענג פארבונדן מיט פריוואטער אייגנטום און מיט דער זארג בלויז פאר די אייגענע.

אבער אויך קינדער זענען געווען אין די איסיים-קאמונעס. רוב קינדער האט מען אויפגענומען פון דרויסן, מסתמא ארעמע אדער יתומים. מען האט געלייגט גרויס געוויכט אויף זייער ערציאונג כדי איינצופלאנצן אין זיי די געדאנקען און אידעאלן פון דער איסיים-ריכטונג.

אויך פרויען האט מען אויפגענומען אינעם ארדן. געוויסע איסיים האבן אויך געפירט א משפחה-לעבן, אבער נישט אין באזונדערע פריוואטע הויזגעזינדער.

די שטריכן פון זייער קאמוניסטישן לעבן אין אלט יהודה ווערן היינט, ביז א געוויסן מאס, ווידער אויפגעלעבט אין די מאדערנע סאציאליסטישע קבוצות אין ארץ ישראל. יענע קבוצות וואס לעבן בעיקר פון לוין-ארבעט ביי אנדערע טראגן אויך אריין אלע זייערע פארדינסטן אין דער אלגעמיינער קאסע פון דער קאלאניע. וואס עס פעלט היינט, אין פארגלייך מיט די אלטע איסיים, איז דער איסור אויף האנדל, אויף פארקויפן די פראדוקטן פון דער אייגענער ארבעט. פון דעם האנדל, פון דעם מקח וממכר, וועט די מענטשהייט, ווייזט אויס, נישט אזוי גיך פטור ווערן.

## 4. די איסיים, יוחנן און ישו

די מיסטיש-קאמוניסטישע איסיים ווערן באשריבן סיי דורך יאזעפוס און סיי דורך פילאן אלס די העכסט-אינטעליגענטע מענטשן פון זייער צייט. זיי האבן געהאט אייגענע געהיימע שריפטן. געוויסע היסטאריקער האלטן אז די אידישע קבלה-שריפטן שטאמען טיילוויז נאך פון די אלטע איסיים-שריפטן.

וויפיל ריין וועלטליכע קענטענישן זענען געווען אין די שריפטן קען מען, פארשטענדליך, נישט וויסן. אבער זיכער איז אז מעדיצינישע קענטענישן און באקאנטשאפט מיט הייל-גראזן זענען געווען פארשפרייט צווישן די איסיים. מען האט זיי אפט גערופן צו קראנקע. זיי האבן געהיילט מיט אפשפרעכונגען, תפילות און גראזן. מען האט זיי געהאלטן פאר הייליגע מענטשן, און טייל האט מען געהאלטן פאר נביאים וואס קענען פאראויסזען די צוקונפט.

דער פערזענליך-מאראלישער אידעאל פון די איסיים איז באשטאנען אין ריינקייט און הייליגקייט, קדושה וטהרה. אלס א סימבאל פון מאראלישער ריינקייט האבן זיי איינגעפירט דעם מנהג פון טבילה יעדן אינדערפרי, די "טובלי שחרית". אויך נייע מענטשן וואס מען האט אויפגענומען אינעם ארדן האבן פריער געדארפט גיין אין מקוה. טבילה האט אויסגעדריקט זייער ווילן זיך אנצושליסן צום לעבן און שטרעבן פון די איסיים.

צו ריינקייט און הייליגקייט דארף מען אין די איסיים'ס פערזענליכער מאראל צולייגן אויך גייסטיגקייט, דעם הויכן אפשאץ פון א ריין נשמה-לעבן. דערפון איז געקומען זייער ביטול צו מאטעריעלע רייכטום און זייער פרינציפיעלע אויפהייבונג פון ארעמקייט צו א הויכער מאראלישער מדרגה, ווי ביי דעם גריכישן פילאזאף דיאגען און ביי אסאך סטאאיקער.

מאטעריעלע נויט האבן זיי אבער באקעמפט. פילאן לויבט זיי דווקא ווייל זייערע מיטגלידער האבן געהאט א פארזיכערטע פרנסה אויף דער עלטער.

שוין די באמערקונג פון פילאן גיט א טיפן איינבליק אין די געזעלשאפטליכע שיכטן פון וועלכע די מיטגלידער פונעם ארדן זענען געקומען. מערסטנס נישט פונעם מיטל-קלאס, פון רייכערע באלעבאטים, סוחרים אדער פויערים, ביי וועמען די אלטע מענטשן האבן נישט וואס צו זארגן אדער ווערן באזארגט דורך זייערע קינדער. דאס האבן געדארפט זיין בעלי מלאכה און פרייע לוין-ארבעטער וואס פארלירן זייערע פרנסה-קוואלן ווען זיי פארלירן זייער ארבעטס-קראפט.

די זעלבע דערשיינונג קומט ווידער אויף אין די רעליגיעז-קאמוניסטישע באוועגונגען פונעם מיטל-אלטער און דער רענעסאנס ביזן סוף זעכצנטן יארהונדערט. די קאנסעקווענט קאמוניסטישע שטרעבונגען ווערן בעיקר געטראגן דורך פועלים, לוין-ארבעטער, בעלי מלאכה און ארעמערע פויערים.

מיר האבן נארוואס געזאגט אז אין די איסיים'ס פערזענליכער מאראל איז געווען דער עלעמענט פון הויך שאצן ארעמקייט. דערין זענען זיי זיך צונויפגעקומען מיט די מאראלישע אידעאלן פון די ציניקער און אסאך סטאאיקער אין אלט גריכנלאנד. עס איז אבער געווען א גרויסער חילוק צווישן דעם ציניש-סטאאישן וועלט-בליק און מאראלישן שטאנדפונקט, און די איסיים'ס דרך החיים.

די ציניקער און סטאאיקער זענען געפירט געווארן דורכן פרינציפ "kata physin zen", לעבן לויט די געבאטן פון דער נאטור. דאס איז געווען מער א פראטעסט קעגן ציוויליזאציע, א גייסטיגער אדער אויך קערפערליכער אנטלויפן פון איר, א זוכן נשמה-רו און אן אומגעשטערטער פערזענליכער נשמה-פרייהייט.

ביי די איסיים האט אבער געהערשט דער פיטאגארעאיש-פלאטאנישער איינטייל צווישן גוף און נשמה. דאס איז נישט געווען קיין אנטלויפן פון דער וועלט, ווי ביי אן אנדערער אידישער סעקטע פון יענער צייט, די "טעראפעוטן". אויך נישט קיין דארשט נאך נשמה-רו, נאר נאך נשמה-טעטיגקייט אין קדושה און טהרה.

ווען מען אנאליזירט אלע פרטים פון זייער פערזענליכן לעבן, ווי פלאוויוס און פילאן האבן עס באשריבן, געפינט מען אז אומעטום וואו זיי האבן געדארפט נאכגעבן די געברויכן פונעם גוף זענען זיי נישט געגאנגען לויטן פרינציפ "לעבן לויט דער נאטור". נאר לויט א גאנץ אנדערן פרינציפ וואס מען קען אויסדריקן אין די ווערטער: "וואס ווייטער פון דער חיה!"

דער אנאליז פון זייער גאנצן מהות ווייזט אז די איסיים זענען בפירוש נישט געווען א סעקטע וואס אנטלויפט פון דער זינדיגער וועלט צו ראטעווען די אייגענע נשמה, ווי אלע קלאסישע אידישע היסטאריקער, אויסער הערצפעלד, באשרייבן זיי. זייער פערזענליכע מאראל איז געווען ענג צונויפגעגאסן מיט א געזעלשאפטליכער עטיק, און אין דעם פרט האבן זיי געהאט זייער ווייט-בליקנדיגע צילן.

זיי האבן געגלויבט אז גאט'ס גייסט, דער רוח ה', וואס דארף אראפגיין אויפן מלך המשיח און פארווירקליכן די מלכות שמים אויף דער וועלט, קען רוען נאר אויף איינעם וואס פירט אזא הייליג און ריין לעבן ווי זיי. דעם מוסטער פון מלכות שמים האבן זיי געשטרעבט אויסצובויען אין זייערע ריין ארבעטעריש-קאמוניסטישע געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס. א לעבן פון גלייכקייט, ברודערליכקייט און, ווי געזאגט, פרינציפיעלער ארעמקייט.

פון די איסיים איז ארויסגעוואקסן די ריזיגע היסטארישע באוועגונג וואס הייסט קריסטנטום. עס האט זיך באוויזן א "נביא", יוחנן, וואס האט, ווי די נביאים פון אמאל, אנגעהויבן זאגן מוסר-רייד קעגן די הערשער און אונטערדריקער. ער האט אבער אויך געברענגט די נייע טרייסט: "טוט תשובה! משיח קומט! מלכות שמים איז נאנט!"

יוחנן האט אלעמען גערופן צו טבילה, דאס הייסט צום אויסדרוק פונעם ווילן אנצונעמען די איסיים'ס לעבנס-שטייגער און אריינצוטרעטן אינעם ארדן. מאסן זענען געלאפן מקיים צו זיין זיין געבאט. צווישן די נייע גע'טובל'טע איז אויך געווען ישו פון נצרת, יעזוס קריסטוס. "קריסטוס" מיינט "דער געזאלבטער".

די לעגענדע דערציילט אז בשעת דער טבילה האט זיך גאט'ס גייסט אראפגעלאזט פון הימל אויף ישו אין דער געשטאלט פון א טויב. פאר די גלויביגע איז דאס געווען דער באוויז אז ער איז דער מלך המשיח וואס די נביאים האבן צוגעזאגט און אויף וועמען די איסיים האבן געווארט. ישו זאל געווארן זיין משיח דווקא אין דעם מאמענט ווען ער האט זיך דורך טבילה אנגעשלאסן צו די איסיים'ס שטרעבונגען.

ישו האט אויפגעשטעלט א משיח-באוועגונג וואס האט ארומגענומען כמעט אלע וויכטיגסטע געביטן פונעם אידישן און אלגעמיין מענטשליכן לעבן. זי האט געשטרעבט צו נאציאנאלער באפרייאונג פונעם אידישן פאלק און אויך צו דער באפרייאונג פון דער גאנצער מענטשהייט אונטער דער רוימישער הערשאפט. זי איז אויך געווען א געזעלשאפטליך-עקאנאמישע באוועגונג, דערצו א רעליגיעזע רעפארם-באוועגונג און א מאראלישע רעפארם-באוועגונג.

דאס אלעס האט איבערגעשטיגן די ענגערע גרענעצן פון די איסיים. ישו איז אלס א רעוואלוציאנער פאראורטיילט געווארן צום טויט לויטן אידישן און רוימישן דין. שוין פריער האט מען געקעפט יוחנן, דעם אנזאגער פון משיח'ס אנקום, נאכדעם וואס ער איז א לענגערע צייט געזעסן איינגעשפארט אין תפיסה.

מיט יוחנן'ס און ישו'ס מארטירער-טויט הייבט זיך אן די געשיכטע פון יסורים און מסירת נפש פאר דער ריין סאציאליסטישער באוועגונג און איר אידעאל. א געשיכטע פול מיט בלוט, פייניגונגען, דערטרינקונגען, לעבעדיגע מענטשן צעשניטן אבער נאך אבער, אינקוויזיציע-פלאמען, גירושים און רדיפות, אויסראטונג פון מאסן פון אירע געטרייע דינער אין מיטל-אלטער און דער רענעסאנס. אויך תפיסות, פייניגונגען, תליות און מאסן-דערשיסונגען אינעם ניינצנטן און צוואנציגסטן יארהונדערט.

די סאציאליסטישע יסורים-געשיכטע איז אין אסאך פרטים נאך מער הארץ-צערייסנדיג ווי די יסורים-געשיכטע פונעם גאנצן אידישן פאלק. פאר אן אידישן סאציאליסט זענעןביידע טייער און הייליג. צו ביידע, צום אידישן פאלק און צום סאציאליזם, גייט דער אויסגעשריי פון זיין הארץ: "בדמיך חיי!"

אבער צוריק צו אונזער ענין. דא איז נישט דער פלאץ צו באשרייבן ישו'ס לעבן און ווירקן, און ארויסצוויקלען די היסטארישע פאקטן פון די קנוילן רעליגיעזע לעגענדעס וואס מען האט ארומגעוויקלט ארום זיי. מיר וועלן לאזן ישו אין א זייט. נאר א פאר שטעלן פון קארל קאוטסקי'ס בוך איבערן אויפקום פון קריסטנטום זאלן דא געברענגט ווערן וועגן אים און וועגן דעם היסטארישן גורל פון דער קריסטליכער באוועגונג וואס איז פארבונדן מיט זיין נאמען.

"עס איז אנגענומען", זאגט קאוטסקי, "אז פאראייניגונגען פאר אונטערשטיצונג, אנגעפילט מיט משיח'ישע ערווארטונגען, זענען שוין פאר ישו געווען ביי די פראלעטאריער פון ירושלים. א מוטיגער אגיטאטאר און רעוואלוציאנער, א רעבעל, מיט דעם נאמען ישו, וואס האט געשטאמט פון גליל, איז געווען נאר זייער באזונדער אויסגעצייכנטער פארקעמפער, וואס האט באצאלט פאר זיין עדות מיט זיין בלוט." זעט קארל קאוטסקי, "דער אויפקום פון קריסטנטום", שטוטגארט 1908, זייט 399.

עס קען זיין אז דאס איז אלעס וואס מען קען וויסן אויף זיכער וועגן ישו'ס היסטארישער עקזיסטענץ. מיר האלטן אבער אז פראפעסאר קלויזנער'ס "חיי ישו", די לעצטע וויסנשאפטליך וויכטיגע ארבעט איבער ישו'ס לעבן, גיט גענוג טעמים צו גלויבן אין דער היסטארישער עקזיסטענץ פון א רעבעל ישו, און אויך אין אסאך פאקטן פון זיין לעבן און אסאך פון זיינע דרשות. זיי פאסן זיך אזוי גוט אריין אין דער רעאלער, נישט איבערנאטירליכער געשיכטע פון זיין צייט.

דערפאר מוזן מיר ווארט פאר ווארט מסכים זיין מיטן מארקסיסטישן דענקער און געשיכטע-פארשער קארל קאוטסקי ווען ער באצייכנט דעם גאנצן היסטארישן גורל פון קריסטנטום מיט די שורות:

"כמעט קיין אנדערע רעליגיע איז נישט אזוי רייך אין סתירות און אומגעלומפערטע זאכן ווי די קריסטליכע. ווייל כמעט קיין אנדערע רעליגיע איז נישט ארויסגעוואקסן פון אזעלכע שארפע קעגנזאצן ווי זי. קריסטנטום האט זיך אנטוויקלט פון אידנטום צו רוימערטום, פון פראלעטאריער-לעבן צו וועלט-הערשאפט, פון ארגאניזירן קאמוניזם ביז ארגאניזירן די אויסנוצונג פון אלע קלאסן." זעט דארט, זייט 383.

עס איז שוין לאנג צייט אז מען זאל איבערזעצן אויף אידיש קאוטסקי'ס אויסגעצייכנטע היסטארישע אונטערזוכונג פון א וויכטיגן קאפיטל אין דער אידישער און וועלט-געשיכטע. אן ערליכע און טיפע פארשונג, מיט וועלכער מען דארף, פארשטענדליך, נישט דווקא מסכים זיין אין אלע פרטים.

מיר לאזן ישו אין א זייט. אבער מיר קענען נישט אינגאנצן פארבייגיין די קאמוניסטישע און ראדיקאל-רעפארמערישע באוועגונגען וואס זענען אויפגעקומען באלד נאך זיין טויט און זענען געפירט געווארן אין זיין נאמען. במשך יארהונדערטער האבן זיי פון צייט צו צייט נישט געלאזט צורוה די נצחון'דיגע קריסטליכע קירכע, קיסרים, פירשטן, הערשער, אדעליגע און רייכע באלעבאטים. די האבן געפירט בלוטיגע מלחמות קעגן זיי, ביז די הערשנדע מאכט האט באוויזן כמעט אינגאנצן אויסצוראטען די רעליגיעז-קאמוניסטישע אויפברויזן און געהיימע געזעלשאפטן.

# 5. די "אביונים" און "יוחנן'ס אנטפלעקונג"

באלד נאך ישו'ס מארטירער-טויט זענען אויפגעקומען אידיש-קריסטליכע קאמוניסטישע ארדנס. קאוטסקי האלט אז זיי זענען, אויסער די איסיים פארשטענדליך, שוין פריער געווען אין ירושלים. נאר אדאנק ישו'ס טעטיגקייט האבן זיי זיך נײַ ארגאניזירט אין זיין נאמען.

מען קען אונטערשיידן צוויי גרעסערע ריכטונגען אין יענער צייט: די אביונים-ריכטונג און די שליחים-ריכטונג, די אפאסטאלישע.ביידע האבן גלייך געגלויבט אז ישו איז דער מלך המשיח, אז ער איז נאך זיין טויט ווידער לעבעדיג געווארן, און אז ער דארף זייער באלד צוריקקומען איבערצונעמען די הערשאפט איבער דער וועלט.

די אביונים האבן געהאט אייגענע שריפטן אויף לשון הקודש אדער אראמיש. דערפון זענען געבליבן באזונדערע שטיקלעך אין א לאטיינישער איבערזעצונג. איין אזא שטיקל וואלט זיך אויף לשון הקודש געלייענט: "אביונים אנו נקראים. אין זאת חרפתינו, כי אם תהלתינו." מיר רופן זיך אביונים; דאס איז נישט אונזער שאנד, נאר אונזער לויב. אינעם לאטיינישן שטיקל שטייט: "Pauperes dicimur. Non est infamia nostra, sed gloria."

אין דער געשיכטע פון דער קריסטליכער קירכע האט די אביונים-ריכטונג געשפילט א געוויסע ראלע ביזן זיבעטן יארהונדערט אונטערן נאמען "עביאניטן". זייער בליען איז געווען אינעם צווייטן יארהונדערט, אבער שוין אינעם ערשטן האבן זיך זייערע יסודות אויסגעפארעמט.

פאר זיי איז ישו נישט געווען קיין גאט און אויך נישט קיין אויסשטראלונג פון א געטליכן מהות. ער איז געווען נאר דער משיח וואס איז געקומען אויסצולייזן דאס אידישע פאלק און אויך די גאנצע וועלט. תורת משה איז ביי זיי געווען פונקט אזוי הייליג ווי ביי די איסיים. די רעפארם פונעם שליח שאול, דער "הייליגער פאול", וואס האט פארלאנגט אפצושאפן דעם אידישן געזעץ, האבן זיי שטארק באקעמפט.

אינעם קאמף צווישן די אפאסטאלן, ישו'ס שליחים, איבער דער שטעלונג צו תורת משה זענען די אביונים געשטאנען אויף דער זייט פונעם שליח יעקב, וואס האט שארף פארטיידיגט דאס היטן דעם אידישן געזעץ. אויך אויף דער זייט פונעם שליח שמעון, דער "הייליגער פעטער", וואס איז געווען גענייגט צו געוויסע פשרות אין דעם פרט. דעם אפאסטאל פאול האבן זיי אבער נישט געוואלט אנערקענען אלס ישו'ס שליח.

דער געזעלשאפטליך-עטישער אידעאל פון די אביונים איז געווען א פולע און קאנסעקווענטע אפלייקענונג פון פריוואטער אייגנטום, אויך אויף פארנוץ-זאכן. א קריסטליכער "קירכן-פאטער" האט דעם געדאנק אויסגעדריקט אזוי: אפילו ווען איינער האלט שוין "זיין" שטיקל פלייש צווישן די ציין און א צווייטער רייסט עס ארויס, טוט ער נישט קיין פארברעכן קעגן אייגנטום-רעכט. ווייל דער גאנצער ענין פון "מיינס און דיינס" איז א מענטשליכער אויסטראכט, א נארישער און שעדליכער. דער פארברעכן דא איז נאר דאס געווינען מיט געוואלד איבער יענעם, דאס צער וואס מען טוט אים אן, נישט דאס אוועקרויבן אן אנדערן'ס אייגנטום.

שוין דער נאמען "אביונים" ווייזט אז זיי האבן אינגאנצן פארווארפן דעם אידעאל פון מאטעריעלער רייכטום. אבער אויך די איבעריגע זארג פאר מאטעריעלן וואוילשטאנד איז זיי געווען פארהאסט.

זייער פערזענליכע מאראל איז געווען געפירט דורך צוויי פרינציפן. אויפן ערשטן פלאץ איז געשטאנען דאס געפיל פון ליבע: צו די מיטמענטשן פון יעדן פאלק און יעדער פארב, צו אלע לעבעדיגע באשעפענישן, צו קריסטוס און צו גאט. דערנאך איז וויכטיג געווען דער גלויבן אין קריסטוס און די האפענונג אז אט-אט קומט ער צוריק און גרינדעט מלכות שמים אויף דער וועלט.

ביים אפאסטאל יעקב, "דזשיימס", וואס ווערט באטראכט אלס דערווארט-פירער פון די אידישע קריסטן, געפינען מיר א שטיקל וואס באצייכנט אויסגעצייכנט די גייסטיגע ריכטונג פון די אביונים:

"נו, גייט, איר רייכע, וויינט און קלאגט אויף די צרות וואס וועלן קומען אויף אייך. אייער רייכטום איז פארפוילט און אייערע קליידער זענען פון מילבן צעגעסן. אייער גאלד און זילבער ווערט פארדארבן. זייער פארדארבונג וועט זאגן עדות קעגן אייך און עסן אייער גוף ווי פייער ... זעט, דער לוין פון די ארבעטער וואס האבן געשניטן אייערע פעלדער, וואס איר האט צוריקגעהאלטן, שרייט. דער געשריי פון די שניטערס איז אריין אין די אויערן פון גאט צבאות. איר האט געלעבט אין תענוג אויף דער ערד און זיך גרויס געהאלטן ... דעריבער, ברידער, זייט געדולדיג ביז דער האר וועט קומען. זעט, דער אקערערווארט אויף דער טייערער פרוכט פון דער ערד און איז געדולדיג ביז זי באקומט דעם פרי-רעגן און דעם שפעט-רעגן. זייט אויך געדולדיג. שטארקט אייערע הערצער, ווייל דעם האר'ס קומען איז נאנט." יעקב, קאפיטל 5, פסוקים 1-8.

אין אן אנדערן פלאץ, ווען ער רעדט פון משפטן די רייכע, זאגט ער: "דער משפט וועט זיין אן רחמנות צו דעם וואס האט נישט געוויזן קיין רחמנות." דארט, קאפיטל 2, פסוק 13.

צו דער זעלבער אביונים-ריכטונג דארף מען אויך ציילן די שריפט אינעם "ברית חדשה", די עוואנגעליעס, וואס הייסט "די אנטפלעקונג פון יוחנן", די אפאקאליפסע. פאר איר מחבר איז ישו בפירוש נישט קיין גאט און נישט פון קיין געטליכן מהות, נאר דער משיח, דער אויסלייזער פון דער גאנצער וועלט.

די שריפט איז געשריבן אלס א חזיון און א נבואה. אין ישו'ס נאמען פארלאנגט דער מחבר פון די קהילות צו בלייבן געטריי צו תורת משה. "איך לייג אייך נישט ארויף קיין אנדערע לאסט. אבער וואס איר האט, האלט פעסט ביז איך וועל קומען." אנטפלעקונג, קאפיטל 2, פסוקים 24-25. ישו וועט באלד קומען, "ווייל די צייט איז נאנט", קאפיטל 1, פסוק 3.

ווען ער וועט קומען וועט דאס קעניגרייך פון דער וועלט ווערן דאס קעניגרייך פון אונזער האר, גאט, און פון זיין משיח, און ער וועט רעגירן פון אייביגקייט ביז אייביגקייט, קאפיטל 11, פסוק 15. אבער פריער וועט קומען א שטראף אויף די וואס "האבן די ערד פארדארבן", פסוק 18. "ווער עס שלעפט אין תפיסה זאל ווערן געשלעפט אין תפיסה; ווער עס הרג'עט מיטן שווערד זאל ווערן גע'הרג'עט מיטן שווערד", קאפיטל 13, פסוק 10. נאך גאט'ס שטראף וועלן די צדיקים "זינגען די שירה פון משה, דעם קנעכט פון גאט, און די שירה פונעם לאם", ישו.

די הויפט-שלאכט קעגן די וואס האבן פארדארבן די ערד וועט געשען אויף "הר מגידון", ארמאגעדאן, קאפיטל 16, פסוק 16. די הויפט-שטראף וועט פאלן אויף "דער פרוי וואס זיצט אויף זיבן בערג", דאס רוימישע קעניגרייך, קאפיטל 17, פסוק 9.

ווען זי וועט פאלן וועלן "די סוחרים פון דער ערד וויינען און קלאגן איבער איר, ווייל קיינער קויפט מער נישט די סחורה פון זייער האנדל, סחורה פון גאלד און זילבער", און אזוי ווייטער. "אויך נישט זייער צימרינג, נכאת און קטורת ... און סחורה פון פערד, וואגנס און גופים, און אויך נשמות פון מענטשן." רוים וועט פארוויסט ווערן, "ווייל דיינע סוחרים זענען געווען די גדולים פון דער ערד". זעט דעם גאנצן קאפיטל 18.

דערנאך וועט משיח הערשן טויזנט יאר. נאכדעם וועט ווידער זיין א קאמף קעגן גוג ומגוג, קאפיטל 20, פסוק 8. ערשט נאך דעם קאמף, וואס וועט אפווישן אלע אומגערעכטע פון דער ערד, וועלן אויפקומען א נייער הימל און א נייע ערד. "איך האב געזען ווי די הייליגע שטאט, די נייע ירושלים, קומט אראפ פון גאט'ס הימל, אנגעגרייט ווי א כלה וואס איז געצירט פאר איר מאן", קאפיטל 21, פסוקים 1-2.

דער חזיון ענדיגט זיך מיט דער באשרייבונג פון דער שיינקייט און פראכט פון דער נייער ירושלים. כאראקטעריסטיש איז דער ריין אלט-נביאים'דיגער שטריך אז אין דער נייער ירושלים איז נישט דא קיין בית המקדש, "ווייל גאט דער אלמעכטיגער האר און זיין לאם זענען איר היכל", קאפיטל 21, פסוק 22. ערשט דעמאלט וועט קומען מלכות שמים, וואס וועט דויערן "פון אייביגקייט ביז אייביגקייט", קאפיטל 22, פסוק 5.

מיר האבן זיך אביסל לענגער אפגעשטעלט אויף דער שריפט ווייל זי האט געשפילט אזא גרויסע ראלע אין אלע רעליגיעזע רעוואלוציאנער-קאמוניסטישע באוועגונגען און אויפשטאנדן ביז טיף אריין אין דער צייט פון דער רעפארמאציע און דעם דייטשן פויערים-קריג. פילע פון זייערע גייסטיגע פירער האבן געשריבן פירושים אויף "יוחנן'ס אנטפלעקונג".

די פארשידענע סימבאלישע בילדער פונעם גרויסן קאמף קעגן אומגערעכטיגקייט האבן זיי געצויגן דערצו. בעיקר דאס בילד פונעם רייטער אויפן ווייסן פערד: "זיין נאמען איז געטריי און אמת'דיג. אין גערעכטיגקייט משפט ער און פירט מלחמה. זיינע אויגן זענען געווען ווי א פייער-פלאם ... ער איז געווען אנגעטון אין א מלבוש איינגעטונקען אין בלוט, און זיין נאמען איז גערופן געווארן גאט'סווארט." קאפיטל 19, פסוקים 11-14.

אויך די נבואה פונעם קאמף קעגן רוים האט געצויגן. אין שפעטערדיגע אויסטייטשונגען האט דאס געמיינט דעם קאמף קעגן דער גייסטיגער און וועלטליכער הערשאפט פונעם רוימישן פויפסט. אויך נישט-רעוואלוציאנערע קאמוניסטן זענען באגייסטערט געווארן פון דער שריפט צוליב דער טויזנט-יעריגער מלוכה אונטער ישו'ס אויבערהערשאפט.

דווקא דער פסוק פון דער אנטפלעקונג האט ארויסגערופן די קאמוניסטישע ריכטונג פון די "כיליאסטן" אדער "מילענאריער", די גלויביגע אין א טויזנט-יעריגער מלכות שמים אויף דער וועלט. א גלויבן וואס האט אויך היינט נאך אסאך אנהענגער צווישן פארשידענע קריסטליכע סעקטעס, אויך דא אין לאנד.

## 6. די ערשטע קריסטליכע קהילות און די מאראל פונעם פעאדאלן רעזשים

דער קאמף אין די ערשטע קריסטליכע קהילות צווישן די געזעץ-געטרייע אידן, וואס האבן פארלאנגט צו היטן תורת משה, און די אנדערע ריכטונגען, וואס האבן באפרייט די גלויביגע פון די אידישע רעליגיעזע געבאטן, האט נישט אנגערירט דעם געזעלשאפטליך-עטישן אינהאלט פון די איסיים און די אביונים. דאס הייסט בעיקר דעם קאמוניזם. וואו עס איז נאר געווען מעגליך, איז עס געווען א קאמוניזם פון פארנוץ-מיטלען און געמיינזאמען לעבן, און אויך פון געמיינזאמער ארבעט.

די ערשטע קהילה פון די אפאסטאלן איז טאקע געווען א פארנוץ-קאמונע. רייכע מענטשן וואס האבן זיך אנגעשלאסן האבן געדארפט פארקויפן זייערע פעלדער און הייזער און איבערגעבן דאס געלט אין דער געמיינזאמער קאסע. פון דער קאסע זענען אלע גלייך געשפייזט געווארן, סיי די ארעמע און סיי די אמאליגע רייכע.

דער קאמוניזם האט זיך געהאלטן א לאנגע צייט אין די ערשטע קריסטליכע קהילות, ווייל דער גלויבן האט נאך אלץ געהערשט אז ישו המשיח וועט באלד קומען. אבער וואס מער צייט איז אריבער און וואס מער ארעמע האבן זיך אנגעשלאסן, אלץ מער האט די קירכע געדארפט טראכטן וויאזוי צו פארלייכטערן די הערשנדע נויט. דא זענען פון זיך אליין ארויסגעוואקסן די קלויסטערס, מערסטנס אין דארפישע געגנטן, וואו די מענער און פרויען פון די ארדנס האבן שוין געדארפט אויך צוזאמען ארבעטן צו באפרידיגן אלע מאטעריעלע געברויכן.

ביז טיף אינעם ניינטן יארהונדערט האט דער גלויבן געהערשט אז די קלויסטער-גיטער געהערן צו אלע ארעמע. ביזן פינפטן יארהונדערט זענען זיי טאקע נישט געווען עפעס אנדערש ווי קאמוניסטישע פראדוקציע- און פארנוץ-קאאפעראטיוון.

אין די ערשטע פאר יארהונדערטער, איידער דער קאטאליציזם האט זיך פעסט געשטעלט, האט ביי די אזוי גערופענע קירכן-פאטערס נאך שטארק געהערשט די כיליאסטישע האפענונג אויף מלכות שמים אויף דער וועלט, מיטן אפשאפן פריוואט אייגנטום, געלט און האנדל.

אינעם צווייטן יארהונדערט גרינדעט זיך א קאמוניסטישע סעקטע פון די אדאמיטן, וואס ווילן לעבן ווי אדם און חוה אין גן עדן. זיי שאפן אפ אייגנטום, משפחה-לעבן און חתונות, און פירן איין א פרייען סעקסועלן צוזאמענלעבן פון מענער און פרויען. אויך דער קירכן-פאטער קארפאקראט, וואס האט אפגעלייקנט פריוואט אייגנטום און די פריוואטע משפחה, האט נישט פארלאנגט סעקסועלע פרישות.

די אדאמיטן ברענגען א נייעם פרינציפ אין דער סאציאליסטישער מאראל: אפשאפן די משפחה און איינפירן א פרייערן סעקסועלן צוזאמענקומען, נישט פארן תענוג פון עולם הזה, נאר מקיים צו זיין פרו ורבו.

אזעלכע קאמוניסטישע סעקטעס און באזונדערע קאמוניסטישע, זייער פרומע, דענקער האבן זיך אויך שפּעטער באוויזן אין די קריסטליך-קאמוניסטישע באוועגונגען. אזוי די "ברידער און שוועסטער פונעם פרייען גייסט" אנהייב דרייצנטן יארהונדערט. זיי האבן זייער קריסטנטום פארשטאנען אין א ריין פאנטעאיסטישן זין. גאט איז אינעם מענטש, האבן זיי געלערנט. דעם מענטש'ס ווילן איז גאט'ס ווילן. דערפון האבן זיי קאנסעקווענט ארויסגענומען זייער געזעלשאפטליכן אידעאל, וואס שטימט אין אלע וויכטיגסטע פונקטן מיט קאמוניזם, אנארכיזם און פרייער ליבע.

אזוי אויך די שפּעטערדיגע אדאמיטן פונעם פופצנטן יארהונדערט. "זיי האבן געלעבט", שרייבט א היסטאריקער פון יענער צייט, "אין פרויען-געמיינשאפט. אבער מען האט נישט געטארט האבן באציאונגען מיט א פרוי אן דער דערלויבעניש פון זייער פארשטייער, אדם. ווען ביי איינעם האט זיך צוגלאמט דער באגער פאר אן אנדערער, האט ער זי גענומען ביי דער האנט, געגאנגען צום פארשטייער און געזאגט: פאר איר האט מיין גייסט זיך צעגליט אין ליבע. דער פארשטייער האט געענטפערט: גייט, וואקסט און פארמערט זיך און פילט אן די ערד."

אנדערע סעקטעס מיט פרייער ליבע האבן דערביי פארווערט סעקסועלע באציאונגען מיט עקרות אדער טראגעדיגע פרויען, ווייל דאס וואלט נאר געדינט דעם יצר הרע, נישט דער הנאה פון גאט'ס ברכה דורכן פארמערן.

פרייע ליבע און פרויען-געמיינשאפט, וואס זענען אויך פארגעקומען אין קלויסטערס, זענען אבער געווען זעלטענע אויסנאמען. אין די ערשטע פיר הונדערט יאר פון דער קירכע איז דער געדאנק געווען מער פארנומען מיטן אייגנטום-פראבלעם ווי מיטן משפחה-פראבלעם. די בארימטסטע קירכן-פאטערס פון יענער צייט זענען געווען אויסגעשפראכענע קאמוניסטן. אינעם קאמוניסטישן קלויסטער-לעבן האבן זיי געזען דעם ענטפער אויף דער פראגע פון א גערעכטער געזעלשאפטליכער ארדענונג בכלל.

דער הייליגער באזיליוס, אינעם פערטן יארהונדערט, האט זיך אין א דרשה געוואנדן צו די רייכע: "איר אומגליקליכע, מיט וואס וועל איך זיך פאראנטפערן פארן אייביגן ריכטער? ... איר ענטפערט: וויאזוי בין איך אומגערעכט ווען איך האלט פאר זיך וואס עס געהערט צו מיר אליין? איך פרעג אייך אבער: וואס רופט איר אייער אייגנטום? פון וואו האט איר עס? איר פירט זיך ווי א מענטש וואס וואלט זיך באמיהט צו פארנעמען אלע פלעצער אין טעאטער און נישט לאזן אנדערע אריינקומען, און נעמט פאר זיך וואס עס געהערט צו אלעמען. וויאזוי ווערן דען די רייכע רייך, אויב נישט דורכן אוועקנעמען זאכן וואס געהערן צו אלעמען?"

נאך שארפער און מער ריידנדיג האט דער הייליגער יאהאנעס פארטיידיגט קאמוניזם. ער האט באקומען דעם צונאמען "כריזאסטאם", "דאס גאלדענע מויל", און געלעבט פון 347 ביז 407. אין זיינע שריפטן האט ער בעיקר גענוצט רעליגיעזע און מאראלישע ארגומענטן צו פארטיידיגן קאמוניזם, אבער אויך ריין עקאנאמישע. עס לוינט זיך פאר אלעמען בעסער צו לעבן אין געמיינשאפטן ווי אין באזונדערע הויזגעזינדער.

ער האט פארלאנגט פון די קריסטן איינצופירן א קאמוניסטישע לעבנס-ארדענונג. צום סוף האט ער זיך געדארפט באקלאגן אז "דער עולם ציטערט פאר קאמוניזם נאך מער ווי פאר א שפרונג אינעם ווייטן ים". כריזאסטאם איז פארשיקט געווארן און געשטארבן אין דער פארשיקונג. די הערשנדע קירכעס האבן שוין גארנישט געוואלט וויסן פון קאמוניזם.

דער הייליגער אויגוסטין, געשטארבן אין 430, האט פאראורטיילט דעם גלויבן אין דער טויזנט-יעריגער מלוכה, כיליאזם, אלס אפיקורסות. די קירכן-גיטער און קלויסטער-פארמעגנס, וואס האבן פארמאל געהערט צו אלע ארעמע אין לאנד, זענען אינעם ניינטן יארהונדערט דערקלערט געווארן אלס אייגנטום פון די גלחים וואס האבן אנגענומען דעם געבאט פון פרישות. שפעטער, אינעם צוועלפטן יארהונדערט, האט מען אלע די גיטער דערקלערט אלס אייגנטום פונעם פויפסט.

אין די קלויסטערס אליין האט דאס לעבן זיך אינגאנצן געביטן. "פון פראדוקציע-קאאפעראטיוון זענען די קלויסטערס געווארן אויסנוצונגס-געזעלשאפטן", שרייבט קאוטסקי. די ארעמע וואס האבן דארט געארבעט זענען געווארן קנעכט פון די פארשטייער.

אין דער פארקרימונג פונעם אריגינעלן קריסטליכן גלויבן, ווי אין דער פארקרימונג פונעם נביאים'ס גלויבן ביי אידן, איז דער געזעלשאפטליך-עטישער קערנדל אינגאנצן פארלוירן געגאנגען. דער קריסטליכער רעליגיעזער געדאנק האט זיך געקערט צום אידעאל פון פלאטאן'ס רעפובליק, געבויט אויף פארשידענע קלאסן ווי זיי האבן זיך אויסגעפארעמט און פעסט געשטעלט אין דער הערשנדיקער ווירקליכקייט.

די פלאטאנישע דיקטאטור פון די פילאזאפן האט דער קאטאליציזם געשטרעבט צו מאכן פאר א דיקטאטור פון די גלחים: קלויסטער-מענער, אבאטן, בישאפן און קארדינאלן, מיטן פויפסט אויף דער שפיץ.

קאמוניזם איז געבליבן א ריין טעארעטישער אני מאמין פאר דער גלחים-דיקטאטור. דא און דארט איז ער אויך פראקטיש דורכגעפירט געווארן אין געוויסע קלויסטערס און ביי מענער פון פארשידענע ארדנס. די גלחים האבן אין זייער אייגענעם לעבן אויך אפגעשאפט די משפחה און פארלאנגט פון יעדן מיטגליד פולע פרישות און סעקסועלע אומשולד.

אבער מער ווי דאס, און אויך דאס אין א פארקרימטער פארעם, איז ביי די קאטאלישע גלחים גארנישט געבליבן. נישט פון פלאטאן, נישט פון די נביאים, די איסיים, די אביונים און די ערשטע קריסטליכע קהילות.

אין לעבן איז, טיילווייז אדאנק קריסטנטום, די קנעכט-ווירטשאפט אפגעשאפט געווארן. דער פעאדאלער רעזשים האט זיך אויסגעבויט פאליטיש און עקאנאמיש מיט פריצים און פויערים און בעלי מלאכה וואס זענען געוועזן געבונדן צו זיי. דאס האט געצוואונגען די גלחים צו טיילן זייער פאליטישע מאכט מיט די פריצים און מיט די פירשטליכע אדער קעניגליכע הייזער.

דער אריסטאקראטישער יחוס פון די "וואוילגעבוירענע איידללייט" האט זיך פעסט געשטעלט. אויך די העכערע שיכטן פון די גלחים האבן געהערט צו דער נייער הערשנדיקער אריסטאקראטיע. די גלחים-שיכטן, מיטן פויפסט בראש, זענען מערסטנס געווען נאך מער להוט נאך רייכטום, ערד און זיך באדן אין לוקסוס. נאך מער צעלאזט און מאראליש פארפוילט ווי די וועלטליכע אריסטאקראטיע.

אינעם פעאדאלן רעזשים האט זיך אבער איינגעשטעלט א געזעלשאפטליכע מאראל וואס האט אפגעשפיגלט די אינטערעסן און פסיכאלאגיע פונעם וועלטליך הערשנדיקן אריסטאקראטישן קלאס. די מאראלישע סיסטעם האט געהאט פינף יסודות'דיגע הייליגקייטן, וואס זענען ביז היינט נאך נישט אינגאנצן פארשוואונדן. זיי האבן געדארפט זיין טייער פאר יעדן, פונעם קנעכט אונטן ביזן פרינץ און פויפסט אויבן.

ערשטנס, די הייליגקייט פון דער פרומער מדינה און די פירשטן און מלכים אויף איר שפיץ, וואס מען האלט פאר גאט'ס געזאלבטע. זיי זענען הייליגע פערזאנען ווי די קארדינאלן און דער פויפסט. צווייטנס, די הייליגקייט פונעם קריסטליכן גלויבן און דער קריסטליכער קירכע. דריטנס, די הייליגקייט פון געבן צדקה און זארגן פארן פרום-קריסטליכן ארעמאן, פאר זיין פרנסה, געזונט און זינדיגער נשמה. דערביי איז פרומע ארעמקייט נאך אלץ געשטאנען אין הויכער מאראלישער חשיבות. פערטנס, די הייליגקייט און ריינקייט פון משפחה-לעבן. און איבער אלעמען, פינפטנס, די הייליגקייט פון פריוואטער אייגנטום אויף ערד.

געדענקט גוט: נאר ערד-באזיץ האט דעמאלט געהאט מאראלישע חשיבות. האנדל און געלט-באזיץ זענען באטראכט געווארן אלס מאראליש נידעריגערע ענינים, ווי להוט די הערשנדע קלאסן זענען נישט געווען נאך זיי. דאס איז געווען דער לעצטער פארבלאסטער אפשיין פון די איסיים'ס קאמוניסטישער שטעלונג צום האנדל.

איבערפאלן א האנדלס-קאראוואן, אויס'הרג'ענען די סוחרים און אוועקרויבן זייער האב-און-גוטס איז נישט געווען קיין גרויסער חטא. אפט איז עס געווען א שיינע ריטערישע העלדישקייט. דעם געלט-האנדל האט מען אבער איבערגעלאזט צו די אויסגעשטויסענע פון דער דעמאלטיגער קריסטליכער געזעלשאפט, די אידן. קריסטן האבן זיך נישט געטארט באשעפטיגן מיט אזעלכע מאראליש מיאוסע זאכן.

די גרויסע געזעלשאפטליך-עטישע אידייען און אידעאלן פון די נביאים ביז און מיט די ערשטע קריסטליכע קהילות זענען אבער אויך דעמאלט נישט אינגאנצן אויסגעשטארבן ביי די ארבעטנדיגע מאסן און די נידעריגערע שיכטן פון די גלחים.

## 7. דער תנ"ך און קלאסן-קאמף

דער צוועלפטער יארהונדערט באצייכנט דעם אנהייב פונעם פארשארפטן קלאסן-קאמף וואס די אונטערדריקטע מאסן און די אינטעליגענץ וואס זייער גורל האט זיי ווייט געטון האבן געפירט קעגן דעם גאנצן פעאדאלן סדר און קעגן דער גייסטיגער און וועלטליכער אויבערהערשאפט פון דער קאטאלישער קירכע.

די נשמה פון דעם קלאסן-קאמף איז געווען די מאראל פון די נביאים און די ערשטע אידיש-קריסטליכע קהילות, ווי זי איז אויסגעדריקט אין די עוואנגעליעס. בעיקר אין "יוחנן'ס אנטפלעקונג", מיט וועלכער מיר האבן זיך באקענט אין א פריערדיגן קאפיטל.

באזונדערע קאמוניסטישע דענקער זענען אויפגעשטאנען, און פאלקס-באוועגונגען האבן זיך אויפגעהויבן מיט אן אויסגעשפראכן סאציאליסטישן אדער ריין קאמוניסטישן כאראקטער. זיי האבן געפירט בלוטיגע קעמפן קעגן דעם פעאדאלן רעזשים, דער הערשנדיקער קירכע און דער הערשנדיקער מאראל-סיסטעם, און זענען מערסטנס דערטרונקען געווארן אין א ים פון בלוט.

דערצו זענען געווען פרידליכע קאמוניסטישע און האלב-קאמוניסטישע סעקטעס און אונטערערדישע געהיימע געזעלשאפטן מיט אינטערנאציאנאלע פארבינדונגען. שליחים זענען געפארן פון לאנד צו לאנד און פארשפרייט סיי פרידליך-קאמוניסטישע און סיי רעוואלוציאנער-קאמוניסטישע אידייען. דעם אנהייב מאכן די אלביגענזער אינעם צוועלפטן און דרייצנטן יארהונדערט. דעם סוף זענען די לעוועלער מיט זייער ראדיקאל-קאמוניסטישן לינקן פליגל, וואס האבן געשפילט א גרויסע ראלע אין דער ענגלישער רעוואלוציע פונעם זיבעצנטן יארהונדערט.

די לעוועלער, די "גלייכמאכער", זענען אונטערדריקט געווארן אין 1649. אבער פון זייער באוועגונג ציען זיך נאך באזונדערע רינעלעך ביז אנהייב נײַנצנטן יארהונדערט, ביז דעם בארימטן קאמוניסט ראבערט אווען און שפעטער די טשארטיסטן.

איינער פון די פארדינסטן פונעם אויסגעצייכנטן סאציאליסטישן היסטאריקער קארל קאוטסקי איז דאס אויפדעקן די היסטארישע המשכיות צווישן אלע די באוועגונגען. אויך דאס ארויסהייבן אז אין אלע קאמוניסטישע "קעטצערישע", אפיקורסישע, באוועגונגען, סיי פרידליכע און סיי רעוואלוציאנערע, האבן די אויפקומענדע פועלים און לוין-ארבעטער געשפילט די הויפט-ראלע. ארום זיי האבן זיך געגרופירט די ארעמערע בעלי מלאכה און פויערים. אלע זענען גייסטיג געפירט געווארן דורך דער רעוואלוציאנערער און געזעלשאפטליך-עטישער אינטעליגענץ.

אויפן געזעלשאפטליך-עקאנאמישן געביט האט דער קלאסן-קאמף געהאט דעם ציל אינגאנצן אפצושאפן די קלאסן-איינטיילונג אין דער געזעלשאפט און דעם תהום צווישן ארעם און רייך. אויפן פאליטישן געביט, א דעמאקראטישע פארוואלטונג. אויפן רעליגיעזן געביט, די פרייהייט פון יעדן יחיד צו גלויבן אין וואס ער וויל. די מאראלישע נשמה פונעם קאמף איז אבער, ווי געזאגט, געווען די מאראל פון די נביאים און די אידישע עוואנגעליעס.

פאר אונז איז אינטערעסאנט ארויסצוהייבן אז דער תנ"ך, תורה, נביאים און כתובים, האט דערביי געשפילט א וויכטיגערע ראלע ווי דער קריסטליכער ברית חדשה. ווייל דער "אלטער טעסטאמענט", דער תנ"ך, האט געהאט פיל מער געזעלשאפטליך-עטישע עלעמענטן ווי פערזענליך-מאראלישע. די נביאים זענען געווען רעבעלן, שארפע קעמפער

קעגן די אונטערדריקער, הערשער און גרויסע בעלי כח. בעיקר ווייל א ריין רעוואלוציאנערער באפרייאונגס-קאמף האט זיך געקענט שטיצן אויף אסאך פון זיינע פסוקים און שטעלן.

א פאר שורות פון לוטער, דער פירער פון דער לוטערישער רעפארמאציע אין דייטשלאנד, זענען כאראקטעריסטיש פארן קעגנזאץ צווישן דעם אלטן און נייעם טעסטאמענט. אין זיין פאמפלעט "קעגן די רויבערישע און מערדערישע פויערים", געשריבן אין דער צייט פונעם פויערים-קריג, זאגט ער:

"עס העלפט די פויערים אויך נישט ווען זיי זאגן אז לויט בראשית א' און ב' זענען אלע זאכן באשאפן געווארן פריי פאר אלעמען, און אז מיר זענען אלע גלייך געטויפט. ווייל אינעם נייעם טעסטאמענט האלט מען נישט פון משה און מען רעכנט זיך נישט מיט אים. דארט שטייט אונזער מייסטער יעזוס קריסטוס און ווארפט אונז אונטער דעם קיסר און דעם וועלטליכן רעכט מיט גוף און פארמעגן." ציטירט ביי קאוטסקי אין "די פארלויפער פונעם נייעם סאציאליזם", 1905, ערשטער באנד, זייט 137.

זיך צו שטיצן אויף תנ"ך און אויף די אידיש-קריסטליכע טיילן פון די עוואנגעליעס האט מען שוין אנגעהויבן אינעם צוועלפטן יארהונדערט. דער ערשטער דרשן פון קאמוניזם, דער אבאט, דער אב אדער פאטער פון א קלויסטער, יאאכים פון פיארע, וואס האט געלעבט פון 1145 ביז 1202, האט געשריבן א פירוש אויף ירמיהו. דער נביא האט באקעמפט דעם מלך צדקיהו און איז דורך אים אריינגעווארפן געווארן אין א גרוב.

יאאכים פון פיארע האלט די קאמוניסטישע קלויסטער-ווירטשאפט פאר א מוסטער פאר דער גאנצער מענטשהייט. ער האט אויסגערעכנט אז מען וועט זי איינפירן אין 1260 דורך א רעוואלוציע. דעמאלט וועט ישו המשיח ווידער קומען און די טויזנט-יעריגע מלכות שמים וועט זיך אנהייבן אויף דער וועלט.

אינעם זעלבן צוועלפטן יארהונדערט קומען אויף די אלביגענזער, א פויערים-באוועגונג און נישט זעלטן אויך א שטאטישע. זיי האבן געקעמפט אין דער הייליגער ביבל'ס נאמען און געזאגט אז דער אלטער טעסטאמענט איז פיל וויכטיגער פארן מענטש'ס רעליגיעז-עטישן לעבן ווי דער נייער. "זיי, די אלביגענזער, זאגן אז דאס געזעץ פון די אידן איז בעסער ווי דאס געזעץ פון די קריסטן." ציטירט ביי סודר אין זיין "געשיכטע פון קאמוניזם".

קעגן די אלביגענזער האט מען געפירט א יארן-לאנגע מלחמה. איין קרייצצוג קעגן זיי האט געדויערט צוואנציג יאר און אויסגעראטעט 25,000 אלביגענזער.

די אלביגענזער האבן געהאלפן ארויסברענגען די וואלדענזער, וואס זענען בעיקר באשטאנען פון וועבער. די וואלדענזער האבן געהאלטן קאמוניזם פאר א הייליגן מצב וואס איז נישט קיין חוב פאר יעדן. פון זיי קומען די "אפאסטל-ברידער", וואס גייען שוין אריין אינעם פערצנטן יארהונדערט. פאר זיי איז קאמוניזם דער נויטיגסטער תנאי פאר דער העכסטער מאראלישער מדרגה.

צו די וואלדענזער האט אויך געהערט דאלטשינא, וואס איז געשטאנען אונטער דער השפעה פון יאאכים פון פיארע. ער האט געהאפט אויף א משיח פון קעניגליכע געבורט וואס וועט איינפירן קאמוניזם אינעם נאמען פון די נביאים און אפאסטאלן. ווען ער האט זיך נישט דערוואַרט, האט ער אויפגעהויבן אן אויפשטאנד. מאסן פויערים האבן זיך אנגעשלאסן. אויך פרויען האבן געקעמפט אין זיין ארמיי. זייער אידעאל איז געווען שטרענגער קאמוניזם און פרויען-געמיינשאפט.

פון דרום אייראפע, פראנקרייך און איטאליע, שפרינגט די באוועגונג אריבער קיין צפון, קיין נידערלאנד, האלאנד, וואס איז נאך געווען פארבונדן מיט דייטשלאנד. דארט קומען אויף די בעגהארדן, אויך גערופן פיקארדן, פון די פארשידנסטע ריכטונגען. צו זיי געהערן די וועבער-ברידער, די אפאסטאליקער און די "ברידער פון א געמיינזאמען לעבן".

אלע האט מען באשולדיגט אין כיליאסטישער אפיקורסות. אלע האבן געלעבט אין קאמוניסטישע פראדוקציע- און פארנוץ-קהילות און זענען שטארק פארפאלגט געווארן. די לעצטע ריכטונג האט זיך אבער געקענט האלטן ביז דער מיטן פונעם זעכצנטן יארהונדערט. צו די בעגהארדן ציילט מען אויך די פאנטעאיסטיש-קאמוניסטיש-אנארכיסטישע סעקטע, די "ברידער און שוועסטער פונעם פרייען גייסט", וואס מיר האבן דערמאנט אין א פריערדיגן קאפיטל.

פון נידערלאנד טראגן די וועבער די באוועגונג קיין ענגלאנד, וואו זי ווערט באקאנט אלס די לאלארדן. דארט איז געשאפן געווארן דער באַרימטער פערז: "ווען אדם האט געאקערט און חוה האט געשפונען פיין, וואו האט דא געקענט אן איידלמאן זיין?"

זייער גייסטיגער פירער, דזשאן באל, האט זיך אזוי געוואנדן צו זיינע צוהערער אין א רעדע: "ליבע מענטשן, אין ענגלאנד וועט נישט ווערן בעסער ביז אלעס וועט אריבערגיין אין געמיינזאמער אייגנטום, ביז מיר וועלן אלע ווערן גלייך און די הערשער נישט מער ווי אונז ... פארוואס האלטן זיי אונז אין קנעכטשאפט? מיר קומען אלע פון די זעלבע עלטערן, אדם און חוה." די לאלארדן-באוועגונג איז אויסגעראטען געווארן מיט פייער און שווערד.

די באוועגונג דרינגט דורך פון ענגלאנד קיין צענטראל-אייראפע, בעהמען און דייטשלאנד. אינעם פופצנטן יארהונדערט קומען אין בעהמען אויף די הוסיטן. דאס איז מער א קירכליך-רעפארמירנדע באוועגונג קעגן קאטאליציזם ווי א געזעלשאפטליך-עטישע. אבער זיי האבן געגלויבט אז די העכסטע מאראל פארלאנגט א לעבן אין ארעמקייט. די מדרגה איז נישט פאר יעדן, נאר פאר די אמת'ע תלמידים פון ישו.

די באוועגונג ווערט שארף קאמוניסטיש און רעוואלוציאנער ווען זי פארוואנדלט זיך, אונטער בעגהארדישע און לאלארדישע ווירקונגען, אין דער טאבאריטישער באוועגונג. רוב פון אירע מיטגלידער זענען געווען וואל-וועבער. זיי האבן געגרינדעט אן אייגענע קריגעריש-קאמוניסטישע מדינה מיט דערפער און באפעסטיגטע שטעט, קעגן וועלכער האלב אייראפע האט געפירט מלחמה.

דער נאמען "טאבאריטן" איז געקומען פון א באפעסטיגטער שטאט אויף א בארג וואס זיי האבן גערופן "הר תבור". סיי די מדינה און סיי די באזונדערע קהילות זענען געפירט געווארן זייער דעמאקראטיש. אויף זייערע פארזאמלונגען האבן זיך צוזאמענגעקומען בערך 40,000 מענטשן.

אויך אין זייער רעליגיעזער רעפארם זענען זיי געווען זייער ראדיקאל. זיי האבן אפגעלייקנט קירכעס און איקאנעס. טראץ זייער אמת'ן, התלהבות'דיגן רעליגיעזן גלויבן האבן זיי אויך אפגעלייקנט די משפחה אלס דער יסוד פון פריוואטער אייגנטום און איינגעפירט פרויען-געמיינשאפט.

צו די טאבאריטן האבן אויך געהערט די ווידער אויפגעקומענע "ברידער און שוועסטער פונעם פרייען גייסט" וואס מיר האבן שוין דערמאנט. זיי האבן זיך אויך גערופן אדאמיטן, געשטרעבט צו לעבן ווי אדם און חוה אין גן עדן און זענען ארומגעגאנגען נאקעט. די אלגעמיינע טאבאריטן האבן שפעטער אליין גערודפ'ט די ריכטונג.

די טאבאריטן האבן געחלומ'ט איינצונעמען די גאנצע וועלט און אומעטום דורכצופירן זייער נייעם לעבנס-שטייגער. זיי האבן געגלויבט אז די טויזנט-יעריגע מלכות שמים איז שוין אנגעקומען. דורך זייערע שליחים, דרשות און שריפטן האבן זיי פארלאנגט פון אלעמען אנצוהייבן לעבן ווי גלייכע ברידער און שוועסטער.

"ווי אין דער שטאט תבור איז נישט דא קיין מיינס און דיינס, נאר אלעס איז געמיינזאם, אזוי זאל עס זיין אומעטום", האבן זיי פארלאנגט. ווער עס האט אן אייגנטום פאר זיך טוט א טויט-זינד. קיסרים ווערן אפגעשאפט. גאט אליין דארף זיין דער הערשער. הערשער, איידללייט און ריטער דארף מען אויסראטן ווי ווילד גראז.

נאך א שארפער יארן-לאנגער מלחמה זענען די טאבאריטן באזיגט געווארן. די פויערים וואס האבן זיך באפרייט אנהייב פופצנטן יארהונדערט זענען נאך דעם נצחון איבער די טאבאריטן ווידער אריינגעפאלן אין קנעכטשאפט.

## 8. טאמאס מיונצער, די "אנאבאפטיסטן" און די "לעוועלער"

פון אים קומט, למשל, דער געדאנק אז די מענטשהייט'ס געשיכטע איז די געשיכטע פונעם געזעלשאפטליכן מענטש אדער דער מענטשליכער געזעלשאפט, און אז ביזן קאמוניזם'ס נצחון איז די געזעלשאפט נאך נישט "מענטשליך". אויך מארקס נעמט דעם געדאנק אויף אין זיין מסקנא אז מיט דער קאמוניסטישער רעוואלוציע וועט זיך ענדיגן "די פאר-געשיכטע פון דער מענטשהייט". פון העס קומט אויך דער געדאנק אז דער פראלעטאריאט וועט זיין "דער קבר-גראבער פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם".

זיינע שארפסטע קריטישע פיילן שיסט העס אויפן סיסטעם פון מקח וממכר, האנדל, און בעיקר געלט: געלט אין דער סוחר'ישער וועלט און די געלט-ווירטשאפט בכלל. אין דער קריטיק שליסט ער זיך אן צו דער נישט-קאמוניסטישער שולע פון פוריע, אבער ער נעמט ארויס ריין קאמוניסטישע מסקנות. נישט אומזיסט האט די דייטשע סאציאליסטישע וועלט אים שפעטער, נאך זיין טויט, באקרוינט מיטן נאמען "דער אלט-פאטער פונעם דייטשן קאמוניזם".

פון פוריע האט ער נאך פאר קארל מארקס איבערגענומען דעם האס צו האנדל און צום אידנטום. משה העס און האס צום אידנטום? לאזט מיר ציטירן א פאר שטעלן פון איינע פון זיינע וויכטיגערע טעארעטישע שריפטן, "וועגן דעם עצם ענין געלט", "Über das

Geldwesen". די שריפט פרובירט צו געבן א פילאזאפיע פון דער ביז-דעמאלטיגער געשיכטע פון דער מענטשליכער געזעלשאפט.

[רעדאקציע-באמערקונג: די קומענדיגע ציטאטן זענען העס'ס ווערטער, געברענגט פונעם מחבר כדי צו ווייזן די אנטי-אידישע געדאנקען אין דער דאזיגער שריפט. זיי זענען נישט די רעדאקציע'ס באשטעטיגונגען אדער מיינונגען.]

העס גייט ארויס פונעם געדאנק אז די מענטשליכע געזעלשאפט האט פריער געדארפט זיין חיה'יש איידער זי איז געווארן מענטשליך. דערפאר האט זי קודם געדארפט ווערן נישט סתם חיה'יש, נאר דווקא רויבעריש און בלוט-דורשטיג. ער שרייבט:

"מיר זענען שוין נישט קיין גראז-עסער ווי אונזערע גוטמוטיגע אור-עלטערן. זיי זענען אמאל אויך געווען געזעלשאפטליכע חיות, אבער נישט געזעלשאפטליכע רויב-חיות, און האבן זיך געלאזט פיטערן ווי די גוטמוטיגע הויז-חיות. מיר זענען בלוט-זויגער וואס שינדן איינער דעם אנדערן און עסן איינער דעם אנדערן אויף ... געלט איז דאס געזעלשאפטליכע בלוט, אבער דאס ארויסגעשטעלטע, פארגאסענע בלוט.

די אידן, וואס האבן אין דער נאטור-געשיכטע פון דער געזעלשאפטליכער חיה-וועלט געהאט דעם וועלט-היסטארישן בארוף צו אנטוויקלען די מענטשהייט צו א רויב-חיה, האבן צום סוף געענדיגט זייער בארוף-ארבעט. דער מיסטעריום, דער פארבארגענער זין, פון אידנטום און קריסטנטום איז אנטפלעקט געווארן אין דער מאדערנער אידיש-קריסטליכער קרעמער-וועלט. דער מיסטעריום פון קריסטוס'ס בלוט, ווי דער מיסטעריום פון דער אלט-אידישער בלוט-פארערונג, ווייזט זיך היינט נאקעט אלס דער מיסטעריום פון דער רויב-חיה."

זעט "משה העס, סאציאליסטישע אויפזעצן, 1841-1847", ארויסגעגעבן דורך טעאדאר זלאציסטי, בערלין 1921, זייט 182. די דערקלערונג פונעםווארט "מיסטעריום" אין ציטאט איז פונעם מחבר.

געלט, שרייבט ער ווייטער, מאכט אלעמען גלייך. אלע ווערן "גלייך-בארעכטיגטע רויב-חיות וואס זויגן אויס איינער פונעם אנדערן דאס בלוט". זיי באקומען אלע זייער רעכט בלויז "מיט דער קראפט פון זייער נאטור-רעכט, מיט דער קראפט פון זייער געמיינזאמער אייגנשאפט אלס רויב-חיות, בלוט-זויגער, אידן, געלט-וועלף". און: "די אויסטרעפונג פון געלט און פונעם אלף-בית שרייבט מען צו די פעניקיער, דעם זעלבן פאלק וואס האט אויך אויסגעטראכט דעם אידישן גאט." דארט, זייט 183.

די גאנצע חקירה איבער דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט אין איר קאניבאלישן, מענטשן-עסנדיגן מצב, וואו דער קאמף פון אלע קעגן אלע הערשט, ענדיגט העס מיט די געדאנקען:

"דורך דעם קאמף האבן מיר אבער אויסגעקעמפט עפעס גאנץ אנדערש ווי דאס וואס מיר האבן געשטרעבט און געהאפט צו באקומען. מיר האבן געגלויבט אז מיר דערווערבן א דרויסנדיג גוטס, אבער דערין האבן מיר נאר אנטוויקלט זיך אליין. די משוגעת איז אונז

געוועז צו געזונט און הילף אזוי לאנג ווי זי האט געהאלפן אנטוויקלען אונזערע כוחות און פעהיגקייטן. נאכדעם וואס זיי זענען שוין אנטוויקלט וועלן מיר נאר חרוב מאכן איינער דעם אנדערן, אויב מיר גייען נישט אריבער צו קאמוניזם ...

אויפן אנטוויקלונגס-שטאפל וואס מיר האבן דערגרייכט וועלן מיר נאר קענען אויסרויבן און אויפעסן איינער דעם אנדערן, אויב מיר פאראייניגן זיך נישט אין ליבע. קיין יארהונדערטער וועלן נישט אריבערגיין ווי די ליבעראלע שוטים מיינען. נישט קיין צענדליג יאר וועלן אריבערגיין ביז די הונדערט-פאך געשטייגערטע פראדוקציע-כוחות וועלן אריינשטורצן אין דער טיפסטער נויט די גרויסע מערהייט פון די וואס דארפן לעבן פון זייערע אייגענע הענט'ס ארבעט. ווייל זייערע הענט וועלן פארלירן זייער ווערט.

א פאר ווייניגע וואס קלייבן צוזאמען קאפיטאלן וועלן דערווייל זיך באדן אין שפע און אונטערגיין אין זייער עקל'דיגער יאגעניש נאך הנאה, אויב זיי הערן זיך נישט פריער צו צו דער שטימע פון ליבע און שכל, אדער ווארפן זיך אונטער א געוואלד-מאכט." דארט, זייט 186.

אזוי האט מען געשריבן אין 1845, ווען מארקס האט, לויט ענגעלס'ס עדות, ערשט אויסגעארבעט דעם קערנדל פון וועלכן זיין סיסטעם האט זיך אנטוויקלט. אבער אין דעם זעלבן יאר 1845 איז אין דער דייטשער ראדיקאלער געדאנקען-וועלט אויך אויפגעקומען א שריפט וואס האט געשטרעבט צו מאכן א תל פון דער גאנצער מאראלישער שטעלונג וואס האט געהערשט אינעם סאציאליסטישן געדאנק במשך איבער צוויי טויזנט פינף הונדערט יאר.

## 14. מאקס שטירנער

איבער א פערטל יארטויזנט האבן סאציאליסטישע געדאנקען, סיסטעמען און באוועגונגען געקעמפט קעגן די הערשער'ס זעלבסטישקייט און הארטהארציגקייט. זיי האבן אינעם נאמען פון העכערע מענטשליכע אידעאלן פארלאנגט אפצושאפן דעם אונטערשייד צווישן ארעם און רייך. די טרייבנדיגע קראפט אין דער גאנצער געשיכטע פונעם סאציאליסטישן געדאנק איז געווען די מאראל פון מענטשן-ליבע און גערעכטיגקייט. זי האט געפונען אירע באגייסטערטסטע פארטיידיגער ביי די אנהענגער פונעם פילאזאפישן אדער אמת'ן סאציאליזם אין דייטשלאנד.

רעדאקציע-באמערקונג: דער מקור שרייבט דא "איבער א פערטל יארטויזנד". דאס איז פרעזערווירט געווארן, כאטש די פריערדיגע געשיכטליכע איבערבליק אינעם בוך נעמט ארום א פיל לענגערע תקופה.

אבער דווקא אויפן העכסטן שטאפל פון דער ריין מאראלישער שטעלונג האט דער סאציאליזם דארט ארויסגעברענגט א ווערק וואס האט געקערט דעם געדאנק פונקט אין דער פארקערטער ריכטונג. מיר מיינען מאקס שטירנער'ס שריפט "דער איינציגער און זיין אייגנטום" פון 1845. מיט איר האט זיך אנגעהויבן א שארפער קריזיס אין דער מאראלישער באגרינדונג פון סאציאליסטישע פאדערונגען.

פאר שטירנער איז דער וועגווייזנדיגער שטערן אינעם קאמף קעגן דער אלטער וועלט נישט די מענטשהייט ווי ביי די סען-סימאניסטן. נישט דער כלל-מענטש ווי ביי פייערבאך. נישט דער עצם-מענטש, דער טובת-הכלל-מענטש, "Gattungswesen", אדער דער גזעלשאפטליכער מענטש ווי ביי העס. נאר דער מענטשליכער יחיד, דער איינצעלנער מענטש.

פארן איינצעלנעם מענטש, זאגט שטירנער, זענען נישט דא קיין אידעאלן, קיין אבסאלוטער אמת אדער אבסאלוטער יושר, וואס קענען עפעס פארלאנגען פון אים און וואס ער דארף דינען. קיין גייסטיגער אויבערהער איז נישט איבער אים. ער איז די איינציגע ווירקליכקייט און דער אבסאלוטער בעל הבית.

אויך ליבע צו דער מענטשהייט אדער צום מענטש איז א געוואלדיגער טעות און אן איינגעשמועסטער דמיון. בעצם איז בכלל נישט דא אזא זאך ווי ליבע צו אן אנדערן מענטש. דער איינצעלנער, דאס הייסט יעדער מענטש, איז בעצם זעלבסטיש. ער זוכט אין לעבן נאר זיין אייגענעם פערזענליכן פארדינסט.

ווען א מענטש שטרעבט נאך אמת מיינט ער די געדאנקען וואס זאלן אים ברענגען דעם אדער יענעם פערזענליכן סיפוק. אפילו ווען ער גייט אויף מסירת נפש טוט ער עס ווייל ער וויל אזוי. ממילא זענען אויך די העכסטע קרבנות פאר סיי וועלכער הייליגער זאך נאר דער אויסדרוק פון זיין אייגענער זעלבסטישקייט.

אין דער צעטיילונג צווישן ארעם און רייך זענען נישט אזוי די זעלבסטישע הערשער און בעלי פארמעגן שילדיג ווי די ארעמע אליין. אלע זענען זעלבסטיש. אבער די ארעמע און אונטערדריקטע האבן זיך געלאזט פארפירן דורך אלערליי אילוזיעס און פאנטאזיעס, בעיקר דורכן באגריף "אייגנטום". זיי האבן זיך איינגעשמועסט אז יענעם'ס אייגנטום דארף זיין הייליג און מען טאר עס נישט אנרירן.

אבער עס איז נישט דא אזא זאך ווי יענעם'ס אייגנטום. נאר מיין אייגנטום איז דא. מיין אייגנטום, מאטעריעלער און גייסטיגער, איז אלעס וואס איך וויל און קען באקומען, מיט מיין אייגענער מאכט אדער מיט הילף פון פרייוויליגע שותפים, אויך קלוגע און קלאר-זעענדיקע זעלבסטישע מענטשן ווי איך.

מענטשן וועלן זיך באפרייען פון אלע פלאגן ווען זיי שאפן אפ אלע צוואנג-געזעצן, אלע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס וואס פארלאנגען עפעס אונטערווארפונג פונעם יחיד לטובת הכלל, און אלע אידעאלן וואס מאנען עפעס פון זיי. רעליגיע, רעכט, מדינה, מאראל, ליבע און אזוי ווייטער זענען איבערבלייבענישן פון א קינדישן מצב אין דער מענטשליכער אנטוויקלונג. דער דערוואקסענער, פריי טראכטנדיגער מענטש דערקענט זייער דמיון'דיגן כאראקטער און באפרייט זיך פון זיי.

ווען אלע מענטשן דערגרייכן דעם מצב פון גייסטיגער באפרייאונג וועלן זיי זיך פאראייניגן אין פרייע פארבאנדן פון פרייע זעלבסטישע מענטשן. מיט געמיינזאמע כוחות וועלן זיי העלפן איינער דעם אנדערן צו דערגרייכן זייערע אייגענע צילן און פערזענליכע ווילנס. זיי וועלן העלפן בלויז וויפיל זיי אליין ווילן, לויט זייער אייגענעם פרייען באשלוס און פארדינסט.

שטירנער'ס "דער איינציגער און זיין אייגנטום" איז די ראדיקאלסטע שריפט וואס דער רעוואלוציאנערער, צו פרייהייט שטרעבנדיגער געדאנק האט ארויסגעברענגט. שפעטער האט מען זי אויפגעהויבן צו א סארט ברית חדשה, אן עוואנגעליום פאר די ריכטונגען פון אינדיווידואליסטישן אנארכיזם.

שטירנער האט פרובירט צו אונטערבויען א ראדיקאל-פילאזאפישן יסוד אונטער פרודאן'ס אנארכיסטישע געדאנקען. דער יסוד-געדאנק פון זיין פילאזאפיע איז באשטאנען אין דער ריכטיגער דערקענטעניש וואס האט שוין אויפגעפלאמט ביי דעקארט אינעם זיבעצנטן יארהונדערט: די אייגענע פערזענליכע עקזיסטענץ און דאס אייגענע באוואוסטזיניגע טראכטן זענען די זיכערסטע זאך אין דער מענטשליכער דערקענטעניש.

מיר דארפן מודה זיין אז עס איז אינגאנצן ריכטיג: אלעס וואס דער מענטש ווייסט און וויל קומט, געזען פון אינעווייניג, פון זיין אייגענעם "איך". אלעס וואס איז "נישט-איך", סיי אין מיין טראכטן סיי אין מיינע שטרעבונגען, איז מיר באקאנט נאר ווען עס ווערט א פראדוקט פון פראצעסן אין מיר אליין.

ווען איך זע א ים פאר מיר עקזיסטירט דער ים פאר מיר נאר וויפיל איך זע אים אדער טראכט וועגן אים, אדאנק זען- און טראכטן-פראצעסן אין מיר. ווען איך זע ווי איינער דערטרינקט זיך און איך ווארף זיך אים צו ראטעווען, איז אויך מיין שטרעבן נאר א פראדוקט פון גייסטיגע פראצעסן אין מיר וואס שטויסן מיך אין א געוויסער ריכטונג.

אזא דערקענטעניש פירט אין אלגעמיינער פילאזאפיע קאנסעקווענט צום שטאנדפונקט פון סאליפסיזם, "אני ואפסי עוד": נאר איך עקזיסטיר, די גאנצע דרויסנדיגע וועלט איז נאר א דמיון אין מיר. אין מאראל-פילאזאפיע פירט זי צום אבסאלוטן עגאיזם, אויך א סארט אני ואפסי עוד. נאר מיין באפרידיגונג איז די אמת'ע טרייב-קראפט פון אלע מיינע געפילן, שטרעבונגען און מעשים.

דער אזוי גערופענער אלטרואיזם, די ליבע צו יענעם אדער צו אן אנדערער זאך, אפילו מסירת נפש פאר אים אדער פאר א "נישט-איך", איז בעצם נאר א געוויסע פארעם פון מיין אייגענער זעלבסט-באפרידיגונג. דער מאראל-פילאזאפישער עגאיזם איז שוין געזאגט געווארן אין דער אלט-גריכישער פילאזאפיע מיט אריסטיפ'ס דערקלערונג: "echo, ouk echomai", איך האב, קיין זאך האט נישט מיך.

דאס איז נישט דער פלאץ צו באשרייבן וויאזוי דער פילאזאפישער געדאנק באפרייט זיך פון סאליפסיזם און וויאזוי מען דארף דערקלערן דעם באמת טיפן רעטעניש פונעם "איך". אבער דא דארף מען ארויסברענגען דעם טעארעטישן פעלער וואס סאליפסיזם טוט, סיי אין אלגעמיינער פילאזאפיע און סיי אין מאראל-פילאזאפיע, ווען ער בלייבט ביי זיין ערשטן איינבליק וואס זעט אזוי זיכער און טיף אויס.

דער פעלער איז אז סאליפסיזם זעט נישט דעם גרויסן חילוק צווישן "איך" און "נישט-איך", אדער "אויסער מיר", אין מיינע אייגענע גייסטיגע פראצעסן.

איך זע דעם ים. אויב איך לייג דעם הויפט-געוויכט און אינטערעס אויפן איך און די פראצעסן אין מיר, איז נישט קיין חילוק צי איך זע דעם ים אין חלום אדער וואך. אין ביידע פאלן איז דער ים א גייסטיגע דערשיינונג אין מיר, א באשטימטע פארעם פון מיין באוואוסטזיין. ער הערט פאר מיר אויף צו זיין א נישט-איך.

אבער ווען איך זאג אז איך זע א זאך אויסער מיר, און מיין אינטערעס איז נישט דאס זען אליין נאר וואס איך זע, א זאך מיט וועלכער איך דארף זיך רעכענען און אפט זיך היטן פון איר, הערט דער ים אויף צו זיין גייסטיג א טייל פון מיין איך, א געוויסע פארעם פון מיין איך-באוואוסטזיין. ער ווערט א נישט-איך, א באמת עקזיסטירנדיגע דרויסנדיגע זאך.

דער זעלבער חילוק איז ריכטיג אין דעם סאליפסיזם, דעם אני ואפסי עוד, פון מאראל-פילאזאפיע, דער עגאיסטישער טעאריע פון מאראלישע געפילן. ווען איך ווארף זיך אין ים צו ראטעווען יענעמ׳ס לעבן און אינעם צענטער פון מיין געפיל שטייט מיין אייגענער איך, דאס קלארע באוואוסטזיין אז איך טו עס נאר פאר מיין אייגענעם סיפוק, אפשר צו ווייזן מיין העלדישקייט פאר אנדערע אדער זיך אליין, איז דאס בלי ספק אן עגאיסטישע האנדלונג. ראטעווען דעם נישט-איך איז א טפל. מיין אייגענע באפרידיגונג איז דער עיקר.

אבער ווען איך ווארף זיך אין ים און אינעם צענטער פון מיין אינטערעס שטייט נישט די יאגעניש נאך אייגענעם סיפוק, נאר דער ווילן צו ראטעווען יענעמ׳ס לעבן, איז דער עיקר פאר מיר יענעמ׳ס לעבן. נישט מיין איך, מיין פארדינסט אדער סיפוק. אפילו אין אונטער-באוואוסטזיין קען דאס שטרעבן צו אייגענעם סיפוק האבן געשפילט א געוויסע ראלע. אין דעם פאל זענען די געפילן און שטרעבונגען שוין נישט עגאיסטיש, נאר ריין אלטרואיסטיש, פאר יענעם.

אדער טראכט אריין אין דער פסיכאלאגיע פון א מוטער וואס זיצט אין טיפסטן צער ביי דער וויג פון איר מסוכנ׳דיג קראנק קינד. דער אבסטראקטער טעארעטיקער האט זיכער א רעכט צו זאגן אז זי האט דעם טיפן צער ווייל עס איז איר קינד און עס איז איר טייער, ממילא איז דאס א ריין עגאיסטישער גייסטיגער פראצעס. אבער אין דער מוטער׳ס גייסטיגן אינטערעס זענען איר אייגענער איך און איר צער אינגאנצן פארשוואונדן. אינעם צענטער פונעם באוואוסטזיין שטייט און טוט ווי די זארג פארן קינד, פאר א נישט-איך אינעם געגנויען זין.

אלע מאראלישע געפילן קענען טאקע זיין א פראדוקט פון פראצעסן אינעם מענטשליכן איך. אבער ווען אינעם צענטער פון באוואוסטזיין שטייט די זארג פאר זיך אליין און פאר אייגענעם סיפוק, איז עס עגאיזם. ווען די זארג פאר יענעם שטייט אין צענטער, אדער אן אינטערעס צו עפעס וואס פארטויבט די שטימע פון דער אייגענער עקזיסטענץ, האבן מיר אן אלטרואיסטישן אדער אידעאליסטישן גייסטיגן פראצעס.

שטירנער אליין לייקנט נישט אז די פראצעסן זענען דא. אבער די אנטדעקונג אז אויך זיי זענען פארמען פונעם איך-באוואוסטזיין האט אים אזוי נתפעל געמאכט, אז דער גייסטיגער תהום צווישן די צוויי אזוי אנדערע פארמען, עגאיזם און אלטרואיזם, פארשווינדט פון זיין בליק.

מיט שטירנער'ס שריפט האט זיך אבער אין דער ראדיקאל-סאציאליסטישער געדאנקען-וועלט אנגעהויבן א קריגס-דערקלערונג קעגן מאראל.

## 15. די געזעלשאפטליכע מאראל פון מארקס און ענגעלס

שטירנער'ס "דער איינציגער און זיין אייגנטום" פון 1845 איז די שארפסטע קריטיק פון דער מאראלישער שטעלונג אין סאציאליסטישע און קאמוניסטישע טעאריעס און באוועגונגען. אנשטאט פייערבאך'ס הומאניזם מיט זיין קולט פונעם מענטש בכלל, וואס נעמט אריין די אידעאלן און מאראלישע מעלות פונעם מענטשליכן מין, האט שטירנער געשטעלט דעם יחיד אויפן טראן.

אנשטאט דעם "Gattungswesen", דעם מהות פונעם מענטשליכן מין, א מענטש וואס פארקערפערט אין זיך דעם עצם ענין מענטש, שטעלט ער דעם איינצעלנעם וואס וויל נישט דערליידן קיין אנדערע מאכט איבער זיך ווי זיין אייגענעם אומאפהענגיגן ווילן. נישט די מאכט פון דער מדינה, נישט פון דער געזעלשאפט, און נישט די געדאנקען-מאכט פון סיי וועלכן מאראלישן פרינציפ אדער אידעאל.

אנשטאט מענטשן-ליבע און די איידעלע דערקענטעניש פונעם מענטשליכן שכל, פון וועלכע משה העס, קארל מארקס און פרידריך ענגעלס האבן ארויסגענומען זייער קאמוניזם, האט שטירנער געשריבן אויף זיין פאן עגאיזם, זעלבסטישקייט, אלס די לעצטע איינציגע טרייב-קראפט פון אלע מענטשליכע שטרעבונגען און מעשים.

דער קריטישער איבערברוך אינעם סאציאליסטישן געדאנק האט געפונען זיין טעארעטישע אויפקלערונג און באגרינדונג אינעם קאמוניסטישן מאניפעסט פון מארקס און ענגעלס, וואס איז שוין גרייט געווארן צום דרוק אין 1847.

פאר איינעם וואס שטודירט די סאציאליסטישע ליטעראטור פון יענער צייט, בעיקר די ווערק פון העס, מארקס און ענגעלס, קען נישט זיין קיין ברעקל ספק אז שטירנער'ס שארפע קריטיק האט געהאט א גרויסע ווירקונג. קודם אויף מארקס און ענגעלס, און דערנאך אויף העס ווען ער איז אריבער צו זיינע פריערדיגע תלמידים און זיך פאראייניגט מיט זיי.

אין מארקס'ס און ענגעלס'ס שריפטן צווישן 1843 און 1847 געפינען מיר אומצאליגע שטעלן מיט זייער קלארן פייערבאך-העס'ישן הומאניזם, דעם איבערגאנג צו א קריטיק פון מענטשן-ליבע, און דערנאך דעם ווייטערדיגן איבערגאנג צום קאנסעקווענטן פארווארפן יעדע מאראל.

מיר וועלן ברענגען בלויז א פאר כאראקטעריסטישע שטעלן לויט דער צייט-סדר.

אין זיין שריפט "צו דער אידן-פראגע" פון 1843 קריטיקירט מארקס די ריין פאליטישע דעמאקראטיע אין וועלכער אידן ווילן ווערן גלייך-בארעכטיגט אלס בירגער. לויט אים איז די פאליטישע דעמאקראטיע נאך קריסטליך. ווייל פאר איר איז דער מענטש, נישט נאר דער מענטש בכלל נאר יעדער מענטש, א אייגענע, העכסטע עקזיסטענץ.

אבער דאס איז א מענטש, שרייבט ער, "וואס איז נאך פארדארבן דורך דער גאנצער ארגאניזאציע פון אונזער געזעלשאפט. וואס האט זיך אליין פארלוירן, ארויסגעשטעלט אויסער זיך, און געפינט זיך אונטער דער שליטה פון אוממענטשליכע אומשטענדן און עלעמענטן. מיט איין ווארט, א מענטש וואס איז נאך נישט קיין עצם-מענטש, Gattungswesen." זעט "געזאמלטע שריפטן פון מארקס און ענגעלס, 1841-1850", ערשטער באנד, זייט 414.

ווען מארקס קריטיקירט די מענטשנרעכט אין די בורזשואזע קאנסטיטוציעס פון פראנקרייך און די פאראייניגטע שטאטן, באמערקט ער אז דאס זענען נאר "די רעכט פון א מיטגליד אין דער בורזשואזער געזעלשאפט, דאס הייסט פון א זעלבסטישן מענטש", זייט 417. איבער דער זיכערקייט וואס די קאנסטיטוציעס זאגן צו פאר יעדן זאגט ער: "מיטן באגריף זיכערקייט האט די בורזשואזע געזעלשאפט זיך נישט אויפגעהויבן העכער פון איר עגאיזם. זיכערקייט איז די פארזיכערונג פון איר עגאיזם."

בכלל, "אין אלע אזוי גערופענע מענטשנרעכט איז מען ווייט פון אויפנעמען דעם מענטש אלס א יש פונעם מענטשליכן מין", זייט 419. אבער "יעדע באפרייאונג איז דאס צוריקפירן די מענטשליכע וועלט און אירע אומשטענדן אויפן מענטש אליין", זייט 423.

די שריפט ענדיגט מארקס מיט די שורות וואס דערקלערן מענטשליכע באפרייאונג:

"ערשט ווען דערווירקליכער, איינצעלנער מענטש וועט צוריק ארייננעמען אין זיך דעם אבסטראקטן מדינה-בירגער און ווערן אלס איינצעלנער א Gattungswesen, א מענטש בעצם, אין זיין זעעוודיגן לעבן, זיין אייגענער ארבעט און זיינע אייגענע באציאונגען; ערשט ווען ער וועט דערקענען און ארגאניזירן זיינע אייגענע כוחות אלס געזעלשאפטליכע כוחות, און דעריבער נישט אפשיידן די געזעלשאפטליכע קראפט פון זיך אלס א פאליטישע קראפט, ערשט דעמאלט וועט די מענטשליכע באפרייאונג זיין דורכגעפירט." זייט 424. די דערקלערונג "א מענטש בעצם" איז פונעם מחבר.

פונעם ריין עטישן שטאנדפונקט האט מארקס באטראכט אויך אידנטום. "אין דער אידישער רעליגיע", זאגט ער, "ליגט אבסטראקט דער ביטול צו טעאריע, קונסט, געשיכטע און דעם מענטש אלס א ציל אין זיך. דאס איז דער ווירקליכער באוואוסטזיניגער שטאנדפונקט, די צדקות פונעם געלט-מענטשן ... דעם איד'ס דמיון'דיגע נאציאנאליטעט איז די נאציאנאליטעט פונעם סוחר, פונעם געלט-מענטש בכלל." זייטן 429-428.

[רעדאקציע-באמערקונג: דאס איז א ציטאט פון מארקס, געברענגט און אויסגעטייטשט פונעם מחבר. די אנטי-אידישע אלגעמיינערע באשולדיגונגען אינעם ציטאט זענען נישט די רעדאקציע'ס מיינונגען.]

די זעלבע רייך-הומאניסטישע, ריין מאראלישע שטעלונג קומט ביי מארקס ארויס אין אלע שריפטן פון יענער צייט. זי הערשט אויך ביי ענגעלס. פון אים וועלן מיר ברענגען נאר איין ציטאט פון זיין רעדע אין עלבערפעלד, אין וועלכער ער האט פארטיידיגט קאמוניזם פאר א קרייז אינטעליגענטן:

"דער ענין איז צו שאפן אזא לעבנס-מצב פאר אלע מענטשן אז יעדער זאל קענען פריי אנטוויקלען זיין מענטשליכע נאטור, לעבן מיט יענעם אין א מענטשליכער באציאונג און נישט מורא האבן אז מען וועט מיט געוואלד צעשאקלען זיין לעבנס-מצב. באזונדערע מענטשן וועלן דארפן מקריב זיין עפעס. אבער נישט זייער באמת מענטשליכע הנאה פון לעבן, נאר דעם דמיון פון א הנאה וואס אונזערע שלעכטע אומשטענדן האבן געשאפן. עפעס וואס איז קעגן דעם אייגענעם שכל און הארץ פון אלע וואס נוצן די כלומרשט'דיגע פארדינסטן." צווייטער באנד, זייט 402.

אויך דא איז א רוף צום פראלעטאריער און צו יעדן מענטש זיך אנצושליסן צו קאמוניזם כדי צו שאפן אן אמת'דיג מענטשליך לעבן פאר אלעמען. א רוף פאר יענעם'ס טובה צום שכל און הארץ פון די וואס האבן פארעכטעטע פאזיציעס אינעם געזעלשאפטליכן בנין. דאס איז די זעלבע שטעלונג וואס האט געהערשט ביי אלע סאציאליסטישע שולעס אין פראנקרייך און אויך ביי משה העס'ס אמת'ן סאציאליזם.

אבער שוין אין 1846 האט מארקס אנגעהויבן קלאר צו זען אז מען קען נישט זוכן די באגרינדונג פון קאמוניזם אויפן וועג פון מאראלישע דרשות. ער פאלט שטארק אן אויפן יונגן קאמוניסט הערמאן קריגע, וואס האט געהערט צום זעלבן גייסטיגן קרייז. פארוואס "פארלירט ער זיך אין פאנטאסטישע, פארשוואומענע געפילן"? פארוואס ווייזט ער נישט מיט די פאקטישע אומשטענדן דעם געברויך פון געמיינזאמען שאפן און ווירקן? פארוואס ערווארט ער קאמוניזם נישט אלס רעזולטאט פון דער וועלט-היסטארישער אינדוסטריעלער באוועגונג און אירע נויטווענדיגע מסקנות, נאר פון די געפילפולע הערצער פון די בעלי פארמעגן?

גלייך אנהייב דעם ערשטן טייל פון זיין פאלעמיק שרייבט מארקס:

"דאס געפילפולע הארץ וואס שוידערט ביים זען די הערשנדע נויט איז, ווי הער גוצקאוו זאגט, דער לעבעדיגסטער אדוואקאט פון קאמוניזם. בלי ספק איז אלגעמיינע מענטשן-ליבע ווי דאס ערשטע קריסטנטום האט זי גע'דרש'נט, וואס געוויסע האבן געהאלטן פאר דער פארווירקליכונג פון קאמוניזם, געווען איין קוואל פון געזעלשאפטליכע רעפארם-אידייען ... קעגן דער שלעכטער ווירקליכקייט און האס האט מען גע'דרש'נט די הערשאפט פון ליבע ...

אבער די ערפארונג לערנט אז די ליבע האט אין 1800 יאר גארנישט אויפגעטון און נישט געקענט גרינדן איר הערשאפט. דערפון איז קלאר אז די ליבע וואס האט נישט געקענט באזיגן האס גיט אונז נישט די שטארקע מעשים-קראפט וואס געזעלשאפטליכע רעפארמען דארפן.

די ליבע פארלירט זיך אין געפילפולע פראזן מיט וועלכע מען קען נישט אפשאפן קיין ווירקליכע אומשטענדן. זי שלאפט אפ דעם מענטש מיט איר ווארעמען געפיל-מאכל וואס זי שפייזט אים. אבער נויט גיט דעם מענטש קראפט. ווער עס מוז זיך אליין העלפן העלפט זיך טאקע.

דעריבער זענען דיווירקליכע אומשטענדן פון אונזער וועלט, דער שארפער קעגנזאץ אין דער היינטיגער געזעלשאפט צווישן קאפיטאל און ארבעט, בורזשואזיע און פראלעטאריאט, ווי זיי האבן זיך דאס מערסטע אנטוויקלט אינעם אינדוסטריעלן לעבן, דער צווייטער, שטארק ברויזנדיגער קוואל פונעם סאציאליסטישן וועלט-בליק און דעם ווילן צו געזעלשאפטליכע רעפארמען.

די אומשטענדן שרייען צו אונז: אזוי קען עס נישט בלייבן, עס מוז ווערן אנדערש. מיר אליין, מיר מענטשן, דארפן עס ענדערן. די אייזערנע נויטווענדיגקייט פארשפרייט די סאציאליסטישע שטרעבונגען און שאפט פאר זיי אנהענגער מיט קראפט צו מעשים. זי וועט דורכברעכן א וועג פאר סאציאליסטישע רעפארמען שנעלער ווי די גאנצע ליבע וואס גליט אין אלע געפילפולע הערצער פון דער וועלט." צווייטער באנד, זייט 416.

די פאר דער געשיכטע פון מארקסיזם אינטערעסאנטע שטעלע ווייזט אונז דעם איבערגאנג פון מארקס'ס אידעאליסטישער שטעלונג צו זיין ריין אביעקטיוו-רעאליסטישן בליק אינעם מאניפעסט. דא ליגט דער הויפט-געוויכט נאך אויפן מענטש, זיינע נויטן און נויטווענדיגקייטן. מענטשן-ליבע איז נאך איין קוואל פונעם סאציאליסטישן וועלט-בליק. דער מענטש, "מיר מענטשן", איז נאך דער שמיד פון זיין אייגענעם גורל. נאר מענטשליכע נויט איז א פיל שטארקערע איבערפארעמנדיגע קראפט ווי מענטשן-ליבע, ווי מענטשליכער שכל און הארץ.

אינעם מאניפעסט ווערט די סוביעקטיווע מענטשליכע נויט און נויטווענדיגקייט פארוואנדלט אין אן אביעקטיווער היסטארישער אומפארמיידליכקייט. דער מענטש, די מענטשליכע געזעלשאפט און דער עצם-מענטש ווערן פארוואנדלט אין א קלאסן-קאמף וואס טרייבט שטענדיג די רעדער פון דער געשיכטע. די גאנצע מאראל, ווי אלע אנדערע אייביגע אמת'ן און פרינציפן, ווערט פארוואנדלט אין שאטנס וואס דער קלאסן-קאמףווארפט אויפן עקראן פון אונזער באוואוסטזיין.

דארט רייסט סאציאליזם שארף און אינגאנצן איבער זיין לאנגן זיווג מיט מאראל. פאר זיין באגרינדונג בויט ער א ריין וויסנשאפטליכן יסוד, פריי פון יעדער פערזענליכער מאראל און געזעלשאפטליכער עטיק.

# 16. קארל מארקס'ס מאניפעסט און די געזעלשאפטליכע מאראל

ביי פייערבאך זענען די באגריפן "מענטש" און "מענטשליכער מין" געווען דער אומבאוואוסטזיניגער קערנדל פון אלע רעליגיעזע און מאראלישע אידייען און אידעאלן, און אויך פון אלע פאליטישע לעבנס-פארמען דורכאויס דער געשיכטע. די זעלבע באגריפן האבן געזאלט דינען באוואוסטזיניג אלס א וועגווייזנדיגער שטערן אינעם קאמף קעגן דער אלטער וועלט פאר א בעסערער צוקונפט.

ביי משה העס איז דער מענטש, דער שאפער פון דער מענטשליכער געשיכטע, פארוואנדלט געווארן אין דעם געזעלשאפטליכן מענטש. שטירנער וויל נישט וויסן פונעם כלל-מענטש און נישט פונעם געזעלשאפטליכן מענטש אלס א וועגווייזנדיגער שטערן אינעם באפרייאונגס-קאמף. פאר אים איז מענטש דער איינצעלנער יחיד, וואס ווערט אין זיינע מעשים געפירט דורך זיין אייגענעם זעלבסטישן אינטערעס. ער וויל נישט וויסן פון אידעאלן וואס ער דארף דינען.

ביי קארל מארקס ווערט העס'ס געזעלשאפטליכער מענטש מגולגל אינעם סכום פון געזעלשאפטליכע באציאונגען. נאך שפעטער ווערט דער סכום, נישט אן דער ווירקונג פון שטירנער'ס אנטי-אידעאליסטישן, אנטי-מאראלישן עגאיזם, פארוואנדלט אין מאטעריעלער פראדוקציע און קלאסן-קאמף. די נעמען איבער די ראלע פון פרינציפן וואס דערקלערן אלעס אין דער מענטשהייט'ס געשיכטע, און פון א וועגווייזנדיגן שטערן אינעם פראלעטאריאט'ס באפרייאונגס-קאמף.

מיר קענען דא נישט באשרייבן וויאזוי אלע די גלגולים זענען געשען אין דער דייטשער פילאזאפישער געדאנקען-וועלט. וויאזוי פיכטע'ס געטליכער אל-איך איז געווארן העגעל'ס וועלט-גייסט, פייערבאך'ס מענטש, שטירנער'ס איינצעלנער איך, מארקס'ס סכום פון געזעלשאפטליכע באציאונגען און צום סוף, אין דער צייט פונעם מאניפעסט, מאטעריעלע פראדוקציע און קלאסן-קאמף.

מיר דארפן דא נאר ווייזן וואס פאר א פנים די מענטשליכע אידייען און אידעאלן בכלל, און די מאראלישע בפרט, האבן באקומען אינעם מאניפעסט.

"וואס ווייזט אונז די געשיכטע פון אידייען", פרעגן מארקס און ענגעלס, "אויב נישט אז די גייסטיגע פראדוקציע האט זיך געענדערט צוזאמען מיט דער מאטעריעלער? די הערשנדע אידייען פון א צייט זענען שטענדיג געווען בלויז די אידייען פונעם הערשנדיקן קלאס.

מען וועט זאגן: די רעליגיעזע, מאראלישע, פילאזאפישע, פאליטישע און רעכטליכע אידייען האבן זיך טאקע געביטן במשך דער היסטארישער אנטוויקלונג. אבער רעליגיע, מאראל, פילאזאפיע, פאליטיק און רעכט האבן זיך דאך געהאלטן אין די ענדערונגען. דערצו זענען דא אייביגע אמת'ן ווי פרייהייט און גערעכטיגקייט וואס עקזיסטירן אין אלע געזעלשאפטליכע אומשטענדן. קאמוניזם אבער שאפט אפ רעליגיע און מאראל אנשטאט זיי צו געבן א נייע פארעם. דעריבער גייט ער קעגן דער גאנצער ביז-היינטיגער היסטארישער אנטוויקלונג.

וואס איז דער לעצטער זין פון די טענות? די געשיכטע פון דער גאנצער ביז-היינטיגער געזעלשאפט איז געגאנגען אין קלאסן-קעגנזאצן וואס האבן אין פארשידענע תקופות אנגענומען אנדערע פארמען. אבער וועלכע פארעם זיי האבן נאר געהאט, אויסנוצונג פון איין טייל געזעלשאפט דורך אן אנדערן איז א פאקט געמיינזאם פאר אלע פארגאנגענע יארהונדערטער.

דעריבער איז נישט קיין חידוש אז דער געזעלשאפטליכער באוואוסטזיין פון אלע יארהונדערטער, כאטש פארשידנארטיג און מיט אסאך פארמען, האט זיך באוועגט אין געוויסע געמיינזאמע פארמען. פארמען פון באוואוסטזיין וואס וועלן אינגאנצן פארשווינדן מיטן פארשווינדן פונעם קלאסן-קעגנזאץ."

[מקור-באמערקונג: די שטעלן פונעם מאניפעסט ווערן ציטירט לויט דער אידישער איבערזעצונג פון 1906, פארלאג "די וועלט", זייטן 55-56, אבער דער מחבר האט זיי פארראכטן לויטן דייטשן טעקסט.]

דער געדאנק פונעם מאניפעסט איז קלאר. אין דער צוקונפט וועלן אינגאנצן פארשווינדן רעליגיע, פילאזאפיע, פאליטיק און רעכט, און אויך מאראל. די איינטיילונג אין מאראליש טוב און רע און ווערט דא באטראכט ווי, למשל, די איינטיילונג אין כשר און טריף לויטן אידישן שולחן ערוך. מאראל איז נישט אן אייביגער צווייג פון מענטשליכער קולטור, נאר א היסטארישער. זי איז אויפגעקומען אין איין צייט און איז באשטימט צו פארשווינדן אין דער צוקונפט.

דאס איז א ריין שטירנער'שער שטאנדפונקט, אויב מען זאל אין דער גרויסער גייסטיגער שחיטה געבן די פילאזאפיע א חנינה, אלס א פריוואטן פארגעניגן פונעם איינצעלנעם מענטש, ווי שטירנער טוט.

אינעם קאמוניסטישן מאניפעסט ווערט דער מענטש דערטרונקען אינעם קלאסן-קעגנזאץ צווישן בורזשואזיע און פראלעטאריאט. מענטשליכע באפרייאונג ווערט די באפרייאונג פונעם פראלעטאריאט. זיין פאראייניגונג צו א קלאס, זיין איינגעמען די פאליטישע מאכט, זיין אפשאפן אלע געזעלשאפטליכע קלאסן און ממילא אויך זיך אליין אלס א קלאס פון לוין-ארבעטער.

ביז דעמאלט איז נאך נישט דא קיין געזעלשאפט וואס זאל שטיין אויסער און איבער די קלאסן און זיך אריינמישן אינעם קלאסן-קאמף. געזעלשאפט איז בלויז א סכום פון געזעלשאפטליכע באציאונגען, און אין דער אונטערשטער שורה א סכום פון קלאסן און קלאסן-קעגנזאצן.

דאס וועט זיך ענדערן ערשט נאך דער פראלעטארישער רעוואלוציע, ווען "אויף דעם פלאץ פון דער אלטער בורזשואזער געזעלשאפט מיט אירע קלאסן און קלאסן-קעגנזאצן קומט א פאראייניגונג אין וועלכער יעדן איינעם'ס פרייע אנטוויקלונג איז דער תנאי פאר אלע'ס פרייע אנטוויקלונג", זייט 58.

איז מארקס אבער געבליבן ביי די בליקן אויף מענטש, געזעלשאפט און מאראל? רוב מארקסיסטן מיינען אז ער האט דעם מאניפעסט'ס שטאנדפונקט קיינמאל נישט געביטן. זיי באמערקן נישט די גרויסע פרינציפיעלע ענדערונג וואס איז ביי אים געשען דווקא וועגן די ענינים. דאס איז געשען אין די זעכציגער יארן און האט זיך דאס שארפסטע אויסגעדריקט אין זיין קלאסישן ווערק "דאס קאפיטאל".

אין דעם ווערק האבן מיר א גאנץ אנדערן קארל מארקס. מען רעדט ווידער פון מענטש און מענטשליכקייט. פון דער היינטיגער געזעלשאפט אלס א גאנצע וואס מישט זיך אריין אינעם קלאסן-קאמף. דער גרויסער באדייט פון מענטשליכער מאראל קומט ווידער ארויס.

מיר וועלן באלד ברענגען קלארע ציטאטן פון זיין הויפט-ווערק. אבער קודם דארפן מיר באמערקן אז די ענדערונגען זענען ארויסגעוואקסן פון זיין נייעם בליק אויפן מהות פון געזעלשאפט. "די היינטיגע געזעלשאפט", שרייבט ער אינעם פארווארט צו דער ערשטער אויסגאבע פון קאפיטאל, "איז אן ארגאניזם וואס קען זיך ענדערן און געפינט זיך שטענדיג אינעם פראצעס פון ענדערונג."

אן ארגאניזם איז נישט נאר א סכום פון באזונדערע אברים. ער איז דער סכום פון די טיילן מיטן גאנצן דערצו, די לעבנס-קראפט וואס ווירקט אין אלע טיילן. אזוי איז געזעלשאפט נישט נאר א סכום פון באזונדערע קלאסן און זייערע קעגנזאצן. ווי דאס לעבן פונעם גאנצן ארגאניזם ווירקט אויף די לעבנס-פראצעסן פון די אברים, אזוי ווירקט דער גאנצער געזעלשאפט'ס לעבן אויף די פראצעסן אין די פארשידענע קלאסן.

נישט די פארשידענע קלאסן שטעלן צוזאמען די געזעלשאפט. דער געזעלשאפט'ס וואוקס רופט ארויס די קלאסן-איינטיילונג, זייערע רייבונגען און קעגנזאצן, און אויך דעם קלאסן-קאמף אליין, ביז די קלאסן ווערן אינגאנצן אפגעשאפט.

מיר ברענגען עטליכע שטעלן פון קאפיטאל אין וועלכע געזעלשאפט קומט ארויס אלס א גאנצע וואס שטייט איבער דער קלאסן-איינטיילונג.

וועגן דער אויסנוצונג פון מענטשליכער ארבעט אין קאפיטאליזם שרייבט מארקס: "קאפיטאל שאנט נישט דעם ארבעטער'ס געזונט און אריכות ימים אומעטום וואו די געזעלשאפט צווינגט אים נישט דערצו." געדענקט, נישט דער ארבעטער-קלאס, נאר די געזעלשאפט, באמערקט דער מחבר. "אין גרויסן און גאנצן ווענדט זיך די אויסנוצונג אבער נישט אינעם קאפיטאליסט'ס גוטן אדער שלעכטן ווילן ... די אינערליכע געזעצן פון קאפיטאליסטישער פראדוקציע ווירקן ווי א צוואנג-געזעץ פאר יעדן באזונדערן קאפיטאליסט." קאפיטאל, ערשטע אויסגאבע, ערשטער באנד, זייט 243.

אויך וועגן דער ארבעטער "פארקויפט זיין בכורה פאר א טאפ לינזן" טוט ער עס ווייל ער איז דערצו "פרייוויליג גרייט, דאס הייסט ער ווערט געזעלשאפטליך געצוואונגען", זייט 244.

דאס פארקירצן דעם ארבעטס-טאג אין ענגלאנד צום צען-שטונדן-טאג איז לויט מארקס געווען א רעזולטאט פון דער ריזיגער קאפיטאליסטישער אויסנוצונג, וואס האט ארויסגערופן "אלס קעגנגעוויכט דעם געזעלשאפטליכן קאנטראל וואס באגרעניצט, רעגולירט און מאכט איינהייטליך דעם ארבעטס-טאג מיט די רו-שטונדן", זייט 276. דאס הייסט, די געזעלשאפט האט באשטימט וועלכע זייט זאל איבערוועגן אינעם קלאסן-קאמף צווישן ארבעטער און קאפיטאליסטן.

וועגן דער ווויסנשאפט וואס דינט דער קאפיטאליסטישער סיסטעם רעדט ער נישט אלס א פראדוקט פון דער בורזשואזיע. ער זאגט אז קאפיטאליזם "נעמט אריין אין זיך אומזיסט און אומנישט דעם דערגרייכטן פארשריט פון דער געזעלשאפט", זייט 591.

דאס איז א געוואלדיגע פרינציפיעלע ענדערונג קעגן דעם מאניפעסט'ס שטעלונג צו די הערשנדע אידייען פון דער צייט. נישט אלע זענען בלויז די אידייען פונעם הערשנדיקן קלאס. דא האבן מיר א פאל וואו די הערשנדע וויסנשאפטליכע אידייען, און אויך די

הערשנדע אידעע אין געזעלשאפטליכער פאליטיק וואס פארלאנגט צו פארקירצן און רעגולירן דעם ארבעטס-טאג, קומען נישט פון די הערשנדע קלאסן, נאר פון דער גאנצער געזעלשאפט'ס פארשריט.

## 17. דער "אנדערער" קארל מארקס

אין דער צייט פונעם קאמוניסטישן מאניפעסט, די לעצטע העלפט פון די פערציגער יארן, איז דער מענטש פאר מארקס געווען א סכום פון געזעלשאפטליכע באציאונגען. געזעלשאפט איז געווען א סכום פון קלאסן מיט קעגנזעצליכע אינטערעסן. לכל הפחות ביז דער סאציאליסטישער רעוואלוציע וועט אפשאפן די קלאסן-איינטיילונג און פארוואנדלען אלע יחידים אין פאראייניגונגען פון פרייע פראדוצירער.

אין דער צייט פון קאפיטאל, די זעכציגער יארן, האט מארקס אנגעהויבן באטראכטן געזעלשאפט אלס אן ארגאניזם. א פאראייניגטער יש וואס באשטייט פון די באזונדערע קלאסן, טיילן און זייערע באציאונגען, און אויך פון דער לעבעדיגער קראפט וואס בינדט זיי צוזאמען און באהערשט זייערע באציאונגען. דאס האבן מיר געזען אינעם פריערדיגן קאפיטל.

צוזאמען מיטן נייעם בליק ענדערט זיך ביי מארקס סיי דער בליק אויף מענטש, מענטשליך און מענטשליכקייט, סיי זיין בליק און אינטערעס צו מענטשליכער מאראל. אויך ווען די געזעלשאפט מישט זיך אריין אין די באציאונגען צווישן קאפיטאליסט און לוין-ארבעטער צו פארקירצן דעם ארבעטס-טאג, שפילט דער ריין מאראלישער עלעמענט שוין א ראלע. מיר זעען עס קלאר פון די קומענדיגע שטעלן, נישט די איינציגע, אינעם הויפט-ווערק קאפיטאל.

מארקס שרייבט וועגן דעם ארבעטס-טאג: "אויסער דער ריין קערפערליכער גרענעץ שטויסט דאס פארלענגערן דעם ארבעטס-טאג זיך אן אין מאראלישע גרענעצן. דער ארבעטער דארף האבן צייט צו באפרידיגן גייסטיגע און געזעלשאפטליכע געברויכן, וואס זייער פארנעם און צאל ווערן באשטימט דורכן אלגעמיינעם קולטור-מצב." ערשטע אויסגאבע, זייט 199.

דער קאפיטאליסטישער קלאס רעכנט זיך נישט דערמיט. פאר אים "איז פארשטייט זיך אז דער ארבעטער איז אין זיין גאנצן לעבן גארנישט אויסער ארבעטס-קראפט. דעריבער געהערט זיין גאנצע פרייע צייט, לויט נאטור און לויט רעכט, צום קאפיטאליסט. צייט פאר מענטשליכער בילדונג, גייסטיגער אנטוויקלונג, דורכפירן געזעלשאפטליכע אויפגאבן, חבר'ישן פארקער, א פרייען שפיל פון קערפערליכע און גייסטיגע כוחות, אויך זונטיג-רו אפילו אין לאנד פון די שבת-פארהייליגער: אלעס ריינע נארישקייטן!

אבער אין זיין אומבאגרעניצטן שטרעבן און וואלפישן הונגער נאך מער-ארבעט גייט קאפיטאל איבער די מאראלישע און אויך די ריין קערפערליכע העכסטע גרענעצן פונעם ארבעטס-טאג", זייט 235. מארקס מאכט דעם סך הכל: "דאס פארלענגערן דעם

ארבעטס-טאג רויבט אוועק פון דער מענטשליכער ארבעטס-קראפט די באדינגונגען פאר איר מאראלישער און קערפערליכער אנטוויקלונג", זייט 238.

ווען מארקס אנאליזירט און באלייכט דעם אויפקום פון דער מאנופאקטור-תקופה לאזט ער נישט ארויס פונעם בליק דעם אלגעמיין מענטשליכן מאראלישן עלעמענט. די תקופה האט אריינגעווארפן די ענגלישע פויערים אין נויט, זיי געצוואונגען צו פארדינגען זייערע קליינע קינדער צום קאפיטאליסט, און דערנאך פארוואנדלט זייערע זין און טעכטער אין פראלעטאריער, אין "אפגעפליקטע הינער און הענער", זיין אויסדרוק אויף זייט 741.

"אין דעם פראצעס", זאגט ער, "גייען דער לאנדמאן און זיין משפחה, וואס האבן אין די שמוציגסטע אומשטענדן אפט באמת וואונדערליך אויפגעהיט די ערליכקייט און ריינקייט פונעם כאראקטער, פשוט צום טייוול." זייט 674. די ענגלישע איבערזעצונג גיט דעם דייטשן ווארט "Tüchtigkeit", אויך אין זין פון ערליכקייט, איבער מיט "integrity", זייט 752.

אין אן אנדערן פלאץ, ווען פארקויפן קינדער אין לוין-קנעכטשאפט, שרייבט מארקס: "אונטער די פארשאלטענע אומשטענדן אין וועלכע די דעליקאטע האבן אריינגעטריבן דעם לאנדמאן וואלט מען געקענט פארשטיין אויב ער וואלט אויפגעגעסן זיינע אייגענע קינדער. באמת וואונדערליך איז די כאראקטער-ערליכקייט וואס ער האט מערסטנס אויפגעהיט." זייט 688; דער מקור גיט פאר דער ענגלישער אויסגאבע זייט 766.

ווען ער באשרייבט דאס לעבן פונעם אויפקומענדן פראלעטאריאט אין שטעט לויט די פאבריק-אינספעקטארן'ס באריכטן, באמערקט ער: "אונטער די באשריבענע אומשטענדן דארף דאס געפיל פון בושה און אנשטענדיגקייט ווערן זייער גראב אנגערירט. די גאנצע מאראל דארף כמעט אומפארמיידליך צעשטערט ווערן." זייט 675.

אויב מארקס בלייבט נישט לענגער שטיין ביים גורל פון מענטשליכער מאראל אונטער קאפיטאליזם איז עס ווייל "די מאראלישע פארקרימונג וואס די קאפיטאליסטישע אויסנוצונג פון פרויען- און קינדער-ארבעט ברענגט איז שוין אזוי פולשטענדיג באשריבן געווארן אין פרידריך ענגעלס'ס בוך וועגן דער לאגע פון די ארבעטנדיגע קלאסן אין ענגלאנד און דורך אנדערע שרייבער". דא דערמאנט ער עס נאר, זייט 388. אגב, ענגעלס'ס בוך איז נאך געשריבן געווארן אונטער דער השפעה פון פייערבאך'ס הומאניזם.

מארקס רעדט אויך יעצט ווייניג וועגן מאראל, אבער מיט געוויכט. כמעט יעדע זייט פון זיין ווערק וואס באשרייבט פאקטישע אומשטענדן איז דורכגעווייקט מיט שטארקן מאראלישן צארן, כאטש ער לאזט אים נאר זעלטן עפנטליך ארויסברויזן. אמאל קען ער זיך אבער נישט איינהאלטן. ווען ער מאכט דעם סך הכל פון דער מאנופאקטור-תקופה אין אייראפע ווארפט ער איר אין פנים זיין שארפסטן מאראלישן פראטעסט: "מיט דער אנטוויקלונג פון דער מאנופאקטור-תקופה האט אייראפע'ס עפנטליכע מיינונג פארלוירן דעם לעצטן רעשט פון בושה און געוויסן." זייט 740.

דעם סך הכל פון זיין אנאליז פונעם גאנצן קאפיטאליסטישן רעזשים ברענגט ער ארויס אין די שורות, אין וועלכע דער מאראלישער עלעמענט שפילט שוין א גרויסע ראלע: "דאס צוזאמענקלייבן רייכטום אויף איין פאל איז אין דער זעלבער צייט דאס

צוזאמענקלייבן נויט, ארבעטס-פיין, קנעכטשאפט, עם-הארצות, ברוטאליטעט און מאראלישע ירידה אויפן פארקערטן פאל. אויף דער זייט פונעם קלאס וואס פראדוצירט זיין אייגענעם פראדוקט אלס קאפיטאל." זייט 632.

אין מארקס'ס הויפט-ווערק באקומט די געזעלשאפט אלס איין ארגאניזם ווידער איר ריכטיגן תיקון, און אויך מענטשליכע מאראל. אלס א לאגיש נויטווענדיגער צוזאמענהאנג דערצו אויך דער מענטש און די מענטשליכע נאטור. זיי זענען פאר מארקס שוין נישט נאר א סכום פון געזעלשאפטליכע באציאונגען וואס בייטן זיך מיט דער צייט. נאר אן אייגנארטיגער יש, א סכום פון אייגנשאפטן וואס באצייכענען נאר דעם מענטש, אנדערש ווי אלע אנדערע באשעפענישן.

א שארפער בליק פונעם תיקון געפינט זיך אין קאפיטאל אין די פאר פאלעמישע שלעג וואס מארקס גיט דעם נוצליכקייטס-פילאזאף יערעמיאס בענטהאם. פאר בענטהאם איז נוצליכקייט די טרייב-קראפט וואס קומט פון מענטשליכער נאטור און באשטימט אלע מעשים. דער אנפאל אויף בענטהאם איז בעצם אויך א פאלעמיק קעגן שטירנער'ס עגאיסטישער מאראל-פילאזאפיע מיטן קולט פונעם פערזענליכן פארדינסט.

ווייל דאס איז אזוי וויכטיג פאר אונזער ענין, און ווייל מיר קענען זיך נישט אפזאגן פונעם פארגעניגן צו זען ווי מען שלאגט א קעגנער מיט אנגעברענטע אייזערנע רוטן, ברענגען מיר די שטעלע מיט בלויז א פאר פארקירצונגען:

"דעם נוצליכקייטס-פרינציפ האט בענטהאם נישט אויסגעטראכט. ער האט נאר אן א ברעקל גייסט איבערגעגעבן וואס העלוועציוס און אנדערע פראנצויזן פונעם אכצנטן יארהונדערט האבן גייסטיג געזאגט. אויב מען וויל וויסן וואס איז נוצליך פאר א הונט דארף מען אויספארשן די הונט-נאטור. די נאטור אליין קען מען נישט אויפבויען בלויז פונעם נוצליכקייטס-פרינציפ.

ווען מען טראגט דאס אריבער אויפן מענטש און וויל שאצן אלע מענטשליכע מעשים, באוועגונגען און באציאונגען לויט נוצליכקייט, דארף מען קודם האבן אין זינען מענטשליכע נאטור בכלל, דערנאך ווי זי ווערט געענדערט אין יעדער תקופה.

בענטהאם מאכט נישט קיין סך חילוקים. מיט דער נאיווסטער טרוקנקייט שטעלט ער דעם מאדערנעם פיליסטער, בעיקר דעם ענגלישן, אלס דער נארמאלער מענטש. וואס איז נוצליך פאר דער משונה'דיגער באשעפעניש און איר וועלט איז נוצליך פאר זיך אליין. מיט דעם מאסשטאב שאצט ער אפ עבר, הווה און עתיד.

למשל, קריסטליכע רעליגיע איז נוצליך ווייל זי פארווארפט רעליגיעז די חטאים וואס דאס שטראף-געזעץ פאראורטיילט לעגאל. קונסט-קריטיק איז שעדליך ווייל זי שטערט חשובע מענטשן הנאה צו האבן פון מארטין טאפער און אזוי ווייטער ... ווען איך וואלט געהאט מיין פריינט היינריך היינע'ס מוט וואלט איך הער יערעמיאס גערופן דער גאון אין בורזשואזער טיפשות." זייטן 597-596.

מיר זעען קודם ווי מארקס ברענגט ווידער אריין דעם באגריף פון אן אלגעמיינער מענטשליכער נאטור אין זיין וועלט-בליק. און ווי ער ווארפט אפ דעם נוצליכקייטס-בליק וואס זעט אין מענטשליכער נאטור נאר שטרעבן צו אייגענעם פערזענליכן נוצן, ווי ביי

שטירנער, אדער צום נוצן פון דער גאנצער געזעלשאפט, ווי ביי אסאך אנדערע נוצליכקייטס-טעארעטיקער.

נישט נוצליכקייט, נאר עפעס אנדערש זעט מארקס אין יסוד פון דער אלגעמיינער מענטשליכער נאטור. צו דער אלגעמיינער מענטשליכער מאראל פאר וועלכער ער שטעלט זיך איין אין די געברענגטע שטעלן, כאראקטער-ערליכקייט, אנשטענדיגקייט, בושה, געוויסן און א הויכער מאראלישער שטאפל בכלל, קומען ביי אים נאך מאראלישע פרינציפן. זיי שטאמען פון דער אלגעמיינער מענטשליכער נאטור און זענען שוין נישט נוצליכקייט, נישט מאטיוון על מנת לקבל פרס.

## 18. וואס קארל מארקס האט געזאגט

אויך אין קאפיטאל, קארל מארקס'ס הויפט-ווערק, שפילט דער קלאסן-קאמף צווישן בורזשואזיע און ארבעטערשאפט, פראלעטאריער און פויערים, פארשטייט זיך אן אויסערגעווענליך וויכטיגע ראלע. אבער העכער די קלאסן ווערט דארט געשטעלט די געזעלשאפט אלס אן ארגאנישער איינס, א סך מער ווי דער סכום פון אירע איינצעלנע טיילן. איר אנטוויקלונג רופט ארויס די קלאסן-איינטיילונג. זי מישט זיך אריין אין די קעגנזאצן צווישן די קלאסן, און איר אנטוויקלונג פירט ווידער צום אינגאנצן אפשאפן די קלאסן-איינטיילונג.

אן אפילו גרעסערע ראלע ווי געזעלשאפט און קלאסן-קאמף נעמען אן צו שפילן דער מענטש און מענטשליכע נאטור אינעם גאנצן טעארעטישן בנין פון קאפיטאל. די ראלע פירט צום ווידער אויפלעבן מאראל אלס אן אייביגער צווייג פון מענטשליכער קולטור. זי ברענגט אויך א וויכטיגע טעארעטישע פאזיציע אין מארקס'ס מאראלישן לעבנס-בליק, געבויט אויף דער באזונדערער חשיבות פון מענטשליכער ארבעט.

שוין אין די סוף פערציגער יארן, אין זיין לעקציע וועגן לוין-ארבעט און קאפיטאל, זאגט מארקס אז "ארבעט איז דער מענטש'ס לעבנס-אויסדרוק". אבער נאר אין קאפיטאל דערקלערט ער דעם ענין מענטשליכע ארבעט מער באריכות.

מענטשליכע ארבעט ווערט דא באצייכנט דערמיט וואס זי "ווירקט אויף דער נאטור און ענדערט זי". "דורכן פראצעס ענדערט דער מענטש אויך זיין אייגענע נאטור." וועלכע ענדערונגען? ער "אנטוויקלט די מעגליכקייטן, די פאטעצן, וואס דרעמלען אין איר און שטעלט דעם שפיל פון אירע כוחות אונטער זיין אייבער-מאכט".

די ארבעט האט זיך אנגעהויבן אנטוויקלען אין דער ווייטער אור-צייט, ווען זי איז נאך געווען ריין אינסטינקטיוו ווי ביי אלע לעבעדיגע באשעפענישן, למשל א בין. דערנאך דערגרייכט מענטשליכע ארבעט "א פארעם וואס געהערט אינגאנצן נאר צום מענטש". איר כאראקטעריסטישער שטריך איז אז "ביים סוף פונעם ארבעטס-פראצעס באקומט זיך א רעזולטאט וואס איז שוין פריער געווען אינעם ארבעטער'ס פארשטעלונג, דאס הייסט אידעעל". "סוף מעשה במחשבה תחילה!" לייגט זשיטלאווסקי צו.

"ער ענדערט נישט נאר דעם נאטירליכן מאטעריאל'ס פארעם, נאר פארווירקליכט זיין באוואוסטן ציל. דער ציל באשטימט ווי א געזעץ דעם אופן פון זיין טאן, און אים מוז ער אונטערווארפן זיין ווילן." דער "ציל-גערעכטער ווילן" מוז אנהאלטן די גאנצע צייט פון דער ארבעט. "אלץ מער, וואס ווייניגער די ארבעט ציט דעם ארבעטער צו זיך דורך איר אייגענעם אינהאלט און דעם אופן ווי זי ווערט אויסגעפירט; וואס ווייניגער ער קען דעריבער הנאה האבן פון איר ווי פון א שפיל פון זיינע אייגענע קערפערליכע און גייסטיגע כוחות." ערשטן באנד, זייטן 142-141.

דא זעען מיר קלאר וואו מארקס שיידט זיך פון פוריע און פון פרודאן. פאר פוריע קען מענטשליכע ארבעט אין דער סאציאליסטישער צוקונפט שטענדיג ווערן א שפיל וואס ברענגט נאר פארגעניגן, אויב דער מענטש טוט זי נאר ווען ער וויל. פאר פרודאן איז ארבעט א שווערע, הארטע מאראלישע פליכט וואס דער ארבעטער מוז נעמען אויף זיך מיט כמעט רעליגיעזער הייליגקייט.

מארקס שיידט דא צווישן צוויי סארטן ארבעט. ביי איין סארט מוז דער מענטש צווינגען זיין ווילן צו טאן, ווייל דער ארבעטס-פראצעס אליין ברענגט אים נישט קיין ברעקל הנאה. ביי דער אנדערער קען ער אלץ מער הנאה האבן ווי פון א שפיל פון זיינע אייגענע כוחות.

די וויכטיגע שטעלע געפינט זיך, ווי דערמאנט, אין ערשטן באנד קאפיטאל, כמעט ביים אנהייב פון מארקס'ס טעארעטישן ווערק. דער זעלבער געדאנק בליט זיך אויס און ברענגט א מאראלישע פרוכט אין דריטן באנד, כמעט ביים סוף פונעם ווערק. א סוף וואס נעמט אלעס אריין און באקרוינט דעם גאנצן טעארעטישן בנין.

ווען עס קומט מיר אויס צו ציטירן די שטעלע וואס איך מיין, אינגאנצן אדער טיילוויז, און איך לאז נישט דורך קיין פאסיגע געלעגנהייט, נעמט מיך דורך א געפיל פון יראת הרוממות פאר מארקס, דעם מאראל-פילאזאף, דעם קאנסעקווענטסטן אידעאליסט אין מאראל-פילאזאפיע. לאזט מיך זי דא, צום וויפלטן מאל, ציטירן אינגאנצן. לאמיר זי לייענען מיט קאפ און הארץ און מיט געשטארקטער האפענונג פאר דער צוקונפט פון דער ארבעטנדיגער מענטשהייט!

בשעת מארקס רעדט שטרענג עקאנאמיש וועגן מאטעריעלער פראדוקציע, דאס הייסט פראדוצירן מאטעריעלע גיטער, און די באדינגונגען פאר מער רייכטום אין דער געזעלשאפט, רייסט ער זיך מיטאמאל אפ פון דער ערד. ער שפרייט אויס זיינע אדלער-פליגל, פליט אין דער בלויער אומענדליכקייט פונעם אידעאל, און הייבט אן רעדן וועגן א "ממשלה פון פרייהייט" וואס ער האט פריער קיינמאל נישט דערמאנט.

"די ממשלה פון פרייהייט הייבט זיך באמת אן ערשט דארט וואו די ארבעט וואס נויט און דרויסנדיגע צילן באשטימען הערט אויף. זי ליגט דעריבער, לויטן עצם ענין, אויף יענער זייט פון דער אייגנטליכער מאטעריעלער פראדוקציע.

ווי דער ווילדער מוז זיך ראנגלען מיט דער נאטור כדי צו באפרידיגן זיינע געברויכן, אונטערהאלטן און באנייען זיין לעבן, מוז דאס אויך דער ציוויליזירטער מענטש. ער מוז עס טאן אין אלע געזעלשאפט-פארמען און אונטער אלע מעגליכע פארמען פון

פראדוקציע. מיט זיין אנטוויקלונג ווערט די ממשלה פון נאטירליכער נויטוועַנדיגקייט ברייטער, ווייל די געברויכן ווערן מער. אין דער זעלבער צייט ווערן אבער אויך די פראדוקציע-כוחות וואס באפרידיגן זיי ברייטער.

פרייהייט אויף דעם פעלד קען באשטיין נאר דערין וואס דער פארגעזעלשאפטליכטער מענטש, די פאראייניגטע פראדוצירער, רעגולירן זייער אויסטויש פון מאטעריע מיט דער נאטור אויף א ראציאנאלן אופן. זיי שטעלן אים אונטער זייער אלע'ס קאנטראל, אנשטאט ווערן באהערשט פון אים ווי פון א בלינדער מאכט. זיי פירן עס דורך אונטער באדינגונגען וואס פארלאנגען דעם קלענסטן אויפוואנד פון קראפט און זענען אויף דעם מענטשליכער נאטור-ווירדיגסטן און פאסיגסטן אופן צוגעפאסט צו זיי. אבער דאס בלייבט שטענדיג א ממשלה פון נויטוועַנדיגקייט.

אויף יענער זייט הייבט זיך אן די אנטוויקלונג פון מענטשליכער קראפט וואס טראגט איר ציל אין זיך אליין, די אמתע ממשלה פון פרייהייט. זי קען נאר אויפבליען אויפן פונדאמענט פון דער ממשלה פון נויטוועַנדיגקייט. פארקירצן דעם ארבעטס-טאג איז איר יסודות'דיגע באדינגונג." קאפיטאל, דריטער באנד, צווייטער טייל, זייט 355; ענגליש 954.

זשיטלאווסקי באמערקט אינמיטן דעם ציטאט אז "דער פארגעזעלשאפטליכטער מענטש" איז א ליבער אויסדרוק פון העס.

וואס לערנען אונז די ערנסטע, צוזאמענגעפרעסטע, קלוג אויסגעפארעמטע רייד, דורכגעגליט מיט א באהאלטענעם נביא'ישן פאטאס?

קודם געפינען מיר א נייע איינטיילונג אין מענטשליכער ארבעט. אין ערשטן באנד האט מארקס זי איינגעטיילט אין ארבעט וואו דער ארבעטער צווינגט זיין ווילן צו טאן נישט וואס ער וויל, נאר וואס ער מוז פארן באוואוסטן ארבעטס-ציל, און ארבעט וואס ער וויל טאן צוליב דער הנאה פון פראצעס אליין, ווי פון א שפיל פון זיינע כוחות. דאס איז אן איינטיילונג לויט דעם ארבעטער'ס סוביעקטיוון, פסיכאלאגישן צוגאנג.

אין דריטן באנד ווערט די איינטיילונג נישט אפגעשאפט, נאר באררייכערט מיט א נייער, לויט דעם אביעקטיוון באוואוסטן ציל פון דער ארבעט. איין סארט ארבעט קומט פון נויטוועַנדיגקייט, פון א דרויסנדיגן נוצן, פון מאטעריעלער פראדוקציע וואס ברענגט נאר מיטלען צו א ציל. די אנדערע קומט פון פרייהייט, פון מענטשליכער קראפט וואס איז א ציל פאר זיך אליין.

וואס איז דאס פאר א קראפט? מארקס האט אונז שוין געענטפערט אין דער ציטירטער שטעלע וועגן די "מאראלישע גרענעצן" וואס דער קאפיטאליסט צווינגט דעם ארבעטער אריבערצוטרעטן אינעם פארלענגערטן ארבעטס-טאג. דער ארבעטער דארף האבן "צייט פאר מענטשליכער בילדונג, פאר גייסטיגער אנטוויקלונג".

מיר זעען דא אז דאס מיינט: ער דארף האבן צייט צו שאפן די גיטער וואס דינען מענטשליכער בילדונג און גייסטיגער אנטוויקלונג, נישט פאר וועלכן עס איז נוצן, נאר לשם זיך אליין. דווקא אין אזא שאפן דריקט זיך אויס מענטשליכע קראפט וואס טראגט איר ציל אין זיך.

אין דער ממשלה פון נויטוועדיגקייט איז דער אביעקטיווער ציל פון ארבעט פראדוצירן מאטעריעלע גיטער. אין דער ממשלה פון פרייהייט איז דער אביעקטיווער ציל ארויסברענגען גייסטיגע רייכטומער: וויסנשאפט לשם וויסן, קונסט לשם עסטעטישער שיינקייט, און מאראל לשם מענטשליכער בילדונג און אויסבילדונג.

מאראל איז, ווי מיר האבן געזען ביים אנהייב פון דער ארבעט, אפשאצן די איינצעלנע ווערטן פון מענטשליכן לעבן נישט לויט נוצליך און שעדליך, דאס גוט און שלעכט אין דער נוצליכקייטס-וועלט. נאר לויט איידל און געמיין, חשוב און שפל, מענטשליך און אוממענטשליך, חיה'יש.

אינעם ציטירטן שטיקל זעען מיר ווי מארקס ברענגט דעם ריין מאראלישן מאסשטאב אויך אריין אין די מיטלען פארן אויסבויען די ממשלה פון נויטוועדיגקייט, דעם פונדאמענט אויף וועלכן די ממשלה פון פרייהייט דארף זיך אויפהייבן. זי דארף ווערן דורכגעפירט אונטער באדינגונגען וואס זענען צוגעפאסט צו מענטשליכער נאטור, און אויף דעם חשיבות'דיגסטן אופן.

ווי ווייט איז דער צווייטער מארקס פון קאפיטאל פונעם ערשטן מארקס פונעם קאמוניסטישן מאניפעסט! דארט איז מאראל, ווי אלע אנדערע אידעאלאגיעס, אן אפשפיגלונג פונעם קלאסן-קאמף וואס וועט מיט אים פארשווינדן. דא איז מאראל אן אייביגער צווייג פון מענטשליכער קולטור.

ווען מען פרעגט וואו דער מענטש זאל זען די חשיבות פון זיין מענטשליכן לעבן, אין נאכיאגן מאטעריעלן רייכטום אדער אין גייסטיגער אנטוויקלונג, אין צוזאמענקלייבן גייסטיגע אוצרות פאר זיך אליין און נישט פאר וועלכן עס איז נוצן, וואלט דער ענטפער לויט דעם אויסגעקלארטן שפעטערן מארקס געדארפט זיין:

מאטעריעלער רייכטום איז נאר א פארבאדינגונג, א פונדאמענט. מען לעבט נישט אינעם פונדאמענט. מען לעבט אינעם בנין וואס ווערט אויף אים אויפגעבויט, דארט וואו ער הערט אויף צו זיין פונדאמענט. אין דער ממשלה פון פרייהייט, פון ריין גייסטיגן רייכטום, פון ריין "אידעעלע" אוצרות ווי מארקס וואלט געזאגט, פון ריין "אידעאליסטישע" אוצרות ווי מיר פארמולירן עס יעצט.

אזא ענטפער, אפילו אין מארקס'ס אייגענע טערמינען, איז בפירוש נישט מאטעריאליסטיש-נוצליכקייטס-געריכט, נאר אינגאנצן אידעאליסטיש. דאס האט א גרויסן באדייט פאר סאציאליזם און מאראל.

לויט מארקס און ענגעלס איז סאציאליזם די באפרייאונג פון מענטשליכער ארבעט. אבער נישט נאר באפרייאונג פון איר קנעכטשאפט אין דער פראלעטארישער פארעם פון לוין-ארבעט, פון פריוואט-קאפיטאליסטישער אדער שטאט-קאפיטאליסטישער אויסנוצונג. באפרייאונג פון מענטשליכער ארבעט אין סאציאליזם מיינט אז די ארבעטנדיגע מענטשהייט ווערט פריי פאר א מאראליש חשוב'ערן, מענטשליכן לעבן אין די העכערע עולמות פון ריין גייסטיגער שאפונג לשמה.

מיר האבן אריינגערעכנט אין די עולמות נאר וויסנשאפט, קונסט און מאראל. וועגן די דריי קולטור-צווייגן האבן מיר די קלארסטע באווייזן אז מארקס האט אויפגעהערט באטראכטן די הערשנדיגע אידייען נאר אלס א הערשנדיגן קלאס'ס אידייען, דאס הייסט אפשפיגלונגען פון א פאזע אינעם קלאסן-קאמף.

וואס איז מיט פילאזאפיע און רעליגיע? לויט אלעס וואס מיר ווייסן וועגן מארקס'ס און ענגעלס'ס שפעטערע בליקן גייען זיי נישט אריין אין דער ממשלה פון פרייהייט. און אפילו ווען זיי וואלטן אריינגעגאנגען, וואלטן זיי צוביסלעך אינגאנצן פארשווינדן. נו, מילא! זיך אמפערן וועגן זיי מיט די צוויי גרעסטע תנאים פון סאציאליזם איז דא נישט דער פלאץ.

פאר אונז איז וויכטיג אז מאראל גייט אריין אין דער ממשלה פון נויטוועדיגקייט אלס א פאדערונג: זי זאל שטימען מיט די באדינגונגען פון מענטשליכער חשיבות. אבער מאראל שפילט אן אפילו גרעסערע ראלע אין דער ממשלה פון פרייהייט, ווייל די חשיבות פון מענטשליכער נאטור ווערט דארט געמאסטן לויט דער מאס פון גייסטיגער שאפונג און אנטוויקלונג. לויט וויפיל דער מענטש לעבט זיך אויס אין די אינערליכסטע רוחניות'דיגע, אדער לויט מארקס "אידעעלע", רייכקייטן און ווערטן.

בפירוש שלא על מנת לקבל פרס, בפירוש נישט פאר א דרויסנדיגן נוצן, נאר "פאר דער מענטשליכער קראפט וואס האט איר ציל אין זיך אליין".

אזוי האט מארקס צום סוף פון זיין טעארעטישער שאפונג באוואוסטזיניג געשטעלט סאציאליזם נישט נאר אויף אביעקטיווער עקאנאמישער און היסטארישער וויסנשאפט, נאר אויך אויפן יסוד פון אן אלגעמיין מענטשליכן, ריין מאראלישן לעבנס-בליק.

## 19. די מאראל פונעם קלאסן-קאמף

מארקס האט אינעם מאניפעסט צעשטערט דעם מאראלישן יסוד פון סאציאליזם. אבער אין זיין הויפט-ווערק קאפיטאל האט ער אים ווידער אויפגעבויט, סיי אין זיין מאראלישן אפשאץ פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, סיי אין זיינע בליקן אויף מענטשליכער נאטור, איר חשיבות און א מענטשליכן לעבן אין דער ממשלה פון פרייהייט.

ער האט אויך קלאר ארויסגעברענגט אז אין דער ממשלה פון פרייהייט וועט חשוב'ע מענטשליכקייט באשטיין נישט אין שטרעבן צו מאטעריעלן רייכטום אדער א דרויסנדיגן נוצן, נאר אין שטרעבן צו אידעעלע, גייסטיגע אוצרות. פנימיות און רוחניות וואלטן מיר עס גערופן. דארט ווערט פארווירקליכט די מענטשליכע קראפט וואס האט איר ציל אין זיך אליין.

אזוי האט מארקס באררייכערט סאציאליסטישע מאראל מיט נאך א יסודות'דיגן פרינציפ: שטעלן גייסטיגן לעבן העכער מאטעריעלן רייכטום, און שאצן ריין גייסטיגע אנטוויקלונג אלס דעם העכסטן ציל פון מענטשליכן לעבן. ווייל זי איז אן אויסדרוק פון א ציל אין זיך אליין קען מען זי שוין נישט באטראכטן אלס א מיטל פאר אן אנדערן ציל.

דערמיט האט זיך אין דער געשיכטע פון סאציאליסטישע געדאנקען פארענדיגט די אנטוויקלונג פון סאציאליסטישער מאראל אלס א באשטימטע אויספארעמונג און צוגאב צו דער אלגעמיין מענטשליכער מאראל.

די שפעטערע סאציאליסטן האבן נישט ארויסגעברענגט קיין נייע מאראלישע יסודות, און נישט אלע זענען געשטאנען אויף דער הייך צו וועלכער מארקס האט דעם ענין אויפגעהויבן. אבער מיר מוזן זיך אפשטעלן אויף די וויכטיגסטע פון זיי, בעיקר כדי צו באצייכענען זייער שטעלונג צו דער מאראלישער פראגע.

ערשט דארפן מיר זיך רעכענען מיט ענגעלס, דעם מיט-מחבר פון מארקסיזם בכלל און פונעם מאניפעסט בפרט. אויך ער האט נאטירליך פארלאזט דעם מאניפעסט'ס שטאנדפונקט, וואס האט באטראכט מאראל אלס א ריין היסטארישער קולטור-צווייג וואס מוז אינגאנצן פארשווינדן. ענגעלס גלייבט פארקערט: ערשט אין דער צוקונפט וועט א "ווירקליך מענטשליכע מאראל" ווערן מעגליך.

דערווייל האבן מיר אבער נישט איין אלגעמיין מענטשליכע מאראל, נאר דריי מאראל-סיסטעמען: די פעאדאל-אריסטאקראטישע, די בורזשואזע און די פראלעטארישע. דער גלויבן אין אן אלגעמיין מענטשליכער מאראל פאר דער ווייטער צוקונפט, וואס האט נישט קיין ברעקל שטיצע אינעם היינט, ווערט ליידער ביי ענגעלס גערוקט אויפן הינטערגרונט. אין פארנט קומט די לערע אז מאראל איז רעלאטיוו, לויט דעם קלאס וואס ברענגט ארויס די אדער יענע מאראלישע פאדערונגען.

די צוויי יסודות, מענטשליכע מאראל און קלאסן-מאראל, זענען ליידער ביי ענגעלס נישט קלאר אויסגעגליכן. דאס קומט ווייל ער האט זיך נישט גענומען די מי שטרענגער צו צעטיילן צוויי וויכטיגע ענינים פארבונדן מיט מאראל.

מאראל אלס א צווייג פון מענטשליכער קולטור מיינט קודם א שטרעבן אפצושאצן מענטשליכע מעשים, כוונות, געפילן און כאראקטערן לויט א מאראלישן מאסשטאב פון טוב ורע. אנדערש פונעם גוט און שלעכט פון נוצליכקייט, שיינקייט און לאגישן, טעארעטישן וויסן. די זייט פון מאראל איז אן אייביגער צווייג אין מענטשליכער קולטור.

פון דער אנדערער זייט געהערט צו מאראל אויך א באשטימטער מאראלישער אפשאץ, א סיסטעם פון מאראלישע דאגמען און אנווייזונגען. זיי דארפן אונז זאגן וועלכע באשטימטע מעשים, געפילן, שטרעבונגען און כאראקטערן זענען מאראליש גוט אדער שלעכט.

ענגעלס האט אין זיין פארשונג דווקא דעם באשטימטן מאראלישן שולחן ערוך אין זינען, אירע באשטימטע מצוות און עבירות, א שולחן ערוך וואס בייט זיך מיט דער צייט. ער פארזעט אויך אז אפילו אין די היינטיגע מאראלישע קאדעקסן און בליקן קענען זיין אייביג מענטשליכע עלעמענטן. זיי שטאמען פון מענטשליכער נאטור בכלל, און מארקס האט זיי אנערקענט. פון דא קומט די גרויסע אומקלארקייט אין ענגעלס'ס שטאנדפונקט.

די פארשונג הייבט זיך אן מיטן פאקט אז די פארשטעלונגען פון טוב און רע האבן זיך צווישן פעלקער און צווישן תקופות אזוי שטארק געביטן אז זיי זענען פשוט סותר איינס דאס אנדערע. אבער וועט איינער פרעגן: גוט איז דאך נישט בייז, און בייז נישט גוט.

אויב מען מישט זיי צוזאמען הערט דאך יעדע מאראל אויף, און יעדער קען טאן אדער נישט טאן ווי ער וויל.

ענגעלס ענטפערט: "ווען דאס וואלט געווען אזוי פשוט וואלט דאך בכלל נישט געווען קיין פלוגתא וועגן גוט און בייז. יעדער וואלט געוואוסט וואס איז גוט און וואס איז בייז." אנטי-דירינג, זייט 88.

וואס קומט דערפון ארויס? מיר מיינען: יעדער וויל אפשאצן געוויסע זאכן לויט א מאראלישן מאסשטאב פון טוב ורע. דעריבער איז מאראל אן אייביגער צווייג אין מענטשליכער קולטור. נאר באשטימטע אינהאלטן, מאראלישע דינים און משפטים ברענגען פלוגתאות און בייטן זיך מיט דער צייט.

פונקט אזוי איז נאטור-וויסנשאפט אן אייביגער צווייג, אבער אירע באשטימטע אינהאלטן זענען אפט געווארן אפגעפרעגט און געענדערט. ענגעלס גיט נישט דעם נאטירליכן, לאגישן ענטפער. זיין אויפמערק איז נישט פארנומען מיטן אייביגן עצם ענין מאראל, נאר מיט איר היסטאריש זיך בייטנדיגן שולחן ערוך.

ער שרייבט: "וועלכע מאראל ווערט אונז היינט געפרעדיגט? קודם די קריסטליך-פעאדאלע, איבערגענומען פון די פריערדיגע גלויביגע צייטן ... נעבן איר שטייט די מאדערן-בירגערליכע, און נעבן איר די פראלעטארישע צוקונפט-מאראל. אזוי געבן אונז עבר, הווה און עתיד, בלויז אין די פארגעשריטנסטע אייראפעאישע לענדער, דריי גרויסע גרופעס פון מאראלישע טעאריעס וואס ווערן אין דער זעלבער צייט געשאצט, איינס נעבן דעם אנדערן.

נו, וועלכע איז די אמתע? קיין איינע אין זין פון אן אבסאלוטן לעצטן ווארט. אבער זיכער וועט די מאראל האבן די מערסטע בלייבנדיגע עלעמענטן וואס פארשטעלט היינט דעם איבערקער פון היינט, די צוקונפט, דאס הייסט די פראלעטארישע מאראל." דארט, זייטן 88-89.

האבן די דריי היינטיגע מאראל-טעאריעס עפעס בשותפות? יא, ענטפערט ענגעלס. זיי "שטעלן פאר דריי שטאפלען פון דער זעלבער היסטארישער אנטוויקלונג. דעריבער האבן זיי א געמיינזאמען הינטערגרונט און שוין דערפאר נויטווענדיג אסאך בשותפות ... פון דעם מאמענט ווען פריוואט-אייגנטום אויף מטלטלין האט זיך אנטוויקלט האבן אלע געזעלשאפטן וואס האבן עס אנערקענט געמוזט האבן א געמיינזאמע מאראלישע פאדערונג: דו זאלסט נישט גנב'ענען.

ווערט דערמיט די פאדערונג אן אייביגע מאראלישע פאדערונג? בשום אופן נישט. אין א געזעלשאפט וואס האט אפגעשאפט די מאטיוון צו גנבה ... ווי וואלט מען אויסגעלאכט א מאראל-פרעדיגער וואס זאל מיט הדרת קודש פראקלאמירן דעם אייביגן אמת: דו זאלסט נישט גנב'ענען!" דארט, זייט 89.

דא זעט מען קלאר וואס ענגעלס מיינט ווען ער רעדט וועגן מאראל-טעאריע: דעם סכום פון דינים, מצוות און עבירות אין א געוויסן מאראלישן שולחן ערוך. אבער אפילו אין דעם פרט קען מען פארגלייכן מענטשליכע מאראל צו א בוים פון וועלכן געוויסע

צווייגעלעך טריקענען אויס און פאלן אראפּ. ווען מען רעדט וועגן א טעאריע פון מאראל דאַרף מען נישט האבן אין זינען די אדער יענע אויסגעטריקנטע, אראפגעפאלענע צווייגעלעך, נאר דעם גאנצן עץ הדעת טוב ורע.

אויך א געבאט וואס מען דאַרף שוין נישט דערמאנען איז נישט דערמיט טויט. נעמט דעם פארבאט פון גנב'ענען. אפילו ווען קיין מענטש קען זיך נישט פארשטעלן צו גנב'ענען, מיינט עס דען אז דער מאראלישער באוואוסטזיין האט דעם פארבאט אראפגענומען? אז גנב'ענען איז געווארן מאראליש מותר? בשום אופן נישט!

מיט מאראלישע געבאטן איז ווי מיט פאדערונגען פון היגיענע: "זע אז די וואוינונגען זאלן ווערן געהאלטן ריין און האבן אסאך פרישע לופט און זון!" יעצט איז דאס נאך א דרינגענדיגע היגיענישע פאדערונג. אבער ווען דאס ווערט פארשטייט זיך און יעדער היט עס אפּ אין אלע פרטים, הערט עס דען אויף צו זיין אן אייביגער געבאט פון היגיענע? איר היגיענישער ווערט און באדייט בלייבן פאר אלע צייטן, צי מען דאַרף עס נאך פרעדיגן צי נישט.

נאך א שטערקערער ביישפיל: יעצט פרעדיגן מיר דעם אידעאל פון אייביגן פרידן צווישן פעלקער און פראטעסטירן מיטן גרעסטן צארן קעגן מלחמה און אפילו קעגן פאגראמען. מיר גלייבן אז אין דער צוקונפט וועלן מענטשליכע שחיטות און הריגות אויפהערן. עס וועט זיין לעכערליך אזעלכע זאכן צו פרעדיגן.

קומט דערפון ארויס אז דער מענטשהייט'ס מאראלישער באוואוסטזיין וועט דעם פארבאט אראפנעמען? זיכער נישט. דער פארבאט בלייבט. מען וועט נאר נישט טראכטן וועגן אים, אזוי ווי מען טראכט נישט וועגן אייגענעם ציין-ווייטאג ווען די ציין זענען געזונט.

אוודאי זענען דא אין מאראל א גאנץ אסאך יסודות'דיגע פרינציפּן און נאך מער איינצעלנע דינים, בעיקר אין סעקסועלער מאראל, וואס זענען שוין לאנג אויסגעטריקנט אדער האלטן ביים אויסטריקענען און אראפּפאלן. אבער וואס איז מיט געבאטן ווי "ואהבת לרעך כמוך", האב ליב דעם צווייטן ווי זיך אליין, און "מאי דסני לך לחברך לא תעביד", וואס דיר איז נישט ליב טו נישט דעם אנדערן?

וואס איז מיט דער הייליגקייט פון מענטשליכן לעבן? מיט קאנט'ס פרינציפּ: "דו זאלסט דעם אנדערן שטענדיג באטראכטן ווי א ציל פאר זיך אליין, און אים קיינמאל נישט נוצן בלויז אלס א מיטל צו א ציל"? אדער דירינג'ס יסוד: "האב רעספעקט פאר דעם אנדערן'ס ווילן ווי פאר דיין אייגענעם"?

טראגן די און אנדערע אזעלכע יסודות, ווי וועגווייזנדיגע שטערן פאר מאראלישע מעשים און געפילן, נישט א שטראל פון אייביגקייט אין זיך? צי מען קען זיי יעצט דורכפירן בשלימות און אונטער אלע אומשטענדן צי נישט, צי מען וועט זיי שטענדיג דאַרפן דערמאנען דער מענטשהייט צי נישט?

ענגעלס'ס "אבסאלוטער רעלאטיוויזם" אין מאראל מישט אויך די אייביגקייטס-שטראלן פונעם מאראלישן באוואוסטזיין אין איין טאפּ מיט די אויסגעטריקנטע היסטארישע צווייגעלעך פונעם מאראלישן עץ הדעת. דאס שעדיגט שטארק די סאציאליסטישע

שטעלונג צו מאראל. ענגעלס איז דאך געווען דער מיט-גרינדער און טאלענטפולסטער פארטיידיגער פון דער הערשנדיגער ריכטונג אין סאציאליסטישע געדאנקען, מארקסיזם.

אבער דווקא אין מאראל האט ענגעלס זיך לײדער נישט געקענט אויפהייבן צו דער הייך וואו מארקס איז ארויפגעפלויגן אין דריטן באנד קאפיטאל. כאטש אויך ענגעלס האט איבערגעלאזט ווייט הינטער זיך זייער ביידנס יוגנטליכן שטאנדפונקט פונעם מאניפעסט.

אויך ענגעלס שפירט אז לכל הפחות אין מאראל איז דא עפעס אייביגס פארן מענטש, אבער עס קומט ביי אים נישט קלאר צום אויסדרוק.

פרידריך ענגעלס דריקט זיין פארשונג צוזאמען אין די שורות:

"יעדע ביז-הייניטיגע מאראל-טעאריע איז צום סוף א רעזולטאט פון דער געזעלשאפט'ס עקאנאמישער לאגע אין יענער צייט. און ווייל די געזעלשאפט האט זיך ביז יעצט באוועגט אין קלאסן-קעגנזאצן איז אויך מאראל שטענדיג א קלאסן-מאראל. אדער זי בארעכטיגט הערשאפט פארן הערשנדיגן קלאס'ס אינטערעסן, אדער, ווי נאר דער אונטערדריקטער קלאס ווערט גענוג שטארק, שטיצט זי דעם אויפשטאנד קעגן דער הערשאפט און די אונטערדריקטע'ס צוקונפט-אינטערעסן.

אז דערביי איז פארגעקומען פארשריט אין מאראל און אין אלע אנדערע צווייגן פון מענטשליכער דערקענטעניש שטייט נישט אין ספק. אבער מיר זענען נאך נישט ארויסגעגאנגען איבער קלאסן-מאראל. א מאראל העכער די קלאסן-גרענעצן און אפילו העכער די זכרונות פון זיי, א ווירקליך מענטשליכע מאראל, וועט ערשט מעגליך ווערן אויף א געזעלשאפטליכן שטאפל וואס וועט נישט נאר איבערקומען די קלאסן-קעגנזאצן, נאר זיי אויך פארגעסן אין דער פראקטיק פון לעבן." אנטי-דירינג, זייטן 90-89.

מיר האבן שוין געזען ביים ביישפיל פון מלחמות צווישן פעלקער און רציחות צווישן מענטשן: אויב זיי פארשווינדן און ווערן פארגעסן אין לעבן, מיינט עס נישט אז דער מאראלישער באוואוסטזיין האט זיך מיט זיי אויסגעאייניגט. זיי ווערן נישט מאראליש חשוב אדער אפילו גלייכגילטיג. דער מאראלישער משפט איבער זיי בלייבט דער זעלבער, צי זיי קומען פאר צי נישט.

דאס הייסט דאך אז עס איז דא עפעס אייביגס, ווירקליך מענטשליכס, אין מאראל אויך אויפן הייניטיגן געזעלשאפטליכן שטאפל וואס שטייט נאך אונטער קלאסן-קעגנזאצן.

ענגעלס אליין מוז מודה זיין אז דורכאויס דער ביז-הייניטיגער געשיכטע, באהערשט פון קלאסן-קעגנזאצן, איז פארגעקומען א פארשריט אין מאראל. אבער ווי קען איינער וויסן צי מאראל איז געגאנגען פאראויס און נישט צוריק? דער מאסשטאב קען נישט זיין אז די פריערדיגע, פעאדאלע מאראל איז דעריבער די ערגסטע; די הייניטיגע בירגערליכע איז נאך גענוג שלעכט; און די פראלעטארישע, וואס פארשטעלט די צוקונפט, איז שוין דערמיט די בעסטע. פריער און שפעטער איז איין מאס. גוט און שלעכט איז אן אנדערע.

ענגעלס פארגלייכט מאראלישן פארשריט צום פארשריט אין אלע אנדערע צווייגן פון מענטשליכער דערקענטעניש. נו, ווי איז דאס ביי זיי? איז אין פיזיק די מאדערנע ווארעמקייטס-טעאריע נאר דערפאר אמת, און די פלאגיסטאן-טעאריע פונעם אכצנטן יארהונדערט פאלש, ווייל די היינטיגע איז שפעטער? בשום אופן נישט!

מאדערנע טעאריעס אין נאטור-וויסנשאפט זענען מער פארגעשריטן ווייל זיי זענען אמת'ער: זיי שטימען בעסער מיט די יסודות און פאדערונגען אינעם מאסשטאב פון אמת און פאלש. ווי שטארק די יסודות אליין זאלן אויך אנטוויקלען זיך דורכאויס ריין וויסנשאפטליכן וויסן.

אין נאטור-וויסנשאפט זעען מיר אויך אמאל אן אומקער צו א פריערדיגן געדאנק וואס וויסנשאפט האט אפגעווארפן. אזוי האט קאפערניק זיך אומגעקערט צום אלטן געדאנק פון פיטאגאראס אז די ערד דרייט זיך ארום א "צענטראל-פייער". איז דאס געווען א שריט צוריק אדער פאראויס? לויטן מאסשטאב פון וויסנשאפטליך ריכטיג און פאלש איז קאפערניק'ס אסטראנאמישע טעאריע די אמתע, אפילו ווען איר יסודות'דיגער געדאנק איז פריערדיג.

מיט די קריטישע באמערקונגען ווילן מיר ענגעלס'ס רעלאטיוויסטישע פארשונג צושפארן צו דער וואנט. זי זאל אליין מודה זיין אז אינעם מאסשטאב פון מאראלישן טוב ורע מוז זיין אויך עפעס אבסאלוטס, אייביגס פאר א מענטשליכן מאראלישן באוואוסטזיין.

זי מוז עס מודה זיין וויבאלד זי נעמט אן א פארשריט אין מענטשליכער מאראל. נישט בלויז א צייטליכן איבערבייט צווישן פריער און שפעטער, נאר אן איבערגאנג פון א נידעריגערן שטאפל צו א העכערן.

זי מוז עס אויך מודה זיין ווייל זי ערווארט אליין א צושטאנד ווען מאראל וועט ווערןווירקליך מענטשליך. דאס הייסט דאך אז אין גרונט פון ענגעלס'ס מאראלישן באוואוסטזיין ליגט די זיכערקייט אז היינטיגע מענטשליכע מאראל, אפילו פראלעטארישע, איז נאך נישט די ווירקליך מענטשליכע.

דאס קען נישט מיינען עפעס אנדערש ווי אז די באפרייטע מענטשהייט וועט אין דער צוקונפט דערגרייכן נאך העכערע מאראלישע מדרגות. זי וועט ארויסברענגען נאך איידעלערע, מענטשליכערע מעשים, צילן, געפילן און כאראקטערן.

דאס גיט ענגעלס נישט קיין ברעקל רעכט מבטל צו זיין פון א מענטשליכן שטאנדפונקט די שוין געמאכטע מאראלישע דערגרייכונגען. אויך אין זיי מוז מען אויפדעקן די אייביג מענטשליכע, ווירקליך מענטשליכע אידעאלן און פרינציפן. זיי צו פארווירקליכן איז א מאראלישע פליכט פאר יעדן מענטש וואס וויל נישט פארשעמען דעם נאמען מענטש וואס ער טראגט.

איז מארקס'ס אידעאליסטישער מאראל-פילאזאפישער פרינציפ, אז לעבן אין דער ממשלה פון פרייהייט פאר גייסטיגע געברויכן און שאפונגען וואס טראגן זייער ציל אין זיך אליין דארף ווערן העכער געשאצט ווי לעבן פאר מאטעריעלן רייכטום, נישט אזא

אייביג מענטשליכער, ווירקליך מענטשליכער וועגווייזנדיגער שטערן? פארוואס דערמאנט ענגעלס אים נישט אין זיין גאנצער מאראל-פילאזאפישער פארשונג?

לכל הפחות מוזן מיר באשטעטיגן אז ענגעלס שיידט זיך דא פון מארקס אין א זייער וויכטיגן טעארעטישן פונקט. מארקס נעמט אן, ווי מיר האבן פריער געזען, אן אלגעמיין מענטשליכע מאראל אויך פאר דער היינטיגער צייט. ער פארלאנגט אז אויך דער מאטעריעלער פונדאמענט פאר דער צוקונפטיגער ממשלה פון פרייהייט זאל געבויט ווערן אין פולער הארמאניע מיט דער חשיבות פון אלגעמיין מענטשליכער נאטור.

ענגעלס אבער פרובירט מיט אלע כוחות, און מיט א טיפן סתירה צו זיך אליין, נישט צו פארלאזן דעם קלאסן-שטאנדפונקט פון מאראל-פילאזאפיע. פאר דער גאנצער צייט וועט קלאסן וועלן עקזיסטירן און אפילו דערנאך, ביז די קלאסן-איינטיילונג און אירע ווירקונגען ווערן אינגאנצן פארגעסן פונעם לעבן.

ליידער האט דער צוגאנג שעדליך געווירקט אויף די שפעטערע מארקסיסטן'ס שטעלונג צו מאראל. די ווירקונג איז געווארן באזונדערס שעדליך מיטן אויפקום פון לענין'ס באלשעוויזם.

מען טאר אבער נישט פארגעסן: מיר האבן נישט קיין רעכט צו גלייכשטעלן ענגעלס'ס מאראל-פילאזאפיע מיט דער באלשעוויסטישער. אין מאראל שטייט זי הימל-הויך העכער לענין'ס באלשעוויזם.

פון די דריי מאראל-טעאריעס וואס הערשן אין אונזער צייט, די פעאדאל-אריסטאקראטישע, די בורזשואזע און די פראלעטארישע, גיט ענגעלס די בכורה דער לעצטער, ווייל זי פארשטעלט די אינטערעסן פון דער צוקונפט.

וואס איז די פראלעטארישע מאראל-טעאריע? ענגעלס רעדט נישט באריכות וועגן איר. אבער ער זאגט ערגעץ אנדערש אז "סאציאליזם איז דער פראלעטאריאט'ס לערע". ממילא מיינט פראלעטארישע מאראל-טעאריע די סאציאליסטישע מאראל-טעאריע.

אונטער סאציאליזם האט ענגעלס קיינמאל נישט פארשטאנען בלויז מארקס'ס און ענגעלס'ס באזונדערע שיטה. נאר שפעטערע מארקסיסטן, און אויך נישט אלע, האבן אזוי שמאל אויסגעטייטשט סאציאליזם בכלל. פאר מארקס און ענגעלס איז סאציאליזם געווען די גאנצע סאציאליסטישע באוועגונג, אנגעהויבן מיט די גרויסע אוטאפיסטן.

פאר אונז ליגט דער אנהייב נאך פיל ווייטער אין דער פארגאנגענהייט. זיין קוואל האט, ווי מיר האבן געזען, אנגעהויבן פליסן אינעם רעליגיעז-מאראלישן אויפשטאנד פון די אלט-יידישע נביאים קעגן אלע אונטערדריקער און יעדע אונטערדריקונג.

די נביאים האבן געמאכט דעם גרעסטן שריט פאראויס אין אויסקלארן אלגעמיין מענטשליכע מאראל, און אויך ארויסגעברענגט א יסודות'דיגן פרינציפ פאר דער באזונדערער סאציאליסטישער מאראל. דער ריין סאציאליסטישער צוגאנג איז בארייכערט געווארן דורכאויס מענטשליכער געשיכטע.

אבער זיין פולסטע אויסקלארונג, אלס קענגזאץ צו פעאדאל-אריסטאקראטישער און בורזשואזער מאראל, פארדאנקען מיר דעם מאדערנעם סאציאליזם פונעם ניינצנטן יארהונדערט, אנגעהויבן מיט די גרויסע אוטאפיסטן און פארענדיגט מיט קארל מארקס.

## 20. פראלעטארישע מאראל הייבט דעם מענטש

די פראלעטארישע מאראל-טעאריע וואס ענגעלס באטראכט אלס די דריטע קלאסן-טעאריע פון דער היינטיגער צייט איז, ווי מיר האבן געזען, נישט עפעס אנדערש ווי סאציאליסטישע מאראל. זי איז אנטוויקלט געווארן דורכן גאנצן לויף פון סאציאליסטישן געדאנק: פון די יידישע נביאים, די פארשידענע קאמוניסטישע ריכטונגען און סעקטעס פון דער אלטער וועלט, פונעם מיטל-אלטער און דער רענעסאנס.

די שיטה איז באזונדערס אויסגעקלארט און באררייכערט געווארן אין דער סאציאליסטישער באוועגונג פונעם ניינצנטן יארהונדערט, אנגעהויבן מיט די גרויסע אוטאפיסטן און פארענדיגט מיט קארל מארקס.

אין וואס באשטייט זי, קעגן דער פעאדאל-אריסטאקראטישער מאראל פון איין זייט און דער בורזשואזער פון דער אנדערער? וואס זענען אירע געבאטן, חשיבותן און הייליגקייטן?

אנשטאט דער אויטאריטעט פון דער קירכע און דער פארהייליגטער רעליגיעזער טראדיציע פארלאנגט זי די העכסטע הערשאפט פון מענטשליכן שכל און פרייער מענטשליכער פארשונג. די גאנצע איבערמענטשליכע און איבערנאטירליכע וועלט ווערט קודם גענומען אלס א פראדוקט פון מענטשליכער אנטוויקלונג.

מאראל ווערט וועלטליך, אפגעטיילט פון רעליגיעזן גלויבן. זי איז נישט מער טעאלאגיש, נאר אנטראפאלאגיש, אויפן מענטש געבויט. אפילו די סאציאליסטן וואס היטן נאך זייער רעליגיעזן גלויבן אין א געטליכער קראפט אין דער וועלט, און קענען באטראכטן דעם מענטשהייט'ס מאראלישן באוואוסטזיין אלס דעם העכסטן אויסדרוק פון דער געטליכער אלוועלטליכער קראפט, מוזן מודה זיין: זייערע מאראלישע אידעאלן קומען נישט פון זייער גאט-גלויבן. פארקערט, זייער פארשטעלונג פון א געטליכער אלוועלטליכער קראפט ווערט באשטימט פון זייערע מענטשליכע מאראלישע אידעאלן.

אנשטאט אסקעטיזם, דער הייליגקייט פון פייניגן דעם גוף און שטרעבן צו ריינער רוחניות, הייבט סאציאליסטישע מאראל די חשיבות פון מענטשליכער נאטור אין איר גאנצקייט, גייסטיג און קערפערליך. זי פארלאנגט א געזעלשאפטליכן סדר וואו יעדער יחיד קען אנטוויקלען אלע זיינע פעאיגקייטן און שלימותן און זיך אין זיי אויסלעבן: קערפערליך, אינטעלעקטועל, עסטעטיש און מאראליש.

צוזאמען מיטן ווידער אויפריכטן דעם מענטש'ס קערפערליכן זיין, זיין פלייש און בלוט, קומט אויך די הויכע מאראלישע שאצונג פון מענטשליכער פיזישער ארבעט. זי פראדוצירט מאטעריעלע גיטער כדי צו באפרידיגן מענטשליכע געברויכן.

דער דרך ארץ פאר רייכטום און מאכט, וואס באפרייען די הערשנדיגע קלאסן פון פיזישער ארבעט, ווערט אינגאנצן אפגעווארפן. דער מיוחס ווערט דער ארבעטער וואס לעבט פון יגיע כפיו.

דאס פירט צו דער פאדערונג אפצושאפן קלאסן-איינטיילונג אין דער געזעלשאפט און אויך דעם חילוק צווישן פיזישער און גייסטיגער ארבעט. יעדער מענטש דארף זיין אן ארבעטער און געבן זיין חלק פיזישע ארבעט צו פראדוצירן די מאטעריעלע גיטער וואס אלע דארפן. דאס פארלאנגט אויך אפצושאפן אויסנוצן דעם אנדערן'ס ארבעט און לעבן אויף איר חשבון.

אנשטאט דער הייליגקייט אדער גרויסער חשיבות פון געבן צדקה פארלאנגט מען אינגאנצן אפצושאפן ארעמקייט, נויט, אומזיכערע עקאנאמישע עקזיסטענץ און זארג פאר מארגן.

אנשטאט דעם בורזשואזער פרינציפ פון רויעם אינדיווידואליזם, דער חשיבות פון העלדישקייט אינעם קאנקורענץ-קאמף פאר רייכטום און מאכט, פארלאנגט מען פולע אלגעמיינע סאלידאריטעט. נישט "יעדער פאר זיך אליין", נאר "יעדער פאר אלע און אלע פאר יעדן".

ווי א סאציאליסטישע מאראלישע פאדערונג מוז דאס פירן צום אינגאנצן אפווארפן דאס הייליגע פריוואט-אייגנטום-רעכט און צו א פולן איבערבוי פון אונזערע באגריפן וועגן דעם רעכט. דא שיידן זיך די קאנסעקוועטע קאמוניסטן פון די סאציאליסטן.

פארן קאנסעקווענטן קאמוניסט איז בכלל נישט דא קיין פריוואט-אייגנטום. אלעס געהערט דער קהילה, דעם שטאט אדער דער געזעלשאפט. אין דער צייט פון רדיפות אויף די רעליגיעז-קאמוניסטישע סעקטעס האט א רעליגיעז-קריסטליכער קאמוניסט, פאראורטיילט צום טויט מיט נאך חברים פאר זייער קאמוניסטישן גלויבן, איבערגעלאזט אין זיין צוואה פאר זיין געליבטער זיין אויער-לעפל, "אויב די קהילה האט נישט קיין פראבלעם דערמיט"!

אבער שוין ביי מארקס האט זיך דער קאמוניסטישער געדאנק אויסגעקלארט: אייגנטום ווערט אפגעשאפט בלויז אויף די פראדוקציע-מיטלען און געצייג, נישט אויף זאכן פאר פערזענליכן באנוץ. ווי נאר איינער באקומט זיי לויט דעם אדער יענעם פארטיילונגס-פרינציפ אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט, ווערן זיי זיין אייגנטום. אבער נישט ארומגעשטראלט מיט דער באזונדערער הייליגקייט וואס קיין פרעמדער טאר נישט צורירן, ווי אין דער היינטיגער געזעלשאפט.

אנשטאט דער משפחה'ס הייליגקייט און דער פרוי'ס קנעכטשאפט אדער אומגלייכער שטעלונג ווערט פראקלאמירט פריי געפיל אלס דער יסוד פון לעבן אלס א פאר, און די פרוי'ס פולע גלייכשטעלונג מיטן מאן אין דער געזעלשאפט.

אנשטאט דער הייליגקייט פון פאטערלאנד, פון "מיין לאנד, ריכטיג אדער אומריכטיג", און העלדישקייט אין מלחמה פאר זיין גרויסקייט, מאכט און פרעסטיזש, פארלאנגט סאציאליסטישע מאראל שוין פון די אלט-יידישע נביאים אן אן אינטערנאציאנאלן פארבאנד פון אלע פעלקער און לענדער, און אייביגן פרידן צווישן זיי.

אויך וועגן פאטערלאנד און פאלק זענען נאך פאראן גאנץ גרויסע חילוקי דעות צווישן סאציאליסטן. טייל ערוואַרטן אז פעלקער, לענדער און שפראכן וועלן פארשווינדן און צוזאמענשמעלצן אין איין מענטשהייט מיט איין פאטערלאנד, אונזער פלאנעט, איין שפראך און איין קולטור-וועלט.

אנדערע, ווי קארל מארקס און די טעארעטיקער פונעם ערשטן אינטערנאציאנאל, זעען אין דער צוקונפט פארשווינדן פאטערלענדער, אבער נישט פעלקער אדער באזונדערע שפראך- און קולטור-וועלטן. ווידער אנדערע, ווי זשאָרעס, בעבעל, קאוטסקי און טרולסטרא, לאזן אויך פאטערלענדער בלייבן מיט א הויכער מאראלישער שאצונג. אינטערנאציאנאליזם מיינט ביי זיי פארברידערן פעלקער און לענדער אין אייביגן פרידן, קעגנזייטיגער הילף און פריינדשאפט. יעצט איז דאס דער הערשנדיגער פרינציפ אין סאציאליסטישער מאראל.

אנשטאט דעם היינטיגן שטאט מיט זיינע צוואנגס-געזעצן האפן אלע סאציאליסטן אז דער שטאט וועט אפשטארבן און אבסאלוט פרייע יחידים וועלן נעמען זיין פלאץ.

ועל כולם ווערט סאציאליסטישע מאראל מיט אלע אויסגערעכנטע יסודות'דיגע פאדערונגען באקרוינט מיטן מאראלישן חשיבות-פרינציפ וואס קארל מארקס האט ארייַנגעברענגט. העכער שאצן א לעבן אין דער ממשלה פון פרייהייט, וואו מען שטרעבט נישט צו וועלכן עס איז דרויסנדיגן נוצן און מאטעריעלן רייכטום, נאר צו לעבן פאר "דער מענטשליכער קראפט וואס טראגט איר ציל אין זיך אליין". דאס הייסט דעם מענטש'ס גייסטיגע שאפונגס-כוחות זאלן זיך פריי אויסדריקן.

אלעס צוזאמען איז דאס די סיסטעם פון סאציאליסטישער מאראל. א גאנץ אסאך פון אירע יסודות זענען שוין אריין, אדער גייען אלץ מער אריין, אינעם אלגעמיינעם מאראלישן באוואוסטזיין פון דער פארגעשריטענער מענטשהייט.

עס איז נישט דא קיין ברעקל יסוד אנצונעמען מיט ענגעלס אז דאס איז נאר א היסטארישע קלאסן-מאראל פונעם פראלעטאריאט, וואס וועט בטל ווערן מיט א העכערן אויפפליען פונעם מענטשליכן מאראלישן באוואוסטזיין. ווען מיטן אפשאפן די קלאסן-קעגנזאצן וועט די ווירקליך מענטשליכע מאראל אויפקומען.

סאציאליסטישע מאראל קומט נישט אויסבייטן און מבטל זיין די היינט הערשנדיגע אלגעמיין מענטשליכע מאראל מיט אירע דריי יסודות: סימפאטישע געפילן, מענטשן-ליבע, "אהבת חסד"; גערעכטיגקייט, "עשות משפט"; און שטרעבן צו גליק פאר יעדן מענטש. סאציאליסטישע מאראל איז א צוגאב, א בעסערע אויסטייטשונג און א גאראנטיע פאר זייער פולער פארווירקליכונג אין לעבן פונעם יחיד און דער גאנצער געזעלשאפט.

אוודאי טייטשט די בורזשואזיע גערעכטיגקייט אנדערש ווי דער סאציאליסטישער מאראלישער באוואוסטזיין. אבער דאס מיינט נישט אז די צוויי זענען טעארעטיש גלייכווערטיג. די בורזשואזיע'ס קלאסן-לאגע שטערט זי צו זען דעם סאציאליסטישן פירוש אויף גערעכטיגקייט וואס די אנדערע צוויי יסודות פארלאנגען: מענטשן-ליבע און שטרעבן צו אלע'ס גליק.

א ראיה איז דער פאקט אז אסאך איידעלע נאטורן פון דער בורזשואזיע, ווי דער פאבריקאנט ראבערט אועז, פון דער אריסטאקראטיע, ווי דער מארקיז סען-סימאן, און אנדערע מענטשן פון דעם זעלבן הויכן מהות, האבן זיך באפרייט פון זייער קלאסן-באוואוסטזיין. ריכטיגער, זייער קלאסן-בלינדקייט. זיי האבן אדער אליין געהאלפן אויסארבעטן סאציאליסטישע מאראל, אדער זיך מיט הארץ און נשמה, נישט זעלטן מיט מסירת נפש, געשטעלט אין איר דינסט.

## 21. קארל קאוטסקי און זיין מאראל-טעאריע

נאך ענגעלס'ס טויט, אין די ניינציגער יארן פונעם פאריגן יארהונדערט, זענען אין דער מערב-אייראפעאישער סאציאליסטישער באוועגונג אויפגעקומען נאך צוויי וויכטיגע דענקער. מיט זייער שטעלונג צו סאציאליזם און מאראל דארפן מיר זיך דא רעכענען.

איינער איז געווען קארל קאוטסקי, געבוירן אין 1854, דער אנערקענטער הויפט-טעארעטיקער פונעם מארקסיסטישן מאטעריאליזם. דער צווייטער איז געווען זשאן זשארעס, 1859-1914, אן אנהענגער פון אן אידעאליסטישן צוגאנג סיי אין זיין וועלט-בליק און סיי אין דער טעארעטישער באגרינדונג פון סאציאליזם.

עדוארד בערנשטיין האט קאוטסקי צוגעצויגן צו מארקסיזם. אין אנהייב פון זיין שאפן האט קאוטסקי זיך ווייניג אפגעגעבן מיט פראבלעמען פון פערזענליכער מאראל און געזעלשאפטליכער עטיק. אין זיין פאר-מארקסיסטישער תקופה איז ער געווען א באגייסטערטער אנהענגער פון דארוויניזם. ווי א נייער געגלויבטער איז ער דערנאך געווארן א פאנאטישער פארטיידיגער, ווייטער-בויער און דערקלערער פון "וויסנשאפטליכן" סאציאליזם.

בדרך כלל איז ער געשטאנען אונטער דער באזונדערער הערשאפט פון ענגעלס'ס פאלעמיק קעגן דירינג. ער האט באטראכט אלס זיין הויפט-אויפגאבע צוריקצופירן אלע אידעאלאגישע עלעמענטן צום עקאנאמישן הינטערגרונט פונעם געזעלשאפטליכן לעבן. באזונדערס צו די קלאסן-קאמפן און די קלאסן-פסיכאלאגיעס וואס וואקסן פון זיי ארויס.

מארקסיזם, אדער היסטארישער מאטעריאליזם, האט אים באצויבערט מיטן וויסנשאפטליכן באוויז אז סאציאליזם מוז ווערן פארווירקליכט. אז קאפיטאליזם מוז צוזאמענברעכן צוליב זיינע אינערליכע סתירות, פארוואנדלען דעם אויסערגעוועגליך גרויסן רוב פונעם פאלק אין פראלעטאריער, און אז פארן פראלעטאריאט וועט נישט זיין קיין אנדערער אויסוועג ווי א ריין סאציאליסטישע רעוואלוציע.

קלאר פאר קאוטסקי'ס אויגן איז געשטאנען די גייסטיגע רעוואלוציע וואס מארקס האט ארייננגעברענגט אין סאציאליסטישע געדאנקען. נאך אין זיינע לעצטע יארן האט ער זי אזוי פארמולירט אין זיין גרויסן ווערק די מאטעריאליסטישע געשיכטס-אויפפאסונג פון 1927:

"די סאציאליסטן פאר מארקס האבן באגרינדעט סאציאליזם עטיש, אלס א פאדערונג פון גערעכטיגקייט, אלס א מיטל זי באמת צו פארווירקליכן אויף דער ערד ... מארקס אבער האט צוליב זיין פארשטאנד פון געשיכטע באגרינדעט סאציאליזם דווקא נישט אויף עטיק. ער האט איינגעזען אז נייע אידייען וואס באצייכענען א תקופה וואקסן פון אירע נייע עקאנאמישע אומשטענדן, און געפינען אין זיי די באדינגונגען פאר זייער פארווירקליכונג.

דער מאדערנער סאציאליזם איז דעריבער פאר אים געווען א קינד פונעם אינדוסטריעלן קאפיטאליזם, פונעם פראלעטארישן קלאסן-קאמף וואס קומט פון אים נויטווענדיג ארויס. פון די באדינגונגען וואס קאפיטאליזם אנטוויקלט ווענדט זיך צי, ווען און ווי מען וועט קענען פארווירקליכן די סאציאליסטישע אידייען וואס דער קלאסן-קאמף צייטיגט אין די פראלעטאריער'ס קעפ, זייערע פארשטייער און דענקער." ערשטן באנד, זייט 10.

אין קאוטסקי'ס ריין מארקסיסטישער יוגנט איז אבער נישט געווען די שאלה צי סאציאליזם וועט קענען ווערן פארווירקליכט. ער מוז אומפארמיידליך אריינקומען אין לעבן לויט די ריין אביעקטיווע געזעצן פון געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג.

דעריבער איז עטיק געווען ביי אים אויפן ווייטסטן הינטערגרונט. די באגרינדונג, אפילו די מיט-באגרינדונג, פון סאציאליזם טאר נישט געזוכט ווערן אין מאראל. פונקט אזוי נעגאטיוו איז געווען זיין שטעלונג צו אידעאל און אידעאליזם אין דער סאציאליסטישער באוועגונג. דער פראלעטאריאט, האט ער גזאגט, שטרעבט נישט צו פארווירקליכן אידעאלן אדער פרומע וואונטשן, נאר ענדצילן.

פון די סאציאליסטן וואס האבן קריטיקירט די וויסנשאפטליכקייט פון מארקסיסטישער געשיכטס-פילאזאפיע און אירע פארשונגס-מעטאדן, און פארלאנגט א מאראלישן יסוד פאר סאציאליסטישער טעאריע און באוועגונג, האט קאוטסקי איראניש פארלאנגט: באווייזט וויסנשאפטליך אז אנדערע היסטארישע כוחות, נישט עקאנאמישע, אפילו עטיק, וועלן טרייבן די געזעלשאפט צום אומפארמיידליכן טריאומף פון סאציאליזם. ער איז געווען זיכער אז אזא באווייז איז אוממעגליך.

ערשט נאך ענגעלס'ס טויט איז ביי קאוטסקי פארגעקומען א ריזיגע ענדערונג אין זיין שטעלונג צו עטיק און איר באציאונג צו סאציאליזם. אליין טראכטן האט אין אים ווידער אנגעהויבן אויפוואכן. א לאנגע צייט איז עס געווען איגנאנצן פארקנעכטעט צו די יסודות פונעם מאניפעסט, פונעם ערשטן באנד קאפיטאל און פון ענגעלס'ס פאלעמיק קעגן דירינג.

אויך קאוטסקי האט אין קאפיטאל נישט באמערקט דעם גרויסן חילוק וועגן מענטשליכער מאראל קעגן דער פריערדיגער שטעלונג פונעם מאניפעסט. אינעם מאניפעסט האט ער געזען דעם עצם קערן פונעם סאציאל-דעמאקראטישן וועלט- און לעבנס-בליק.

ערשט ווען ער האט זיך אנגעהויבן באפרייען פון דער אבסאלוטער גייסטיגער קנעכטשאפט, ווען זיין געדאנק האט זיך אומגעקערט צו זיך אליין, צו זיינע פאר-מארקסיסטישע וועגן, און געזוכט זיי צוזאמענשטימען מיט מארקסיזם, האט ער זיך

ווידער מיט באזונדערן ערנסט אינטערעסירט אין די נישט-עקאנאמישע זייטן פון געשיכטע. בעיקר אין עטיק.

אין 1906 האט קאוטסקי פארעפנטליכט עטיק און געשיכטס-בליק. דארט שיידט ער זיך אינגאנצן פונעם שטאנדפונקט סיי פונעם מאניפעסט און סיי פון ענגעלס'ס אנטי-דירינג. דער מאניפעסט דערקלערט מאראל אלס א היסטארישע אפשפיגלונג פונעם קלאסן-קאמף וואס ווערט מיט אים אינגאנצן פארשווינדן. ענגעלס האט שפעטער מודה געווען אז מאראל וועט נישט פארשווינדן, נאר דערגרייכן א העכערן,ווירקליך מענטשליכן שטאפל. אבער די היינטיגע מאראל, אפילו די פראלעטארישע מאראל-טעאריע, שטייט נאך נישט דארט.

קאוטסקי געפינט אין זיין שריפט אז עטיק, מאראלישע מעלות און פחיתות, זענען שוין אויפגעקומען אין דער פרימיטיווער מענטשליכער געזעלשאפט וואס האט נאך נישט געוואוסט פון קיין קלאסן-איינטיילונג אדער קלאסן-קאמפן.

זיך אוועקגעבן, מוט, געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט, ליבע צום אמת, פליכט-געפיל און געוויסן, אלעס איז ביים פרימיטיוון מענטש ארויסגעוואקסן פון די געזעלשאפטליכע באדינגונגען אין וועלכע אלע געזעלשאפטליך לעבעדיגע באשעפענישן האבן געלעבט, נישט נאר דער מענטש.

מיטן אויפקום פון קלאסן און קלאסן-קאמף קומט אויך ביי די אונטערדריקטע קלאסן אויף "אין אלץ א וואקסנדיגער מאס א סכום דערשיינונגען וואס מיר נעמען ארום מיטן נאמען עטישער אידעאליזם". זייט 135, אונטערגעשטראכן ביי קאוטסקי אליין. פארגלייכט וועגן דער שריפט מיין מאטעריאליזם און די נאציאנאלע פראגע, אין זעקסטן באנד פון מיינע געזאמלטע שריפטן, זייטן 87-89.

שפעטער האט קאוטסקי אויך אנגעהויבן רעדן וועגן דעם פראלעטאריאט'ס רעוואלוציאנערן אידעאליזם. ער שיידט זיך פון ענגעלס אויך וועגן דער צוקונפטיגער העכערער, ווירקליך מענטשליכער מאראל. דער מענטש אלס א מאראלישער מהות איז שוין געווען הויך.

די גאנצע געשיכטע פון קלאסן-קאמפן איז נאר א קליינע תקופה אין דער מענטשהייט'ס געשיכטע. זי איז אויפגעוואקסן דורכאויס הונדערטער טויזנטער יארן פון קאמוניסטישן לעבן. קלאסן-קאמפן האבן בלויז פארטונקלט און פארקרימט דעם מאראלישן מהות פון מענטש. ערשט ווען די פריער הערשנדיגע פרייהייט, גערעכטיגקייט, מענטשליכקייט און אלגעמיינער גליק זענען פארשוואונדן, זענען זיי געווארן גאט-גלייכע אידעאלן. די אונטערדריקטע קלאסן און די איידעלערע נאטורן בענקען שוין טויזנטער יארן נאך זיי.

די געזעלשאפטליכע רעוואלוציע וואס וועט אפשאפן קלאסן און קאנפליקטן צווישן פעלקער וועט מעגליך מאכן אז דעם מענטש'ס מאראלישע נאטור זאל זיך ווידער אויסגלייכן. "מיר האבן אבער נישט קיין ברעקל יסוד צו ערווארטן", שרייבט קאוטסקי צום סוף פון זיין לעצטן גרויסן ווערק, "אז מיר וועלן דערביי דערגרייכן א העכערע עטיק ווי די וואס ליגט שוין פונעם אנהייב אין מענטשליכער נאטור". די מאטעריאליסטישע געשיכטס-אויפפאסונג, צווייטער באנד, זייט 842.

דער פראַקטישער תוצאה פֿונעם הויכן מאָראַלישן צוגאַנג איז דער ריכטיגער איינזען אַז די מאָראַלישע כּוחות וואָס לעבן אינעם מענטש פֿונעם אָנהייב "זענען איינגאַנצן גענוג פֿאַר העכערע לעבנס-פֿאָרמען, ווי נאָר זייערע עקאָנאָמישע פֿונדאַמענטן ווערן געוואָונען", זייט 844.

דעם איבערבייט פֿון עקאָנאָמישע פֿונדאַמענטן דאַרף מען אָבער ערוואַרטן נישט פֿון מאָראַלישן פּרעדיקן אָדער העכערער עטישער אַנטוויקלונג, נאָר "פֿון די עקאָנאָמישע אומשטענדן אינעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם און די קלאַסן-קאַמפֿן וואָס זיי רופֿן אַרויס", זייט 843. זעט אויך דאָס גאַנצע סוף-קאַפּיטל, די גרענעצן פֿונעם פֿאָרשריט, זייטן 845-835; וועגן מאָראַל באַזונדערס פֿון זייט 841 אָן.

קאַוטסקי זעצט מענטשליכע מאָראַל אויף אַ זייער הויכן טראָן אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען-וועלט. אָבער דעם טראָן שטעלט ער אינדרויסן פֿונעם היסטאָרישן קאַמף פֿאַר אַ סאָציאַליסטישער צוקונפֿט. וועגן מאָראַל'ס פּראַקטישן באַדייט אינעם סאָציאַליסטישן קאַמף בלייבט ביי אים אין עצם אַלעס ווי אינעם קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט.

עס איז אָבער כּדאַי צו באַמערקן אַז אין זיין מאָראַלישן לעבנס-בליק שטייט אויך קאַוטסקי אויף דעם זעלבן באָדן פֿון סאָציאַליסטישער מאָראַל וואָס איז אויסגעקלאָרט געוואָרן אין די גרויסע אוטאָפּיסטן'ס און קאַרל מאַרקס'ס אַרבעט און שטרעבונגען.

## 22. זשאַן זשאָרעס און זיין מאָראַל-באַגריף

זשאַן זשאָרעס איז געווען דער גרויסער פֿאָלקס-טריבון, דער פֿראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט'ס פֿאַרקעמפֿער און פֿירער פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פֿראַנקרייך ביז דער וועלט-מלחמה. בלויז אַ פּאָר טעג פֿאַר איר אויסברוך האָט אַ שאָוויניסטישער פֿאַנאַטיקער אים דערשאָסן.

זשאָרעס איז אין זיין וועלט-בליק נישט געווען קיין מאַטעריאַליסט. ער האָט געגלויבט אַז אין דער אַלוועלט, וואָס איר לעצטער יסוד איז פֿון אונדז פֿאַרבאָרגן, הערשט אַן אייביגע לעבנס-קראַפֿט. זי ווירקט אויך אין מענטשליכע נשמות ווען זיי זענען אין פֿאַרבינדונג מיט דער נאַטור, און רופֿט אין זיי אַרויס דאָס אויפֿציטערן פֿון "מיסטעריעזע און טיפֿע כּוחות".

פֿון דעם מיסטישן וועלט-גרונט און דעם אייביק זיך באַוועגנדיקן לעבן קומען "די גרויסע מענטשליכע כּוחות: אַרבעט, געדאַנק, וויסנשאַפֿט, קונסט, אַפֿילו רעליגיע, ווען מען פֿאַרשטייט זי ווי דער מענטשהייט'ס אַריינגעמען אין זיך די אַלוועלט". זעט זיין אַלגעמיינע הקדמה צום אַכט-בענדיקן הויפּט-ווערק די סאָציאַליסטישע געשיכטע פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, נייע אויסגאַבע 1927-1922, ערשטן באַנד, זייט 23.

אָבער אין דער אַלגעמיינער ראַם פֿונעם מיסטיש-אידעאַליסטישן וועלט- און לעבנס-בליק האָט זשאָרעס אויך פּלאַץ פֿאַר דעם מאַרקסיסטישן מאַטעריאַליזם וואָס קלאָרט אונדז אויס די ראָלע פֿון עקאָנאָמישע פּראָצעסן און קלאַסן-קאַמף אין דער "פֿאַרגעשיכטע פֿון דער מענטשהייט", ביז אָנהייב פֿון דער קלאַסן-איינטיילונג און זייערע קאָנפֿליקטן.

מיט מארקס נעמט ער אן אז דער ארבעטס-פראצעס רופט אין זיין אנטוויקלונג ארויס געזעלשאפטליכע כוחות וואס באהערשן אלע פארמען פון מענטשליכן באוואוסטזיין. "מיר וויסן", שרייבט ער, "אז די עקאנאמישע באדינגונגען, די פארעם פון פראדוקציע און אייגנטום, זענען דער עצם פונדאמענט פון געשיכטע", און אז "דער געזעלשאפט'ס עקאנאמישער בנין באשטימט די פאליטישע פארמען, דעם געזעלשאפטליכן אויפפיר און די אלגעמיינע ריכטונג פונעם גדאנק". דארט.

"בלי ספק, אפילו דאס ליכט פון די ווייטסטע שטערן, אזוי פרעמד צום מענטשליכן סיסטעם, קען אינעם פאעט'ס פאנטאזיע נאר אויפרופן אזעלכע חלומות וואס שטימען מיט זיין צייט'ס אלגעמיינער געפילקייט און דעם פארבארגענעם גרונט פונעם געזעלשאפטליכן לעבן. פונקט ווי דער לבנה-שטראל רופט פון דער ערד'ס פארבארגענער פייכטקייט ארויס דעם גרינגן טוי וואס שוועבט איבערן פלאך." זייט 24.

אויך זשארעס שאצט די גרויסע ראלע וואס קלאסן-קאמף האט געשפילט אין געשיכטע. אויך ער שטייט פעסט אויפן באדן פונעם פראלעטארישן קלאסן-קאמף קעגן דער בורזשואזיע. פון אים, אבער נישט בלויז פון אים, ערווארט ער דער מענטשהייט'ס באפרייאונג אין דער סאציאליסטישער צוקונפט.

פאר אים איז די באפרייאונג נישט בלויז עקאנאמיש און געזעלשאפטליך. די עקאנאמישע און פאליטישע באוועגונג, די גרויסע אינדוסטריע, דער ארבעטער-קלאס'ס וואוקס אין צאל און אין צילן, די פויערים'ס אומצופרידנקייט און "דער אינטעלעקטועלער בורזשואזיע'ס מאראלישע אומרו" אין דער היינטיגער "הענדלערישער און ברוטאלער געזעלשאפט", אלעס גרייט צו א נייעם געזעלשאפטליכן קריזיס. א נייע, טיפערע געזעלשאפטליכע רעוואלוציע וואו די פראלעטאריער וועלן איבערנעמען מאכט כדי "איבערצובייטן אייגנטום און מאראל". זייט 19.

סאציאליזם וועט איבערנעמען די גאנצע מאכט כדי צו שאפן אויך נייע פארמען "פונעם אידעאל", זייט 23. "נישט בלויז די אומשטענדן'ס קראפט וועט דורכפירן די געזעלשאפטליכע רעוואלוציע. דאס וועט געשען צוליב די מענטשן'ס קראפט, די ענערגיע פון זייער געוויסן און ווילן ... די מאראלישע הייך אין מארגנ'ס קאמוניסטישער געזעלשאפט וועט באשטימט ווערן דורכן מאראלישן שטאפל פון די פערזענליכע געוויסנס אין היינט'ס קעמפנדיגן קלאס." זייט 27.

פון זיין שטאנדפונקט האט זשארעס געהאט א רעכט צו ערווארטן מענטשן אויף א גאר הויכן מאראלישן שטאפל, ווי נאר זיי באפרייען זיך פון די טונקעלע געזעלשאפטליכע כוחות וואס ווירקן יעצט אויף זייער פרייען גדאנק. דער מענטש וועט שטיין פנים אל פנים מיט דער וועלט'ס אומענדליכקייט און נישט וויסן פון אנדערע גרעניצן ווי אירע.

"די פארבינדונג מיט דער אלוועלט וועט אין דער מענטשליכער נשמה לאזן ציטערן די מיסטעריעזע, טיפע כוחות פונעם אייביג זיך באוועגנדיגן לעבן, וואס איז געווען פאר די מענטשליכע געזעלשאפטן און וועט זיי איבערלעבן." זייטן 25-24; די גאנצע הקדמה, זייטן 27-19.

זשארעס האט אריינגענומען די וויכטיגסטע עלעמענטן פון מארקסיזם און פראלעטארישן קלאסן-קאמף אין זיין מיסטיש-אידעאליסטישן וועלט-בליק. אזוי האט ער געשאפן א צוזאמענפאסונג פון מארקסיזם און דעם סאציאליזם פון די גרויסע פראנצויזישע אוטאפיסטן.

מיטן אויסגעלייטערטן גלויבן אז דער מאראלישער פאקטאר איז אן אייביגער עלעמענט פאר דער צוקונפט און אויך א נויטיגער כוח אין צוגרייטן און קעמפן פאר איר, האט זשארעס ווידער געשטעלט סאציאליזם אויף א ריין מאראלישן יסוד. אויך ווען ער איז פאראייניגט מיטן פראלעטארישן קלאסן-קאמף.

אין זיין קליינער אבער אינהאלטסרייכער שריפט סאציאליזם און דאס לעבן, פון וועלכער מיר האבן גענומען דעם מאטא צו אונזער ארבעט, שרייבט ער:

"די הערשאפט פון איין קלאס איז אן אנפאל אויף דער מענטשהייט. סאציאליזם וויל אפשאפן קלאסן-הערשאפט און יעדן קלאסן-חילוק בכלל. דעריבער מיינט ער ווידער אויפשטעלן די מענטשהייט. ממילא איז עס א פליכט פון גערעכטיגקייט פאר יעדן צו זיין א סאציאליסט.

מען זאל אבער נישט מיינען, ווי טייל סאציאליסטן און פאזיטיוויסטן, אז זיך צו בארופן אויף גערעכטיגקייט איז קינדיש און אן נוצן. אז זי איז א ריין מעטאפיזישער באגריף, און יעדע טיראניע האט זיך לויט איר געשמאק צוגעשניטן א מאנטל פון דעם באנאלן פורפל. דאס איז בשום אופן נישט אמת.

אין דער היינטיגער געזעלשאפט באקומט גערעכטיגקייט אן אלץ קלארערן און ברייטערן באגריף. ער זאגט אונז אז אין יעדן מענטש דארף מען רעספעקטירן די מענטשהייט, און אין אים ווי ווייט מעגליך אנטוויקלען פולע מענטשליכקייט.

מענטשליכע חשיבות איז נאר דארט וואו אומאפהענגיגקייט, א טעטיגער ווילן און א פרייער, פרייליכער צופאס פון יחיד צום כלל הערשן. אבער וואו מענטשן וועגדן זיך אן אין דעם אנדערן'ס חסד, וואו זיי העלפן אין אלגעמיינע אויפגאבן נישט מיט פרייען ווילן; וואו דער יחיד ווערט אונטערגעווארפן צו די כלל'ס געזעצן נישט דורך זיין פרייען באשלוס, נאר דורך אנדערע'ס מאכט אדער געוואוינהייט, דארט קען מען רעדן נאר וועגן פארקריפלטער מענטשליכער חשיבות.

ממילא קען מענטשהייט קומען צו איר רעכט נאר ווען קאפיטאליזם ווערט אפגעשאפט און סאציאליזם איינגעפירט."

עס איז ווי זשארעס וואלט דא געהאלטן א מאראלישן שפיגל פארן היינטיגן באלשעוויסטישן ראטן-לאנד, וואס האט שוין אפגעשאפט פריוואט-קאפיטאליזם. עס זאל זען וואס פאר א פנים מענטשליכע חשיבות האט באקומען אין זיין סאציאליזם ...

וועגן באלשעוויסטישער מאראל וועלן מיר רעדן מער באריכות אין די קומענדיגע קאפיטלעך. דערווייל דארפן מיר מיט א פאר באמערקונגען פארענדיגן וועגן דעם היסטארישן גורל פון סאציאליזם און מאראל אין מערב-אייראפע.

גלייך נאך זשאַרעס'ס דערמאָרדונג איז די וועלט-מלחמה אויסגעבראָכן. זי האָט צעשמעטערט דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און פּאַרטונקלט, אָדער אינגאַנצן אַראָפּגעוואָרפן אין אָפּגרונט, סאָציאַליסטישע מאָראַל און דער פּראָלעטאַריאַט'ס אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט.

מאַרקסיסטן, קאָסמאָפּאָליטישע אַנאַרכיסטן און סינדיקאַליסטן האָבן זיך פֿון ביידע פראָנט-זייטן געוואָרפן איינער אויפֿן אַנדערן. נישט אונטער די רעגירונגען'ס בייטש, נאָר מיט פרייליכער התלהבות פאַר די פאַטערלענדער'ס אינטערעסן און פאַר בלוטיגער נקמה אויפֿן צד וואָס האָט אַנגעצונדן דעם וועלט-פייער. יעדער צד האָט באַשולדיגט דעם אַנדערן. סאָציאַליסטישע מאָראַל איז אויפֿגעריסן געוואָרן דורך באָמבעס און שראַפּנעלן און דערטרונקען אין אַ ים מענטשליך בלוט.

ערשט אַ גאַנץ אָפּאַר יאָר נאָך דער וועלט-מלחמה האָט אין מערב-אייראָפּע'ס סאָציאַליסטישער געדאַנקען-וועלט דער מאָראַלישער געוויסן אָנגעהויבן שטאַרק רעדן און מאָנען אַ דין וחשבון. דער צער און ווייטאָג פֿון מאָראַלישן יושר, צעטרעטן אין בלוט און שמוץ, האָט גערעדט דאָס שטאַרקסטע דווקא אינעם מאַרקסיסטישן לאַגער. דער לאַגער האָט שטאַרק געזינדיגט קעגן אים און זיין טעאָרעטישן צוגאַנג.

אין בעלגיע איז דער פריערדיגער פאַרברענטער מאַרקסיסט דע מאַן אַרויס מיט אַ גרויסן בוך וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פֿון סאָציאַליזם. עס איז אַרויס אין דייטש און פראַנצויזיש, און איבערגעזעצט אויך אויף ענגליש און יידיש. דאָרט אַטאַקירט ער קריטיש דעם הערשנדיגן מאַרקסיזם פאַר זיין נעגאַטיווער אָדער סתירות'פולער, לכל הפחות טעאָרעטיש פאַלשער אָדער איינזייטיגער, שטעלונג צו אידעאַליסטישע עלעמענטן אין מענטשליכער געשיכטע און אין די גרויסע פֿאָלקס-מאַסן'ס לעבן. בעיקר צו מאָראַל און רעליגיע.

מען פאַרלאַנגט ווידער אויפֿצוריכטן די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, נישט בלויז אויף נייע רעאַל-וויסנשאַפטליכע יסודות, נאָר אויך אויף די אַלטע אַלגעמיין מענטשליכע, רעליגיעז-עטישע און אידעאַליסטישע יסודות.

אין האָלאַנד שליסט זיך אָן צום זעלבן געדאַנקען-גאַנג הענריעטע ראָלאַנד-האָלסט, די פירערין פֿון מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם, אַ טעאָרעטיש הויך-געשולטע און טאַלענטפולע פּאָעטעסע. אין שווייץ וואַקסט אַ רעליגיעז-סאָציאַליסטישע באַוועגונג וואָס שליסט זיך אָן צו דער פריער איינזייטיג מאַרקסיסטישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

דאָס זענען די דריי וויכטיגסטע געשעענישן אינעם נייעם דין וחשבון מיטן אַלט-מאַרקסיסטישן צוגאַנג. זיי האָבן נישט אַריינגעברענגט קיין טעאָרעטישע פאַרטיפונג אינעם פּראָבלעם און נישט באַרייכערט סאָציאַליסטישע מאָראַל מיט נייע פּרינציפּן. אָבער זיי האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר נייעם אויסקלאָרן, פאָרן בענקען נאָך אַ נייער אָריענטירונג אין סאָציאַליסטישע געדאַנקען.

די צוזאַגנדיגע, אויפֿפרישנדיגע גייסטיגע באַוועגונג איז אָבער אָפּגעהאַלטן געוואָרן דורך דעם קאָמוניסטישן דריטן אינטערנאַציאָנאַל'ס טעטיגקייט און לעניניזם'ס אויסברייטן אין ראַטן-לאַנד, מערב-אייראָפּע און צפון-אַמעריקע.

## 23. טשערנישעווסקי, באקונין און פיאטר לאווראוו

סאציאליזם און מאראל האבן געהאט אן אייגנארטיגן גורל אין רוסלאנד'ס סאציאליסטישער געדאנקען-וועלט. שוין אין אנהייב פון די פערציגער יארן האט סאציאליזם אנגעהויבן דארט ארייננדרינגען. אין דער ערשטער צייט איז זיין אנטוויקלונג געגאנגען כמעט פאראלעל מיט דער דייטשער. אויך פאר רוסלאנד איז דער סאציאליסטישער קוואל געקומען פון פראנקרייך, און דער פילאזאפישער פון דייטשלאנד.

באקונין האט דורכגעמאכט די זעלבע גייסטיגע פארוואנדלונגען ווי קארל מארקס, און איז א לאנגע צייט געשטאנען אונטער זיין גייסטיגער הערשאפט. הערצען און שפעטער טשערנישעווסקי זענען געבליבן פריי פון דער מארקסיסטישער ווירקונג, כאטש מארקס'ס שריפטן זענען אין רוסלאנד שוין באקאנט געווארן פון אנהייב זעכציגער יארן. אזוי פארזיכערט מארקס אליין אין זיין פאלעמיק קעגן קארל פאכט.

טשערנישעווסקי, די צענטראלע פיגור פונעם רוסישן סאציאליזם אין די סוף פופציגער און אנהייב זעכציגער יארן, איז אין זיינע סאציאליסטישע בליקן געווען אן אנהענגער פון פוריע'ס ריכטונג. אבער אין פילאזאפיע איז ער געשטאנען אונטער פייערבאך'ס שטארקער השפעה.

אינטערעסאנט איז אז דווקא אין מאראל-פילאזאפיע איז ער געווען ווייניגער ווי אין אלעם אנדערן אונטער פייערבאך'ס הערשאפט. די הערשאפט האט אזוי שטארק באהערשט העס'ס, מארקס'ס און ענגעלס'ס געדאנקען ביז מארקס האט דורכגעבראכן זיין אייגענעם וועג.

אנשטאט פייערבאך'ס גליענדיגן אלטרואיזם האט טשערנישעווסקי אנגענומען שטירנער'ס ריין עגאאיסטישן צוגאנג. די טרייב-קראפט אין אלע מענטשליכע מעשים האט ער מיט שטירנער געזען אין פערזענליכן פארדינסט, און מיט פוריע אין שטרעבן צו וואס מער תענוגים.

ארבעטן פאר א בעסערער צוקונפט, אפילו די יסורים וואס מען נעמט פאר איר אויף זיך, אפילו מסירת נפש אינעם קאמף, דערקלערט טשערנישעווסקי נישט מיט א העכערן מאראלישן שטאפל אדער באזונדערע עטישע נייגונגען און געפילן. נאר מיט העכערער אינטעלעקטועלער אנטוויקלונג, מיט א קלארערן איינזען וואו צו זוכן מער און בעסערע תענוגים.

דער עגאאיסטישער צוגאנג אין מאראל-פילאזאפיע איז זיכער געווען מער אין הארמאניע מיטן נאטור-ווייסנשאפטליכן מאטעריאליזם, וואס האט אויסגעבליט אין די סוף פופציגער און אנהייב זעכציגער יארן אין דייטשלאנד און רוסלאנד.

אין רוסלאנד האט ער ארויסגעברענגט די אזוי גערופענע ניהיליסטישע באוועגונג, מיט איר קאנסעקווענטן אטעאיזם און שארפסטן פראטעסט קעגן אלע הייליגקייטן און חשיבותן: רעליגיעזע, פאטריאטישע, רעכטליכע און אויך מאראלישע.

פון דער ריין גייסטיגער ריכטונג, בעיקר צווישן דער שטודירנדיגער יוגנט, איז אויסגעוואקסן די סאציאליסטיש-רעוואלוציאנערע באוועגונג, מיט דער ערשטער ארגאניזאציע ערד און פרייהייט פון 1863. די ניהיליסטישע אידייען פון די זעכציגער יארן האבן געפונען זייער שארפסטן אויסדרוק אין באקונין'ס אנארכיזם און אין דער רעוואלוציאנערע גרופע וואס נעטשאיעוו האט געפירט.

באקונין האט דעם קאמף קעגן גאט-גלויבן געהאלטן פונקט אזוי וויכטיג ווי דעם קאמף קעגן שטאט, אייגנטום, משפחה און אלע אנדערע יסודות פון דער אלטער געזעלשאפט. אין זיין קאטכיזם פון א רעוואלוציאנער האט ער פארלאנגט אז דער רעוואלוציאנער זאל זיך נישט רעכענען מיט עפעס אנדערש ווי די רעוואלוציע'ס אינטערעסן. פאר איר זאלן אלע אנדערע מאראלישע אנווייזונגען בטל ווערן.

אונטער דער ווירקונג פונעם באקוניסטיש-אנארכיסטישן צוגאנג האט נעטשאיעוו אויסגעטראכט א שפיאנען-בלבול אויף א מיטגליד פון זיין אייגענער ארגאניזאציע און אים געלאזט דערשיסן. דורך זיין בלוט און דעם געמיינזאמען פארברעכן האט ער געוואלט שטארקער צעמענטירן זיין גרופע'ס סאלידאריטעט.

פונדעסטוועגן געהערט סערגעי נעטשאיעוו אלס רעוואלוציאנער צו די גאר געהויבענע פערזענליכקייטן אינעם רוסישן קאמף פאר סאציאליזם און פרייהייט. די לעצטע צען יאר פון זיין לעבן, אין דער שרעקליכסטער פון די צאריסטישע תפיסות, האבן באוויזן אז גארנישט, אפילו די ערגסטע פייניגונגען, האט געקענט ברעכן זיין אויסערגעוויינליך שטארקן כאראקטער, העלדישן מוט און געטריישאפט צו זיינע אידייען.

אבער שוין אין די זעכציגער יארן האט זיך אין רוסישן סאציאליסטישן געדאנק אנגעהויבן צוגרייטן א שטארקע רעאקציע קעגן דעם מאטעריאליסטישן און אנטי-מאראליסטישן צוגאנג. מיטן דייטשן נאטור-פילאזאפישן מאטעריאליזם האבן אויך פראנצויזישע און ענגלישע פילאזאפישע ריכטונגען אריינגעדרונגען: קאמט'ס פאזיטיוויזם און דער ענגלישער עמפיריזם.

אויך פרידריך אלבערט לאנגע'ס די געשיכטע פונעם מאטעריאליזם, וואס מיינט דעם אנהייב פון דער נעא-קאנטישער אדער נעא-קריטישער שולע, האט צוגעצויגן די וויניגע יודע חן אין דער אנטוויקלונג פון מאדערנער פילאזאפיע.

די נייע אנטי-מעטאפיזישע ריכטונגען האבן פאר די ערנסטער טראכטנדיגע קעפ קלאר געמאכט אז מאטעריאליזם איז נישט וויסנשאפט. אין עצם דארף מען אים רעכענען צום זעלבן מעטאפיזישן געדאנקען-גאנג ווי די אידעאליסטישע נאטור-פילאזאפיעס. אבער אלע נייע גייסטיגע ריכטונגען זענען געווען אידעאליסטיש אין זייער לעבנס-בליק און געזעלשאפט-פילאזאפיע. אלע האבן אין זייערע געדאנקען-בנינים אוועקגערוימט דעם חשוב'סטן פלאץ פאר מענטשליכער מאראל.

אונטער זייער ווירקונג זענען אין רוסלאנד אויסגעוואקסן די צוויי גרעסטע סאציאליסטישע דענקער, לאווראוו און מיכאילאווסקי. זיי האבן ארויפגעלייגט זייער גייסטיגן שטעמפל אויף די יונגע דורות פון די זיבעציגער און אכציגער יארן, און

געשטעלט די וואקסנדיגע סאציאליסטישע און רעוואלוציאנערע באוועגונג אויף א שטרענג מאראלישן יסוד.

פיאטר לאווראוויטש לאווראוו, פארשיקט פון דער רוסישער רעגירונג פאר זיין היסטארישע בריוו, א קלאסישער ווערק אין רוסלאנד, איז שפעטער געווארן א פאליטישער עמיגראנט. אין דעם קאמף וואס האט דעמאלט צעריסן דעם ערשטן אינטערנאציאנאל, צווישן פרודאניסטן און באקוניסטן פון איין זייט און מארקסיסטן פון דער אנדערער, האט ער זיך גלייך אנגעשלאסן צום מארקסיסטישן פליגל. ביז מארקס'ס טויט האט ער שטענדיג געהערט צו זיינע חשוב'סטע פערזענליכע מקורבים. דער מקור גיט דא דאס יאר 1882.

אין זיינע פילע שריפטן און פעריאדישע אויסגאבן האט לאווראוו געלייגט די טעארעטישע יסודות פון סאציאליסטיש-רעוואלוציאנערן פאלקסטימלערטום, רעוואלוציאנאיע נאראדניטשעסטווא. עס האט באלד צוזאמענגענומען א גאנץ שטארקע ריכטונג אין דער רוסישער רעוואלוציאנערער וועלט, די לאווריסטישע, קעגן דער באקוניסטישער.

לאווראוו האט מארקס באוואונדערט, אבער איז נישט געווען א בלינדער אנהענגער. אגב, דעמאלט זענען היסטארישער מאטעריאליזם, דיאלעקטישער מאטעריאליזם און וויסנשאפטליכער סאציאליזם נאך נישט געווען קיין אנזעעוודיגע שיטה אין סאציאליסטישע געדאנקען.

מארקסיזם האט דעמאלט געמיינט א סכום טעאריעס וועגן די געזעלשאפטליך-עקאנאמישע יסודות פון קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, און די געזעלשאפטליך-עקאנאמישע און פאליטישע יסודות'דיגע שטריכן וואס מען דארף ערווארטן אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט נאך דער רעוואלוציע. אלעס קעגן די אנארכיסטישע טעאריעס פון פרודאן און באקונין.

די באזונדערע פילאזאפישע און געשיכטס-פילאזאפישע געדאנקען פון מארקסיזם, בעיקר פונעם קאמוניסטישן מאניפעסט, זענען באטראכט געווארן אלס פריוואטע מיינונגען פון מארקס, ענגעלס און א פאר איבערגעהיצטע פראנצויזישע תלמידים, ווי געד, לאנגע און לאפארג. זיי זענען אויך נישט געווען קיין גרויסע מומחים אין זייערע רביים'ס פילאזאפישע געדאנקען.

לאווראוו איז געווען אן אבסאלוטער קעגנער פון די טעארעטישע וועגן וואס האבן געבויט סאציאליזם אויף ריין אביעקטיווע עקאנאמישע אנטוויקלונגס-פראצעסן אין געשיכטע. פראצעסן וואס שטייען הינטער מענטשליכן באוואוסטזיין און ווילן, ווירקן אויפן שנעל פראלעטאריזירנדיגן ארבעטנדיגן פאלק'ס באוואוסטזיין און ווילן, און טרייבן זיין רוב צו א סאציאליסטישן איבערקער.

אין באוואוסטזיניגן קעגנזאץ דערצו האבן לאווראוו און מיכאילאווסקי אויפגעהויבן דעם לאזונג פון סוביעקטיוויזם. דער שווערפונקט איז אריבער צו דעם מענטש'ס סוביעקטיוון באוואוסטזיין און די זאכן וואס זיין ווילן זוכט דערגרייכן.

אנגעווענדט אויף סאציאליזם האט דער סוביעקטיווער מעטאד אין סאציאלאגיע נישט געמיינט עפעס אנדערש ווי א מאראלישן צוגאנג צום קאמף פאר סאציאליזם. אויך באגרינדען סאציאליזם אליין מיט די באפרייאונגס-אידעאלן וואס ליגן אין די ארבעטנדיגע קלאסן'ס מענטשליכע אינטערעסן און אין יעדן מענטש'ס אינטערעס זיך צו אנטוויקלען אויף אלע זייטן.

לאווראוו איז געקומען צו דער סאציאליסטישער אינטעליגענציע מיטן רוף "גיין אינעם פאלק", דארט אויפצוקלארן די ארבעטנדיגע מאסן און זיי צוגרייטן צום סאציאליסטישן איבערקער. דעם רוף האט ער בעיקר באגרינדעט מיט דער מאראלישער פליכט פון דער אינטעליגענציע וואס לעבט אויפן ארבעטנדיגן פאלק'ס חשבון.

די אינטעליגענציע מוז זיך איינהערן אין דער מאנענדיגער שטימע פון דער פליכט אויב זי וויל זיין א קריטיש טראכטנדיגע היסטארישע קראפט. זי זאל נישט אננעמען די איינגעשטעלטע ווירקליכקייט אן איבערטראכטן, נאר זי קריטיש אנאליזירן לויט איר אייגענעם אמת און יושר, און שטרעבן איבערצובויען די ווירקליכקייט לויט אירע אידעאלן. די אידעאלן מוזן שטימען מיט אירע יושר-געפילן און מיט די ריין וויסנשאפטליכע רעזולטאטן וואס איר אביעקטיווע זוכעניש נאך אמת צווינגט ארויף אויף איר געדאנק.

## 24. רוסלאנד און מערב-אייראפע

וועגן דעם מאראלישן צוגאנג אין סאציאליסטישע טעאריעס האט די באוועגונג אין רוסלאנד זיך געפונען אין א גאנץ אנדערער לאגע ווי אין מערב-אייראפע.

אין ענגלאנד, פראנקרייך און דייטשלאנד זענען די פראקטישע אויפגאבן פונעם טאג-טעגליכן קאמף קיינמאל נישט געווען אין קאנפליקט מיט די פאדערונגען פונעם שטרענגסטן סאציאליסטישן באוואוסטזיין.

דער אונטערדריקטסטער, ארעמסטער און מערסט אויסגעזויגענער קלאס איז געווען די פאבריק-ארבעטערשאפט, דער פראלעטאריאט. אבער שוין פון די פערציגער יארן האט ער אנגעהויבן ווערן אלץ מער מסוגל אנצונעמען סאציאליסטישע אידייען און אידעאלן. אלץ מער וויליג זיך לאזן פירן פון דער סאציאליסטישער אינטעליגענציע, סיי אינעם טאג-טעגליכן קאמף צו פארבעסערן זיין לאגע אין קאפיטאליסטישע גרענעצן, סיי אין געדאנקען וועגן איר רעוואלוציאנערן איבערבוי.

דער שטאטישער קליינהענדלער און די פועלים ביי די בעל-מלאכות, אויך א גאנץ גרויסער טייל פון די קליינע בעלי-בתים אליין, האבן שטארק געליטן פונעם קאפיטאליסטישן סדר. אויך זיי האבן נישט געקענט וויזן גרויסן קעגנשטאנד קעגן אן אידעאל וואס זאל אפשאפן קאפיטאליזם, אוועקנעמען זייערע ארעמע קליינע קראמען און קליינינקע ווארשטאטן, און זיי פארזיכערן א גליקליכער, רייכער לעבן אין א

געזעלשאפט פון פריי פאראייניגטע פראדוצירער. די סאציאליסטישע פארטייען, וואס זייער הויפט-ארמיי איז געווען לוין-ארבעטערשאפט, פלעגן זיך שנעל אנפילן מיט די פארגעשריטענע עלעמענטן פונעם קליינבירגערטום.

אנדערש די מערב-אייראפעאישע פויערים. צווישן זיי זענען געווען גאנץ גרויסע שיכטן פון רייכערע בעלי-גופים, פאנאטיש צוגעבונדן צו זייערע נחלאות, גרויסע אדער קליינע. אין די זיבעציגער און אכציגער יארן איז זייער עקאנאמישער מצב נאך נישט געווען קאטאסטראפיש צערייסלט פונעם וואקסנדיגן קאפיטאליזם.

עס איז נישט געווען קיין גרויסע גוזמא ווען ענגעלס האט גערעדט וועגן דעם "אנטי-קאלעקטיוויסטישן פויערים-שארבן". מען האט דעמאלט נישט שטארק איבערגעכאפט די מאס ווען מען האט אפילו ארבעטנדיגע פויערים גערעכנט צו דער געזעלשאפט'ס רעאקציאנערע כוחות, און נישט אזוי שטארק זיך געגעסן דאס הארץ דערפון וואס דער סאציאליסטן-פיינטליכער פויערים-שארבן ווערט צעשמעטערט אינעם גאנג פון קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג.

מאראלישער יושר, בפרט סאציאליסטישער, האט דיקטירט נאר איין וועג: ארגאניזירן דעם פראלעטאריאט, די פאראויסגייענדיגע קראפט פון די ליידנדיגע און אונטערדריקטע שטאטישע שיכטן בכלל. צוזאמענרופן און פארפעסטיגן די ארמיי וואס וועט אונטערגראבן די אלטע געזעלשאפט'ס יסודות און באגראבן די פריוואט-אייגנטימערישע, אויסנוצנדיגע קלאסן אונטער אירע חורבות.

אונטער אזעלכע אומשטענדן איז פראקטיש נישט געווען קיין גרויסע נפקא מינה צי מען האט סאציאליסטישע גערעכטיגקייט טעארעטיש געזען אלס די העכסטע אנטוויקלונג און קלארסטע אויסלייטערונג פונעם אלגעמיין מענטשליכן מאראלישן באוואוסטזיין, אדער מיט ענגעלס און דעם וואקסנדיגן מארקסיזם נאר אלס א סוביעקטיוון פסיכאלאגישן סימן.

א סימן אז קאפיטאליזם האט זיך שוין אביעקטיוו, עקאנאמיש איבערגעלעבט, און די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט-פארעם איז שוין "אויף דער צייט" מיט דער נייער סאציאליסטישער פארעם.

אויפן באדן פונעם נייעם געזעלשאפטליך-עטישן באוואוסטזיין זענען אויפגעקומען פארשידענע קאנפליקטן. צווישן רעוואלוציאניזם און רעפארמיזם, וואס מען האט אין די אכציגער יארן גערופן פאסיביליזם, און צווישן אנארכיסטישן און סאציאל-דעמאקראטישן וועג. אבער די רייבונגען און קאמפן האבן נישט געהאט קיין שייכות צו סאציאליסטישע מאראל'ס פאדערונגען.

גאנץ אנדערש איז געווען רוסלאנד אין די זעלבע זיבעציגער און אכציגער יארן. דאס ארבעטנדיגע פאלק איז אין אויסערגעוועינליך גרויסן רוב געווען פויערים. זייער באפרייאונג פון פאנשטשיזנע, דער פריצים'ס אייגנטום-רעכט אויף פויערים, אין די זעכציגער יארן האט ביי זיי צוגענומען דעם גרעסטן און בעסטן טייל פון דער ערד וואס זיי האבן באארבעט מיט אייגענע הענט, פאר זיך אדער פארן פריץ.

"מיר זענען אייערע, אבער די ערד איז אונזערע", פלעגן די פויערים זאגן. ביים גרויסן רוב, בעיקר די גרויס-רוסישע, זענען נאך נישט פארשוואונדן די אלטע אבשטשינא, קהל׳ישע אייגנטום אויף ערד, און די דארפישע זעלבסט-פארוואלטונג. דער יחיד איז דארט געווען אונטער דער קהילה׳ס, דעם מיר׳ס, קאנטראל און משפט-מאכט.

די פויערים-באפרייאונג פון 1861 האט דעם פויער חרוב געמאכט. הויכע אפצאלונגען פאר דער איבערגעלאזענער ערד; די פריצים׳ס עקאנאמישע אויבערמאכט איז געבליבן גאנץ; די רעגירונג׳ס פאליטישער דעספאטיזם האט זייערע פריווילעגיעס געהיט ווי דעם שווארצאפל פונעם אויג.

דערצו איז געקומען דער אנהייב פון קאפיטאליזם אין שטעט, די אנטוויקלונג פון געלט- און מארק-ווירטשאפט. זי האט צעשטערט די פויערים׳ס היים-אינדוסטריע פאר אייגענעם באנוץ. די נייע צוקומענדיגע אגראַרישע באפעלקערונג און א גרויסער טייל פון דער אלטער האבן שוין נישט געהאט פלאץ אויף דעם איינגעשרומפענעם שטח פון דארפישער ווירטשאפט.

יאר איין, יאר אויס איז א שטראם ארבעטסלאזע פויערים ארויס פון די דערפער. די שטאטישע אינדוסטריע האט אים נישט געקענט אויפנעמען. ער האט זיך געצויגן איבערן גאנצן לאנד, דרום צו צפון, מזרח צו מערב. אמאל זיך טראפנווייז באזעצנדיג אין שטעט, אמאל זוכנדיג פריצישע נחלאות וואס האבן געדארפט פויערישע הענט פאר סעזאן-ארבעט.

דער ארעמסטער, אונטערדריקטסטער, מערסט אויסגענוצטער, אומוויסנדיגסטער און פון יעדן בעל-מאכט צעטרעטענער קלאס איז געווען פויערים, כמעט דאס גאנצע ארבעטנדיגע פאלק. אויף דעם רוסישן פויער האט מען בשום אופן נישט געקענט זאגן אז זיין שארבן איז פאנאטיש אנטי-קאלעקטיוויסטיש, און אז פאר סאציאליזם איז בעסער ער זאל וואס פריער צעשמעטערט ווערן דורך קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג.

סאציאליסטישער יושר האט מיט א באפעל פארלאנגט זיך אנצונעמען פאר דעם פויערישן פאלק׳ס מענטשליכע אינטערעסן, באלויכטן זיי מיטן פרייהייטליכן סאציאליסטישן אידעאל. אבער ווער זאל זיך אננעמען? עס איז דעמאלט נישט געווען קיין אנדערער קרייז אין רוסלאנד וואס זאל אויפהייבן די פאן פונעם סאציאליסטישן באפרייאונגס-קאמף ווי די סאציאליסטישע אינטעליגענציע, די קריטיש טראכטנדיגע יוגנט.

דאס איז געווען א באוועגונג אויסער קלאסן וואס האט אנגעהויבן "גיין אינעם פאלק". צו איר האבן געהערט פויערים-קינדער ווי יעגאר לאזאריעוו און זשעליאבאוו; פון מיטלערע און רייכערע פריצים-קלאסן ווי יעקאטערינא ברעשקאווסקייא און וויערא פיגנער; אריסטאקראטן ווי פירסט קראפאטקין; לוין-ארבעטער ווי פיאטר אלעקסעיעוו און כאלטורין; און יידישע קינדער ווי פאוועל אקסעלראד, זונדעליעוויטש און העסיע העלפמאן. איך דערמאן נאר א פאר גוט באקאנטע נעמען.

ביי זיי אלע האט דער דראנג צו געזעלשאפטליך-רעוואלוציאנערער ארבעט נישט געקענט קומען פון אן אנדערן קוואל ווי סאציאליסטישן יושר און זיינע פאדערונגען.

אין דער ערשטער צייט זענען אויך דא נישט געווען מעגליך מאראלישע קאנפליקטן. אפילו דער טעארעטישער מאראל-סכסוך צווישן רעוואלוציאנערן פון א נעטשאיעוו-באקוניסטישן און א לאווריסטישן צוגאנג האט נישט געקענט האבן קיין פראקטישן באדייט. פאר אלע האט פאלק געמיינט פויערים, און באפרייען דאס פאלק האט געמיינט באפרייען די פויערים.

דער מאראלישער קאנפליקט האט זיך ערשט איינגעשטעלט ווען סאציאליסטן האבן קלאר איינגעזען דעם גרויסן חילוק צווישן מערב-אייראפע און רוסלאנד. אויב רוסלאנד מוז היסטאריש און סאציאלאגיש אריינגעשלעפט ווערן אינעם זעלבן קאכנדיגן קעסל פון קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג ווי אייראפע, שטויסן זיך טראגיש צוזאמען די פאדערונגען פון סאציאליסטישן יושר מיטן אביעקטיוון גאנג פון געשיכטע. דער טריאומף וועט געהערן נישט סאציאליסטישער מאראל, נאר דעם אבי אבות הטומאה, קאפיטאליזם מיט זיין ברוטאלער בורזשואזיע.

מען האט לפי ערך פרי אנגעהויבן שפירן דעם קאנפליקט. שוין אין די זיבעציגער יארן האבן זיך אין רוסלאנד פארשפרייט הערבערט ספענסער'ס בורזשואז-סאציאלאגישע טעאריעס. אין נאמען פון וויסנשאפטליכן אמת האבן זיי פארלאנגט אז דער סאציאלאג זאל זיך נישט רעכנען מיט אידעאלן אדער סוביעקטיווע צוגאנגען.

ער זאל ריין אביעקטיוו שטודירן די יסודות'דיגע געזעצן פון אלוועלטליכן פארשריט, אין נאטור און מענטשליכער געזעלשאפט, און וואוהין די געזעצן פון עוואלוציע מוזן פירן. צי עס שטימט מיט די אדער יענע מענטשליכע וואונטשן צי נישט.

קעגן דעם אביעקטיוויזם אין סאציאלאגישער און היסטארישער פארשונג איז מיכאילאווסקי ארויס אין זיין געדאנקען-רייכער ארבעט וואס איז פארשריט?, און מיט זיין סוביעקטיוון מעטאד אין סאציאלאגיע בכלל.

זיין וועגווייזנדיגער שטערן איז געווען דער פאראייניגטער ענין וואס דאס רוסישע פאלק באצייכנט מיטן ווארט פראוודא. עס האט א דאפלטן זין: פראוודא-איסטינא, אמת, און פראוודא-ספראוועדליוואסט, יושר.

מיכאילאווסקי האט פרובירט טעארעטיש צו באווייזן אז א פארשער קען נישט דערגרייכן פראוודא-אמת אויב זי איז ביי אים נישט פארבונדן מיט פראוודא-יושר. אזוי ברענגט ער דעם מאראלישן פאקטאר אריין סיי אין סאציאליסטישער טעטיגקייט און סיי אין דער וויסנשאפטליכער פארשונג אליין.

## 25. וויסנשאפט און אידעאלן

ניקאליי מיכאילאווסקי איז געווען אן אריגינעלער דענקער. ער האט אנגעהאנגען אין א פילאזאפישן געדאנקען-גאנג וואס פלעגט נאר צייטנווייז אויפבליצן, צוציען דעם ארום'ס אויפמערק און באלייכטן די סביבה מיט נייע אויסבליקן. אבער ביז יעצט האט ער נאך

נישט געקענט שאפן א שטראם דענקער וואס גייען אין איין ריכטונג, בלייבן געטריי צו איר יסוד און ווענדן אים אן אויף אלץ מער און ברייטערע פעלדער פון מענטשליכן וויסן און באוואוסטזיניגן שטרעבן.

מיכאילאווסקי האט געהאט אויסערגעוועגליך אסאך אנהענגער און פארערער. כמעט אלע יונגע דורות פון די זיבעציגער, אכציגער און ניינציגער יארן פונעם פאריגן יארהונדערט, און טיילווייז פונעם ערשטן און צווייטן צענדליג פונעם היינטיגן יארהונדערט. פונדעסטוועגן איז ער אלס פילאזאפישער דענקער געבליבן אן איינצעלנער, וואס זיינע וועגן זענען אפט געווארן שלעכט, איינזייטיג אדער בכלל נישט פארשטאנען.

דער ערשטער פון אזעלכע איינצעלגייער איז געווען דער אלט-גריכישער דענקער פראטאגאראס. ער האט אויך פארמולירט דעם יסוד פאר אלע שפעטערע דענקער פונעם סארט: "דער מענטש איז די מאס פון אלע זאכן: פון די עקזיסטירנדיגע, צי און ווי זיי עקזיסטירן, און פון די נישט-עקזיסטירנדיגע, צי און פארוואס זיי עקזיסטירן נישט."

פון דעם שטאנדפונקט האט מען אין פראטאגאראס'ס צייט נישט געקענט זאגן זיכער צי געטער זענען פאראן און וואס זייער מהות איז. דער ענטפער אויף זייער עקזיסטענץ האט זיך אנגעוואנדן אין די מענטשן וואס האבן זיי געמאסטן מיט דער אדער יענער מאס. פאר די וואס האבן געגלויבט אין דער געטער-וועלט האט זי עקזיסטירט. פאר די וואס האבן נישט געגלויבט האט זי נישט עקזיסטירט. פאר מענטשליכער דערקענטעניש איז נישט דא קיין דרויסנדיגע מאס פאר אלע זאכן, א מאס וואס ליגט אויסער מענטשן.

אזוי האט שוין פראטאגאראס אריבערגעטראגן דעם שווערפונקט פון דער אביעקטיווער וועלט און אביעקטיוון וויסן צו דער סוביעקטיווער וועלט. צום מענטש און זיינע פראצעסן פון דערקענען, זיין טראכטן, פילן און ווילן.

שפעטער האבן פארשידענע איינצעלנע דענקער אויסגעארבעט דעם זעלבן יסוד, יעדער אויף זיין אופן און מיט מער אדער ווייניגער טעארעטישן געוויכט: קאנט, באזאר, פייערבאך, שטירנער, פרידריך אלבערט לאנגע, מיכאילאווסקי און אין אונזער צייט דער ענגלישער פילאזאף שילער.

ווען מען קוקט דורך די שאפונגען פון דער אייגנארטיגער גרופע, צעווארפן איבער פארשידענע תקופות, באמערקט מען צוויי אויסטייטשונגען פונעם מענטשליכן סוביעקטיוויזם.

מענטש מיינט קודם דעם מענטשליכן מין בכלל, ביי קאנט און פייערבאך, אדער די מענטשהייט ביי באזאר. דעריבער קען מען געפינען א מענטשליכע מאס פאר אלע זאכן וואס וועט מחייב זיין יעדן יחיד.

אבער מענטש מיינט אויך דעם יחיד, דעם אינדיווידואום, ווי ווייט ער איז אנדערש פון אנדערע מענטשן. דעמאלט ווערט דער מענטש אזוי צו זאגן דאפלט-מאסיג. איין מאס האט ער בשותפות מיט אלע אנדערע מענטשן. נאך א מאס איז אמת בלויז פאר אים און זיינסגלייכן.

די דאפּלטע אויסטייטשונג, אַלגעמיין מענטשליך און פּערזענליך, האָט געהערשט ביי די אַנדערע אויבן דערמאַנטע דענקער פון דער צוואָרפענער גרופּע. טייל האָבן זיך מער גענייגט צום אַלגעמיין מענטשליכן, אַנדערע צום גאָר גרויסן באַדייט פון דער פּערזענליכער מאָס.

שטירנער און מיכאַילאָווסקי האָבן געלייגט דעם הויפּט-געוויכט, נישט דאָס גאַנצע געוויכט, אויפן פּערזענליכן מאָמענט אין מענטשליכן וויסן. אָבער צווישן זיי איז איין גרויסער חילוק וואָס איז וויכטיג פאַר אונזער ענין.

פאַר שטירנער איז דער מענטש בכלל אַן עגאָאיסט וואָס שטרעבט צו אייגענעם פאַרדינסט און לעבט אין עצם פאַר זיך אַליין. מענטשן-ליבע און מאָראַלישע, געזעלשאַפטליכע אידעאַלן זענען דעריבער בלענדונגען, איבערבלייבענישן פון אַ קינדישן שטאַפּל אין מענטשליכער אַנטוויקלונג. מיראַזשן פון וועלכע יעדער גייסטיג דערוואַקסענער קען זיך באַפרייען.

פאַר מיכאַילאָווסקי איז יעדער מענטש דווקא בטבע אַן אידעאַליסט וואָס האַלט טייער די אידעאַליסטישע עלעמענטן פון מענטשליכן לעבן. ווי אַן עמפּיריקער גיט ער אַ פּערזענליך-עמפּירישע אויסטייטשונג פונעם יסוד: "דער מענטש האָט ליב אמת, יושר און שיינקייט, ווייל מיט די נעמען רופט ער דווקא דאָס וואָס ער האָט ליב."

דאָס מיינט: באַשטימטע ענטפערס אויף וואָס איז אמת, יושר'דיג אָדער שיין קענען זיין אַנדערש אין פאַרשידענע צייטן, ביי פאַרשידענע פעלקער, גרופּעס און יחידים. אָבער דער צד השוה בלייבט שטענדיג די ליבע צו אמת, יושר און שיינקייט ווי זיי ווערן פאַרשטאַנען דורך די וואָס שטרעבן זיי צו פאַרווירקליכן. אין אייגענעם לעבן, אין דער געזעלשאַפט אָדער אין ביידע.

די מענטשליכע ליבע צו אידעאַלן, אין וואָס זיי זאָלן נאָר באַשטיין, קען זיין קלאָר און זעלבסט-באַוואוסטזיניג אָדער באַהאַלטן. אָבער דווקא די באַהאַלטענע גנב'עט זיך אַריין און ווירקט אין דער אַזוי גערופענער אָביעקטיווער פאָרשונג.

דער פאָרשער מיינט אַז ער רעכנט זיך נישט מיט אייגענע וואונטשן און אידעאַלן, נאָר שטרעבט אָן פּניות, אינגאַנצן אומפּאַרטייאיש, אויסצופאָרשן פּראָצעסן אין נאַטור, געשיכטע און דער הערשנדיגער געזעלשאַפט. אויך ווען ער וויל ריין אָביעקטיוו אויסגעפינען וואָוהין און לויט וועלכע אומפאַרענדערליכע געזעצן פאָרשריט גייט אין דער וועלט און געשיכטע, און וואָס דער עצם ענין פאָרשריט איז, דיקטירט דער באַהאַלטענער סוביעקטיווער עלעמענט אומבאַמערקט זיין שכל.

ער דיקטירט וואָס מען זאָל באַטראַכטן אַלס פאָרשריט, וועלכע געזעצן וועלן אויסקוקן אומפאַרמיידליך און וואָוהין דער שטראָם פון דער ריין עלעמענטאַרער אַנטוויקלונג מוז זיכער דערגרייכן. ווייל אויך פאָרשריט געהערט צו די זאַכן וואָס דער מאָדערנער פאָרגעשריטענער מענטש האָט ליב. ממילא מוז זיין אָביעקטיווע פאָרשונג צום סוף אַרויסברענגען דעם טריאומף פון דעם אמת, יושר און שיינקייט וואָס דער פאָרשער האָט ליב. ווי יעדן מענטש וואָס רופט מיט די נעמען דאָס וואָס ער האָט ליב.

דער שטאנדפונקט האט שוין געפירט מיכאילאווסקי'ס ערשטע גרעסערע, וויכטיגע ארבעט וואס איז פארשריט? טראכט נישט, האט ער געווארנט, צו געפינען א ריין אביעקטיוון ענטפער ווי ספענסער טוט. ווערט קודם קלאר פאר זיך וואס פארשריט זאל זיין לויט אייערע אידעאלן.

ערשט דערנאך גייט צו דער ווירקליכקייט און פארשט צי עס זענען דא עלעמענטן וואס שטימען מיט אייער אידעאל. געפינט וואס דארף געענדערט ווערן כדי די עלעמענטן זאלן זיך ווייזן, און וואס איר אליין דארפט טאן כדי אייער אידעאל זאל טריאומפירן.

קודם פארלירט מורא און רעספעקט פארן נאטירליכן גאנג פון געשעענישן וואס טראגן זיך כלומרשט מיט אן אומאויפהאלטבארן אימפעט צו דעם אדער יענעם ציל. קיין מענטש קען נישט אביעקטיוו אויסגעפינען וואוהין דער נאטירליכער גאנג מוז זיך דערטראגן. ווי מען קען זיך נישט אליין אויפהייבן ביי די האר, קען קיין מענטש זיך נישט אויפהייבן איבער די באהאלטענע סוביעקטיווע וואונטשן אין זיין פארשונג. בעיקר אין ענינים וואס האבן דירעקט צו טאן מיט מענטשליכן לעבן אדער קענען דערויף ווערן אנגעווענדט.

דאס איז איינע פון די וויכטיגסטע הויפט-שטריכן פון מיכאילאווסקי'ס סוביעקטיוון מעטאד אין סאציאלאגיע. אבער דער מעטאד האט נאך א פאדערונג, נישט א נעגאטיווע נאר א פאזיטיווע. דער פארשער זאל צוגיין צו אביעקטיווער פארשונג מיט א קלארן פאראייניגטן, דאפלטן אידעאל: שטרעבן צום אביעקטיוון אמת אינעם ליכט פון זיין סוביעקטיוון מאראלישן אידעאל פון יושר. אזוי, און נאר אזוי, וועט ער אויסגעפינען פראוודא, וואס מיינט סיי אמת און סיי יושר.

## 26. מענטשן קעמפן נישט בלויז פאר עקזיסטענץ, נאר אויך פאר אינדיווידואליטעט

ניקאליי מיכאילאווסקי'ס סוביעקטיווער מעטאד אין סאציאלאגיע באשטייט בעיקר אין דעם: אין פארשן מענטשליכע געזעלשאפט קען מען נישט דערגרייכן ריין אביעקטיווע וויסנשאפטליכע רעזולטאטן אן קודם האבן אן אידעאל ווי די געזעלשאפט זאל זיין. דער פארשער מוז אליין זיין קלאר אינעם מהות פון זיין געזעלשאפטליכן אידעאל.

די מעטאדאלאגישע פאדערונג איז: "הייב אן מיט אן אוטאפיע". מיט עפעס וואס איז נאך נישט דא, אבער דארף זיין, ווייל עס שטימט מיט דיין מאראלישן געוויסן'ס העכסטן אפשאץ.

דאס איז פונקט פארקערט פון ספענסער'ס פאדערונג אין וועגן שטודירן סאציאלאגיע. דארט דארף דער פארשער קודם זיך אינגאנצן באפרייען פון אלע אידעאלן און סוביעקטיווע וואונטשן. א פאדערונג וואס איז שוין פריער געשטעלט געווארן אין דער דיאלעקטישער מעטאדאלאגיע ביי העגעל און זיינע תלמידים, ביי מארקס און די מארקסיסטן.

דעריבער איז מיכאַילאָווסקי צוגעגאַנגען צום פאָרשן פאָרשריט, דעם צענטראַלן ענין אין ספּענסער'ס פילאָזאָפיע און סאָציאָלאָגישער וויסנשאַפט, מיט קלאָרע סאָציאַליסטישע אידעאַלן. מיט דער סאָציאַליסטישער מאָראַל-פאָדערונג וואָס איז געלעגן אין די פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע סיסטעמען, בעיקר פוריע'ס: דער ציל פון געזעלשאַפטליכן לעבן דאַרף זיין יעדן יחיד'ס גליק.

גליקליך קען דער מענטש זיין נאָר ווען ער איז אויף אַלע זייטן אַנטוויקלט, קערפּערליך, אינטעלעקטועל, עסטעטיש און מאָראַליש, און נוצט אַלע זיינע שלימותן אין סאָלידאַרישער קאָאָפּעראַטיווער אַרבעט מיט זיינע מיטמענטשן.

ספּענסער'ס סאָציאָלאָגיע איז געקומען צום פּונקט פאַרקערטן רעזולטאַט. געזעלשאַפטליכער פאָרשריט פירט שטענדיג דערצו אַז די איינצעלנע טיילן פונעם גאַנצן ווערן אומגלייך, ווי אבֿרים אין אַ לעבעדיגן אָרגאַניזם. ווי יעדער אבֿר האָט זיין באַזונדערע אויפגאַבע, צעטיילט זיך אויך מענטשליכע געזעלשאַפט אין קלאַסן און פּראָפעסיעס.

די יחידים זענען בלויז ווי צעלן אינעם אָרגאַניזם. אונטער דער הערשאַפט פון די געזעצן וואָס באַהערשן דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע לעבן פאַרלירן זיי זייער אומאָפּהענגיגן פּערזענליכן מהות. זיי ווערן אַריינגעטריבן אין דעם אָדער יענעם קלאַס אָדער פּראָפעסיע. טייל אינעם מח, אַנדערע, ווי מיכאַילאָווסקי זאָגט, "אינעם קלענסטן נאָגל פונעם קלענסטן פינגער אין אַ פוס", ווי לוין-אַרבעטער אין קאַפּיטאַליזם.

מיכאַילאָווסקי לייקנט נישט אַז דער פּראָצעס קומט טאַקע פאָר אין דער געזעלשאַפט'ס געשיכטע. אָבער פאַר זיינע אויגן שטייט דער סאָציאַליסטישער אידעאַל פון מענטש ווי אַן אומאָפּהענגיגע, אויף אַלע זייטן אַנטוויקלטע אינדיווידואַליטעט. נישט איינגעשלונגען און נישט פאַרקרימט אינעם געזעלשאַפט'ס אָרגאַנישן פּראָצעס. דעריבער ווערט ער נישט נתפּעל פון דער הערשנדיגער טענדענץ אין די מערבֿ-אייראָפּעאישע בורזשואַזע 'לענדער' געזעלשאַפטליכן פאָרשריט.

ער פרעגט: איז דער פּרינציפּ פון צעטיילן אין קלאַסן און פּראָפעסיעס, און איינשלינגען דעם יחיד, אומפאַרמיידליך? ווייזט דער געזעלשאַפטליכער געשעעניש נישט אויך אַנדערע אַנטוויקלונגס-פּראָצעסן וואו דער יחיד פאַרלירט נישט זיין פולשטענדיגע מענטשליכע אינדיווידואַליטעט?

די פאַרבינדונג צווישן דער ריין טעאָרעטישער פראַגע און די רוסישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג'ס פּראַקטישע צילן איז קלאָר. פון די זעכציגער יאָרן, נאָך דער פּויערים-באַפרייאונג, האָט זיך אין רוסלאַנד אַנטוויקלט אַ ריין בורזשואַזער קלאַס. די ליבעראַלן האָבן דערין געזען דעם אָנהייב פון פאַרגעשריטענער אַנטוויקלונג לויט מערבֿ-אייראָפּע.

אויב דאָס איז דער איינציג מעגליכער וועג פאַר יעדן געזעלשאַפטליכן פאָרשריט מוז רוסלאַנד בלי ספק אַרויף אויפן קאַפּיטאַליסטישן וועג. אַלע שטרעבונגען צו אַ סאָציאַליסטישן איבערקער זענען פון אָנהייב פאַראורטיילט צום דורכפאַל.

דעריבער פרובירט מיכאילאווסקי שוין אין זיין ערשטע גרויסע ארבעט וואס איז פארשריט? ריין אביעקטיוו צו באווייזן אז מערב-אייראפּע'ס וועג איז נישט דער איינציגער. אין פארשריט דארף מען צעטיילן צווישן טייפּן און שטאפּלען, די מדרגות אויף וועלכע יעדער טייפּ שטייט. ווי שטאפּלען קענען זיין העכער אדער נידעריגער, קענען אויך טייפּן זיין העכער אדער נידעריגער. דער אפשאַץ פון די טייפּן'ס ווערט וועט נאטירליך זיין ריין סוביעקטיוו, לויט דעם פארשער'ס אידעאַלן.

ווען מען פארגלייכט דעם מענטשליכן ארבעטס-פּראצעס'ס געזעלשאפטליכע אנטוויקלונג אין קאפּיטאליסטישע לענדער מיט רוסלאנד, לערנט מיכאילאווסקי, געפינט מען דעם חילוק: דער מערב-אייראפּעאישער טייפּ האט פארוואנדלט דעם ארבעטנדיגן מענטש אין א נאגל פונעם קלענסטן פוס-פינגער. ער שטייט טאקע אויף א זייער הויכן אנטוויקלונגס-שטאפּל. אבער זיין טייפּ איז נידעריג, ווייל ער שלינגט איין און פארקרימט מענטשליכע אינדיווידואליטעט.

אין רוסלאנד שטייט די ארבעטנדיגע מענטשהייט, די פויערים, אויף א נידעריגערן שטאפּל. אבער דער טייפּ פון פארשריט אין מענטשליכער ארבעט איז העכער, ווייל דער פויער איז נאך א גאנצער מענטש, נישט צופּיצלט דורך ספּעציאליזאציע.

ממילא איז די סאציאליסטישע באוועגונג'ס מאראלישע פליכט, יעדער סאציאליסט האט עס געקענט אליין ארויסלייענען, דורך א סאציאליסטישער רעוואלוציע נישט דערלאזן רוסלאנד ארויפצוגיין אויפן קאפּיטאליסטישן וועג. מען דארף מיט די מיטלען פון אנארכיסטישן סאציאליזם, מיכאילאווסקי איז דעמאלט נאך געווען אן אנארכיסט, אויפהייבן דעם רוסישן פויערישן פארשריטס-טייפּ צו העכערע שטאפּלען. דארט זאל מענטשליכע אינדיווידואליטעט ווערן אלץ רייכער, קערפּערליך, אינטעלעקטועל, עסטעטיש און מאראליש.

אבער קען מען קעמפן קעגן דעם עלעמענטארן פארשריטס-גאנג, ווי ער ווייזט זיך קלאר אין מערב-אייראפּע'ס קאפּיטאליסטישע לענדער, וואו דער עקאנאמישער עקזיסטענץ-קאמף באהערשט אלע זייטן פון מענטשליכן לעבן?

בורזשואזע טעארעטיקער ענטפערן מיט אן אבסאלוטן ניין. דארוויניזם שטיצט זיי מיט דער לערע אז פארשריט אין דער לעבעדיגער נאטור ווערט אינגאנצן באהערשט דורכן קאמף פאר עקזיסטענץ און צופּאסן זיך צו דער סביבה'ס לעבנס-באדינגונגען.

מיכאילאווסקי ענטפערט א שטארקן יא! מען קען שווימען קעגן דעם שטראם פון דער נאטירליכער אנטוויקלונג. אין א צאל סאציאלאגישע פארשונגען באווייזט ער אז אין מענטשליכן געזעלשאפטליכן לעבן הערשט סיי דער עקזיסטענץ-קאמף און סיי דער קאמף פאר אינדיווידואליטעט.

אויך אין נאטור, לערנט ער, איז אזא קאמף פארגעקומען. אבער דארט האט די העכערע אינדיווידואליטעט, דער ביאלאגישער ארגאניזם, דער גוף פון דער לעבעדיגער פלאנץ אדער חיה, איינגעשלונגען אינעם עקזיסטענץ-קאמף די נידעריגערע אינדיווידואליטעט. די נישט אדער ווייניגער אויסגעטיילטע אמעבע אדער אינפוזאריע. די נידעריגערע אינדיווידואליטעט האט נישט געקעמפט קעגן דעם.

אבער מיטן אויפקום פון ביאלאגישע ארגאניזמען וואס ווערן יחידים, און פונעם מענטש אלס א באוואוסטזיניגן יחיד, הייבט זיך אין מענטשליכער געזעלשאפט אן דעם יחיד'ס קאמף פאר זיין אינדיווידואליטעט און גאנצקייט.

אין עצם איז עס א קאמף קעגן די אומבאוואוסטזיניגע פראצעסן אין געזעלשאפטליכן לעבן וואס גייען לויט ריינער נאטור-אנטוויקלונג: פארוואנדלען די געזעלשאפט אין אן ארגאניזם מיט פארשידענע אברים, און דעם מענטש אין א צעל פונעם אדער יענעם אבר.

אזוי ווערט דער מענטשהייט'ס געזעלשאפטליכע אנטוויקלונג געטריבן פון צוויי קעגנזעצליכע טענדענצן. די ארגאנישע טענדענץ וואקסט ווי אין נאטור פונעם עקזיסטענץ-קאמף, נאטירליכן אויסקלייב און צופאסן זיך צו דער סביבה און אירע לעבנס-באדינגונגען. די פארקערטע טענדענץ פאסט די לעבנס-באדינגונגען, נאטירליכע און געזעלשאפטליכע, צו דעם יחיד'ס נויטן, געברויכן און אידעאלן. דאס איז דער קאמף פאר אינדיווידואליטעט.

פאר די רעוואלוציאנערע סאציאליסטן אונטער מיכאילאווסקי'ס השפעה האט זיין פאראייניגטע פראוודא, די צוזאמענשמעלצונג פון אמת און יושר, געמיינט: מיר באוואוסטזיניגע יחידים דארפן אין נאמען פונעם סאציאליסטישן אידעאל, זיין אמת און יושר, זיך אריינמישן אינעם קאמף פון די צוויי טענדענצן. מיט דער גרעסטער מסירת נפש דארפן מיר אויסקעמפן זיין טריאומף, מעגליך נאר אין א פרייהייטליך-סאציאליסטישער געזעלשאפט.

די ערשטע פארבאדינגונג איז אבער נישט דערלאזן רוסלאנד ארויפצוגיין אויפן קאפיטאליסטישן וועג. ער וועט צעשטערן דעם העכערן פארשריטס-טייפ וואס הערשט נאך ביי דער ארבעטנדיגער מענטשהייט אין רוסלאנד.

# 27. דער רוסישער מארקסיזם

ביז די מיטן נײַנציגער יארן פונעם פאריגן יארהונדערט איז די הערשנדיגע ריכטונג אין רוסלאנד'ס סאציאליסטישע געדאנקען געווען אידעאליסטיש, סוביעקטיוויסטיש, מאראליש און אנטי-פראלעטאריש. די שטריכן זענען גייסטיג געקומען פון די אידייען וואס לאווראוו, מיכאילאווסקי און זייערע טעארעטישע תלמידים האבן אריינגעברענגט אינעם סאציאליסטיש-רעוואלוציאנערן קאמף.

דער לעצטער שטריך, אנטי-פראלעטארישקייט, האט נישט געמיינט פארטיידיגן קאפיטאליזם קעגן דעם פראלעטאריאט. פונקט פארקערט: אן אומקאמפראמיסלעסן אנפאל אויף קאפיטאליזם דווקא ווייל ער פראלעטאריזירט דאס רוסישע ארבעטנדיגע דארף.

אידעאליזם האט פארלאנגט צוגיין צום קאמף מיט א קלארן אידעאל פון דער צוקונפט וואס סאציאליזם וויל אריינברענגען אין לעבן. לכל הפחות דארף מען זיין קלאר וועגן די היינטיגע יסודות וואס זענען סאציאליזם פיינטליך.

סוביעקטיוויזם האט פארלאנגט זיך נישט צו ווערן נתפעל פונעם אביעקטיוון עלעמענטארן אדער נאטירליכן גאנג פון ווירקליכקייט און אירע הערשנדיגע טענדענצן. קיין פארשער, ווי אביעקטיוו ער וויל נאר זיין, קען נישט פאראויסזען וואוהין דער עקאנאמישער פראצעס וועט דערטראגן און וועלכע קעמפנדיגע טענדענץ וועט צום סוף געווינען די אויבערהאנט.

סאציאליסטישע מאראל האט, בעיקר לויט לאווראוו'ס אויסטייטשונג, פארלאנגט נישט צו לעבן אויפן ארבעטנדיגן פאלק'ס חשבון. מען דארף באצאלן דעם חוב וואס מען לעבט פון זיין ארבעט מיטן קעמפן במסירת נפש פאר זיין פולער געזעלשאפטליכער באפרייאונג.

דאס פאלק איז דעמאלט נאך מער ווי יעצט געווען דאס ארבעטנדיגע פויערים-פאלק. עס האט אנגעהויבן זיך צעטיילן. פון איין זייט דער קולאק, די דארפישע בורזשואזיע וואס לעבט און ווערט רייך אויף פרעמדער ארבעט'ס חשבון. פון דער אנדערער דער פארארעמטער פויער וואס לויפט אין שטאט צו פארקויפן זיינע הענט ווי א פראלעטאריער צום אויפקומענדן קאפיטאליזם.

פון דא די אנטי-פראלעטארישקייט פונעם דעמאלט הערשנדיגן רוסישן סאציאליזם. זי האט נאר געמיינט פארטיידיגן די ארבעטנדיגע פויערים'ס אינטערעסן און מיט אלע מיטלען קעמפן קעגן די טענדענצן וואס טרייבן רוסלאנד זיך קודם "אויסצוקאכן אינעם קאפיטאליזם'ס קעסל", און דאס דארף זיך צו פראלעטאריזירן איידער מען קען טראכטן וועגן א סאציאליסטישער רעוואלוציע.

אבער הערשנדיג ביז די מיטן ניינציגער יארן מיינט נישט איינציג. אינעם סאציאליסטישן קאמף האבן אנטיילגענומען טוער וואס זענען אויפגעוואקסן אונטער טשערנישעווסקי'ס מאטעריאליזם און אלע פארבונדענע סארטן ראדיקאליזם. בעיקר אנטי-מאראלישער ראדיקאליזם וואס האט אלע מעשים, ווי שטירנער, באטראכט אלס שטרעבן צו אייגענעם פארדינסט.

פון די טוער זענען אין די אכציגער יארן אויסגעוואקסן אנהענגער פונעם מערב-אייראפעאישן מארקסיזם, מיט געארג פלעכאנאוו בראש. ביי זיי האט מארקסיזם זיך באפרייט פון דער פריערדיגער לאווראווושער אויסטייטשונג.

דאס איז שוין נישט געווען בלויז דער סאציאלאגישער מארקסיזם וואס אנטפלעקט קאפיטאליסטישער אויסנוצונג'ס פארבארגענעם מעכאניזם. אויך נישט בלויז דער סאציאליסטישער מארקסיזם וואס צייכנט די יסודות, אויב נישט די פרטים, פון א צוקונפטיגער סאציאליסטישער אדער קאמוניסטישער געזעלשאפט.

עס איז בעיקר געווען דער אזוי גערופענער וויסנשאפטליכער סאציאליזם, דער געשיכטס-פילאזאפישער מארקסיזם. ער נעמט זיך אונטער צו באווייזן אז א געזעלשאפט וואס גייט ארויף אויפן קאפיטאליסטישן וועג איז ווי אריינגעצויגן אין א קעסל-גרוב פון וועלכער זי קען נישט ארויס.

זי מוז אראפ ביז צום גרונט, וואו קאפיטאל ווערט קאנצענטרירט אין אלץ ווייניגער הענט. אלע ארבעטנדיגע שיכטן ווערן פראלעטאריזירט, עקאנאמיש פאראַרעמט און דערנידערט ביז זיי האבן שוין גארנישט צו פארלירן.

ערשט פונעם טיפסטן נויט וועט דער היסטארישער דיאלעקטישער פראצעס, דורכן פראלעטאריאט'ס קלאסן-קאמף קעגן דער בורזשואזיע, מאכן דעם לעצטן שפרונג פון נויטווענדיגקייט צו איר פארקערטן, פרייהייט. די ארבעטער-מאסן'ס באפרייאונג אין סאציאליזם.

אזוי האט זיך שוין אין די אכציגער יארן אנגעהויבן דער אידייען-קאמף וואס איז נאך עד היום נישט שטיל געווארן. מאטעריאליסטן קעגן אידעאליסטן, אביעקטיוויסטן קעגן סוביעקטיוויסטן, איבערגעטריבענע אנבעטער פונעם פראלעטאריאט קעגן איבערגעטריבענע רעוואלוציאנערע פאלקסטימלער, אנבעטער פון די ארבעטנדיגע פויערים.

דער קאמף איז געווען און איז נאך עד היום פארבונדן מיט א קנויל טיפע טעארעטישע פראבלעמען אויף כמעט אלע פעלדער פון מענטשליכן וויסן און שאפן. דעם קנויל צעטיילן קען נישט זיין אונזער אויפגאבע. מיר דארפן האלטן אין אויג נאר די ריין מאראלישע זייט.

דער נייע מארקסיזם'ס טעארעטישער צוגאנג איז קלאר געווען דער קאמוניסטישער מאניפעסט'ס. ווי מיר האבן געזען, האט ער פארוואנדלט אלגעמיין מענטשליכע מאראל, ווי אלע אידייען און אידעאלן, אין אפשפיגלונגען פונעם אלעס באהערשנדיגן קלאסן-קאמף. מאראל וועט מוזן פארשווינדן מיט דער קלאסן-איינטיילונג.

פאר רוסישן מארקסיזם, און אגב אויך פאר מערב-אייראפעאישן, זענען געבליבן אומבאמערקט די גרויסע ענדערונגען וואס דער אנדערער קארל מארקס האט אין קאפיטאל ארייַנגעבערענגט אין די יוגנטליך ראדיקאלע געדאנקען פונעם מאניפעסט.

ביז היינט איז פאר מארקסיסטישן געדאנק פרעמד די צוזאמענפאסונג צו וועלכער מארקס האט זיך דערהויבן. פון א ריין מאראלישן שטאנדפונקט איז ער אריבער צו דער אנטי-מאראלישער אפלייקענונג פונעם שטאנדפונקט אינעם מאניפעסט, און שפעטער צו דער אפלייקענונג פון דער אפלייקענונג אין קאפיטאל.

פארן רוסישן מארקסיזם נאך מער ווי פארן מערב-אייראפעאישן איז דער מאניפעסט געבליבן דער פוסק אחרון. פונדעסטוועגן האט די נייע ריכטונג אין אנהייב פרובירט אנפאלן סוביעקטיוויזם אויך אין נאמען פון אלגעמיין מענטשליכער מאראל.

קאפיטאליזם און פראלעטאריזירן די רוסישע פויערים, א היסטאריש אומפארמיידליכער פראצעס, דארפן אויך זיין געוואונטשן. נישט נאר פאר דער סאציאליסטישער צוקונפט וואס וועט זיכער פון זיי וואקסן. מען דארף זייער אנטוויקלונג באגריסן אויך פון א ריין מענטשליך-מאראלישן שטאנדפונקט, פארן גאנצן לאנד'ס קולטורעלן פארשריט און די העכערע וואוילשטאנד פון אלע ארבעטנדיגע שיכטן וואס דער פראצעס ברענגט.

דאס פאלק, בעיקר פויערים, ליידט יעצט אזוי שטארק ווייל דאס לאנד איז נאך האלב-פעאדאל, געשטיצט פון דער צאריסטישער מאכט. די נאראדאוואלישע פארטיי איז גערעכט צו קעמפן פאליטיש קעגן דעם. אבער ווער קען די מאכט אראפווארפן? צי נאר די סאציאליסטישע אינטעליגענציע מיט איר ריין טעראריסטישן קאמף?

מען קען זי אראפווארפן נאר דורך א קלאסן-קאמף וואס די אויפקומענדיגע בורזשואזיע מיטן אין צאל וואקסנדיגן פראלעטאריאט מוזן פירן קעגן דעם פריצים-שטאנד און צאריזם. און בורזשואזיע מיט פראלעטאריאט וועט אונז געבן די אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם.

אויך איז נישט אמת אז דער פויער איז א העכערער מענטש-טייפ און לעבט בעסער ווי דער שטאטישער ארבעטער. סיי אין מענטשליכן און קולטורעלן מהות, סיי אין עקאנאמישן וואוילשטאנד, שטייט דער פראלעטאריער אין יעדן פארגעשריטענעם קאפיטאליסטישן לאנד פיל העכער פונעם פויער.

ועל כולם איז דער פויער אן אייגנטימער. ווי א קליינבירגער איז זיין נשמה צוגעשמידט צו זיין שטיקל אייגנטום. בדרך כלל איז זי דעריבער נישט מסוגל אנצונעמען א סאציאליסטישן לעבנס-בליק און מאראלישן צוגאנג.

און נאך מער: אלס אן ערד-אייגנטימער לעבט דער פויער נישט נאר פון אייגענער ארבעט. אינעם מארק-פרייז פון זיינע אגרארישע פראדוקטן גייט אויך אריין הכנסה פון דער אזוי גערופענער דיפערענציאלער רענטע. ווי ארעם, בארויבט און אויסגעזויגן פון אדל, בורזשואזיע און רעגירונג ער זאל נישט זיין, געהערט ער עקאנאמיש און געזעלשאפטליך צו די אויסנוצנדיגע קלאסן.

דעריבער דארף רוסישער סאציאליזם אויך פון א ריין מענטשליך-מאראלישן שטאנדפונקט פארלאזן רעוואלוציאנערן פאלקסטימלערטום. טעארעטיש און פראקטיש דארף ער זיך איבערבויען אויף די יסודות פונעם ריין פראלעטארישן מארקסיזם וואס האט געהערשט אין מערב-אייראפע.

## 28. איז דא א פראלעטארישע מאראל?

געארג פלעכאנאוו, פעטער סטרואווע און ניקאליי אוליאנאוו, דער שפעטערער לענין, זענען געווען די גלאנצנדיגסטע ווארטפירער פונעם אויפקומענדן רוסישן מארקסיזם. נישט נאר פון א ריין אביעקטיוון, וויסנשאפטליכן שטאנדפונקט, נאר אויך פון ריין מענטשליך-מאראלישע מאטיוון האבן זיי באקעמפט דעם נאראדאוואלישן סוביעקטיוויזם און אידעאליזם. זיי האבן געזונגען א הלל הגדול פארן בורזשואזן קאפיטאליסטישן סדר, דערווייל אזוי נויטיג פאר סאציאליזם.

"לאמיר גיין אין חדר צום קאפיטאליזם!" האט דער יונגער סטרואווע פארלאנגט אין נאמען פונעם נייעם צוגאנג. די מאראלישע תוצאה פאר דער נייער מארקסיסטישער יוגנט איז געווען: אלעס וואס ליגט אין דער אנטוויקלונגס-ליניע פון קאפיטאליזם און פראלעטאריזירונג איז מאראליש גוט.

אלעס וואס שטייט דערין אין וועג אדער וויל דרייען דאס געשיכטע-ראד צוריק, שווימען קעגן דעם ברויזנדיגן שטראם פונעם נאטירליכן גאנג, איז נישט נאר אוטאפיש, רעאקציאנער און פאראורטיילט צום דורכפאל. עס איז אויך שעדליך פארן ארבעטער-קלאס'ס טאג-טעגליכע נויטן און אינטערעסן און פארן גאנצן לאנד'ס עקאנאמישן וואוילשטאנד. רעוואלוציאנערער פאלקסטימלערטום ווי אין נאראדנאיא וואליא איז מאראליש שלעכט און דארף אויסגעווארצלט ווערן פון דער סאציאליסטישער באוועגונג און רעוואלוציאנערן קאמף.

די הויפט-ארגומענטן פונעם עטישן צוגאנג אין יונגן מארקסיזם האבן מיר געזען אינעם פריערדיגן קאפיטל. פאר די נאראדנאיא וואליא-טעארעטיקער איז נישט שווער געווען צו ווערן פארטיג מיט זיי. אויפן פעלד פון ריין סאציאליסטישער מאראל און אירע פאדערונגען איז גרינג געווען שטענדיג צו געווינען די אויבערהאנט.

דער אידייען-קאמף'ס צענטער האט זיך דעריבער באלד אינגאנצן אריבערגערוקט צו ריין טעארעטישן וויסן. דער מאראלישער עלעמענט האט אינעם מארקסיסטישן לאגער אלץ מער פארבלאסט ביז ער איז אינגאנצן פארשוואונדן.

דערביי האט, זעט אויס, אויך געהאלפן אז די יוגנט איז באקאנט געווארן מיט פרידריך ניטשע'ס געניאלע שריפטן, בעיקר פון יענער זייט גוט און שלעכט. ניטשע האט ווידער אויפגענומען שטירנער'ס קאמף קעגן מאראל פון דער איינציגער און זיין אייגנטום, 1845. אבער ביי ניטשע האט דער קאמף באקומען א פיל גרעסערע, פארפירערישע געשטאלט, איך וואלט געזאגט מאגנעטיש-דעמאניש.

מארקסיסטן האבן שוין לאנג געוואוסט אז דאס מאראליש בייזע איז א רעוואלוציאנערער פאקטאר. ניטשע האט נאך מער פארשטארקט דעם גלויבן אדער אבערגלויבן אז צו א רעוואלוציאנערן צוגאנג געהערט ביטול צו אלגעמיין מענטשליכער מאראל.

ער האט עס געטאן מיט זיין שוואונג און גרויסקייט, זיין אידעאליזירן דאס מאכטיגע און שטארקע, זיין האס צו בינוניות און מיטלמעסיגקייט, זיין ביטול צום נעבעכדיגן, צו אלעס וואס דארף רחמנות און מיטלייד. אויך מיט זיין בייסנדיגער קריטיק אויפן פיליסטער, וואס איז אין רוסלאנד געווארן גלייך מיט קליינבירגער, מיעשטשאנין. דער גלויבן אדער אבערגלויבן האט אמאל אין רוסלאנד געלעבט ביי נעטשאיעוו'ס און באקונין'ס אנהענגער.

לכל הפחות איז עס א פאקט אז אין די ניינציגער יארן און אנהייב פון אונזער יארהונדערט איז ניטשיאניזם אין רוסלאנד געגאנגען צוזאמען מיטן נייעם מארקסיזם. בעיקר ביי דער נישט-יידישער יוגנט.

אין דער רעוואלוציאנערער שטילשטאנד-צייט נאך נאראדנאיא וואליא'ס צוזאמענפאל האט ניטשיאניזם געהאט א ריין אינדיווידואליסטישן, אנטי-רעוואלוציאנערן כאראקטער. אבער ווען די רעוואלוציאנערע באוועגונג האט אויפגעוואכט, אין מארקסיסטישער פארעם ביי סאציאל-דעמאקראטן און פאלקסטימלערישער ביי די נייע סאציאליסטן-רעוואלוציאנערן, האבן אסאך ניטשיאניזם-אנהענגער אנגעפילט די מארקסיסטישע סאציאל-דעמאקראטיע'ס רייען.

מיט דעם ריין אביעקטיוו-וויסנשאפטליכן צוגאנג, כלומרשט פריי פון יעדן סוביעקטיוון צומיש, אפילו מאראלישע אידעאלן, האט רוסישער מארקסיזם זיך געווארפן אין א הייסן קאמף קעגן די סאציאליסטן-רעוואלוציאנערן. זיי האבן געלייקנט וויסנשאפטליכן סאציאליזם'ס וויסנשאפטליכקייט און נאך שטארקער ווי אין די זיבעציגער יארן געלייגט דעם הויפט-געוויכט אויפן מאראלישן עלעמענט אינעם קאמף.

אין דעם גייסטיגן צוגאנג האט זיך אויסגעפארעמט די שטעלונג צום מאראלישן פראבלעם וואס מען קען רופן באלשעוויסטישע מאראל. זי האט געשפילט אן אויסערגעוויינליכע ראלע אין באלשעוויזם, בעיקר פון זיין טריאומף אין דער אקטאבער-רעוואלוציע פון 1917.

דער אויסגעשפראכענער פארשטייער פון דער באלשעוויסטישער שטעלונג, אין מאראל ווי אויף אלע באלשעוויסטישע פעלדער, איז געווען ניקאליי לענין.

לענין האט זיך אין זיין טעארעטישער ארבעט זייער ווייניג אפגעגעבן מיט מענטשליכער מאראל. אבער זיין אלגעמיינער בליק האט צייטנווייז ארויסגעבליקט. אין 1908, ווען דעם באדייט פון גראף טאלסטאי'ס ווערק פאר דער רעוואלוציע און אירע אינערליכע סתירות, באצייכנט ער טאלסטאיאניזם אזוי:

"פון איין זייט דער ניכטערסטער רעאליזם און אראפרייסן אלע מאסקעס. פון דער אנדערער זייט פארטיידיגן די שעדליכסטע זאך אין דער וועלט, רעליגיע. שטרעבן אויסצובייטן די שטאט-גלחים מיט גלחים פון מאראלישער איבערצייגונג, דאס הייסט קולטיווירן דעם דין-דינסטן סארט קלעריקאליזם, און דעריבער א באזונדערס עקלדיגן." לויט דער ענגלישער איבערזעצונג אין לענין'ס ביכל רעליגיע, זייטן 37-38.

ווי מען זעט פון דעם ציטאט איז פאר לענין מאראל דעמאלט געווען ווי א גיפטיגער גאז, אן אויסדאמפונג פון דער זאך וואס איז פאר אים די גיפטיגסטע, רעליגיעזער גלויבן.

אין 1920, אין א רעדע צו דער קאמוניסטישער יוגנט, האט לענין זיך קלארער און אויסגעשפראכענער געזאגט, אבער א האר מילדער פארמולירט. די וויכטיגסטע שטעלן זענען:

"איז דא אזא זאך ווי קאמוניסטישע עטיק? קאמוניסטישע מאראל? אוודאי איז זי פאראן ... אין וועלכן זין לייקענען מיר אפ עטיק און מאראל? אין דעם זין ווי די בורזשואזיע פרעדיגט זיי און ברענגט ארויס מאראל פון גאט'ס געבאטן.

אוודאי זאגן מיר אז מיר גלייבן נישט אין גאט. מיר ווייסן גוט אז קירכע, פריצים און בורזשואזיע נעמען זיך דאס רעכט צו רעדן אין גאט'ס נאמען כדי צו פארטיידיגן זייערע אייגענע אינטערעסן אלס אויסנוצער. אבער אנשטאט ארויסברענגען זייער עטיק פון מאראל'ס, פון גאט'ס געבאטן, האבן זיי זי ארויסגעברענגט פון אידעאליסטישע און האלב-אידעאליסטישע פראזן, וואס זענען אין עצם שטענדיג ענליך צו געטליכע געבאטן.

מיר לייקענען אפ יעדע מאראל וואס קומט פון איבערמענטשליכע אדער נישט-קלאסן-באגריפן ... מיר זאגן אז אונזער מאראל איז אינגאנצן אונטערגעארדנט צו די אינטערעסן פונעם פראלעטארישן קלאסן-קאמף. מיר באגרינדען אונזער מאראל מיט די פאקטן און

נויטן פון דעם פראלעטאריאט'ס קלאסן-קאמף."

די רעדע פארענדיגט ער: "מאראל וואס ווערט גענומען פון אויסער מענטשליכער געזעלשאפט עקזיסטירט נישט פאר אונז. פאר אונז איז מאראל אונטערגעאָרדנט צו די אינטערעסן פונעם פראלעטארישן קלאסן-קאמף." דארט, זייטן 47-48.

ווי כמעט אלע לענין'ס פילאזאפישע און טעארעטישע פארשונגען איז אויך די דא א פראדוקט פון צוזאמענמישן גאנץ פארשידענע באגריפן און ציען מסקנות וואס גייען איבער די מאס וואס ער האט אליין געשטעלט.

לעניןווארפט אפ די טעאלאגישע מאראל-טעאריע וואס באטראכט מאראלישע געבאטן אלס געטליכע. אבער וואס איז מיט די געבאטן אליין, איינגעקליידט אין רעליגיע? וואס מיט מענטשן-ליבע און גערעכטיגקייט, חסד און משפט, וואס זענען פארן נביא מיכה געווען דער איינציגער געטליכער געבאט פארן מענטש? גייען זיי נאך אריין אין קאמוניסטישער עטיק אדער איז זי פריי פון זיי?

לענין ווארפט אויך אפ די מעטאפיזיש-אידעאליסטישע מאראל-טעאריע וואס זעט אין מענטשן-ליבע, יושר, פרייהייט און רעספעקט פאר יעדן מענטש ווי א ציל פאר זיך אליין די אויסשטראלונג פון איבערמענטשליכע אייביגע אידייען. אבער ווידער די זעלבע שאלה: וועלכן פלאץ האבן די געבאטן אליין אין קאמוניסטישער עטיק?

לענין וויל אנערקענען נאר די מאראל-טעאריע וואס שטאמט פון אינעווייניג, פון מענטשליכער געזעלשאפט. דאס איז זיין טעארעטישער מאסשטאב. אבער די מאס נעמט דאך אריין די זעלבע אלגעמיין מענטשליכע מאראל ווי זי ווערט ריין מענטשליך-סאציאלאגיש באגרינדעט ביי פאזיטיוויסטן ווי דזשאן סטוארט מיל און ספענסער, און סאציאליסטישע מאטעריאליסטן ווי קראפאטקין אדער קאוטסקי.

קאוטסקי געפינט אז אירע יסודות און אלע געזעלשאפטליך-עטישע מעלות זענען שוין אויסגעוואקסן אין חיות'ס געזעלשאפטליכן לעבן, צווישן זיי איבערגעגעבנקייט צום כלל און ליבע צום אמת. מענטשליכע געזעלשאפט האט דורכאויס הונדערטער טויזנטער אנטוויקלונגס-יארן צוגעגעבן מענטשליכן פליכט-געפיל און געוויסן, יושר-געפיל.

די זעלבע געזעלשאפטליך-אנטראפאלאגישע מאס נעמט אויך אריין מארקס'ס מאראל-טעאריע אין קאפיטאל. א געזעלשאפט העכער קלאסן, אן אלגעמיין מענטשליכע נאטור מיט אלגעמיין מענטשליכער מאראל און א געוויסן וואס די מאנופאקטור-תקופה האט אים געשפיגן אין פנים. מענטשליכע חשיבות און א שטרעבן זיך אויסצולעבן אין דער נישט-נוצליכקייטס-געריכטער, אן פניות, רוחניות'דיגער ממשלה פון פרייהייט.

לענין'ס אלגעמיינע מאס פאר מאראל שליסט אויך נישט אויס ענגעלס'ס מאראל-טעאריע. זי רופט פראלעטארישע מאראל דעם נייעם קאדעקס פון מעלות וואס סאציאליסטישער געדאנק האט אריינגעברענגט אינעם מאראלישן באוואוסטזיין.

מיט איין קליינער באמערקונג מאכט לענין א תל פון דער גאנצער אלגעמיין מענטשליכער און סאציאליסטישער מאראל. נישט זיי זענען די אויבער-הארן וואס דארפן קאנטראלירן דעם פראלעטאריאט'ס קלאסן-קאמף. דער פראלעטארישער קלאסן-קאמף

ווערט דער אויבער-האר איבער קאמוניסטישער עטיק, ווייל זי איז אים אונטערגעארדנט.

אבער אויך אן אונטערגעארדנטע זאך געהערט דאך צום סדר. דער אויבער-האר דארף זיך ווי עס איז רעכענען מיט איר. ווען זיינע אינטערעסן ווערן נישט אנגערירט דארף ער זי דאך לאזן גיין פריי. וועלכע אלגעמיין מענטשליכע אדער באזונדער סאציאליסטישע געבאטן לאזט לענין צו אין זיין קאמוניסטישער עטיק?

נאר איין איינציגן! "מיר פירן ארויס אונזער מאראל פון די פאקטן און נויטן פונעם פראלעטאריאט'ס קלאסן-קאמף", זאגט ער. פאקטן און נויטן בייטן זיך שטענדיג אינעם קאמף, און מיט זיי לענין'ס קאמוניסטישע עטיק.

ווען פאקטן שאפן נויטן וואס דיקטירן דעם גרעסטן שקר אנשטאט אמת, די שרייענדיגסטע אומרעכט אנשטאט יושר, ביטול צו מענטשליכע לעבנס אנשטאט מענטשן-ליבע, פארלאנגט קאמוניסטישע עטיק, און דאס איז איר איינציגער געבאט, זיך נישט אפצושטעלן פאר זיי. מען זאל זיי דערקלערן כשר וישר און באגיין אן דער קלענסטער קווענקלעניש פון מענטשליכן געוויסן.

ווער זאל זיין דער פוסק אחרון אז פאקטן און נויטן טרייבן דערצו? דער פראלעטאריאט וואס דארף פירן דעם קלאסן-קאמף? בשום אופן נישט. שוין אין פריערדיגע ארבעטן האט לענין דערקלערט אז דער ארבעטער-קלאס אלס קלאס קען נישט פארשטיין די היסטארישע סיטואציעס אדער אפילו זיינע פראלעטארישע וועלט-בליק-יסודות.

דאס איז זיינע גייסטיגע פירער'ס ארבעט, די וואס האבן גוט אויפגענומען דעם פראלעטאריאט'ס שטאנדפונקט. אויב זיי ווענדן נאר ריכטיג אן דעם דיאלעקטיש-מאטעריאליסטישן מעטאד קענען זיי שטענדיג געפינען דעם אבסאלוטן אמת וועגן פאקטן, באשטימען נויטן, און ממילא באשטימען וואס איז מאראליש אדער אוממאראליש אין יעדן מאמענט. ווייל מותר, אפילו א מאראלישע פליכט, איז אלעס וואס ליגט אין די אינטערעסן און נויטן פונעם פראלעטארישן קאמף.

צום סוף פאלט לענין'ס מאראל צוזאמען מיט דער יעזואיטישער, וואס איר יסוד איז: "דער ציל הייליגט די מיטלען". אלע מיטלען, אן אויסנאם און אן אפהאלט.

## 29. רעליגיע, באלשעוויזם און מאראל

מיר האבן נישט קיין ברעקל יסוד צו באטראכטן לענין און די באלשעוויקעס וואס זענען געגאנגען אין זיינע וועגן אלס ווייניגער מאראלישע מענטשן ווי אנדערע געזעלשאפטליכע און פאליטישע ריכטונגען'ס אנהענגער. לויט זייער מענטשליכן מהות שטייען זיי זיכער נישט נידעריגער ווי די רעוואלוציאנערע מענשעוויקעס אדער סאציאליסטן-רעוואלוציאנערן, כאטש די לעצטע האבן געבויט זייער סאציאליזם אויף א קלאר אויסגעשפראכענעם מאראלישן יסוד.

גאר הויכע עטישע נאטורן זענען זעלטן אין יעדער ריכטונג. מענטשן וואס זייערע מעשים און געדאנקען ווערן שטענדיג געפירט פון די מענטשליך-מאראלישע געפילן אין זייער בלוט: מענטשן-ליבע, רחמנות אויף אונטערדריקטע און באעוולטע, נאטירליכע

אמת'דיגקייט, כמעט א פיזישע אוממעגליכקייט צו זיין פאלש, א שארפער שטענדיג וואכזאמער חוש פאר גערעכטיגקייט, א שטרענגער פליכט-געפיל וואס מאכט מעגליך די העכסטע מסירת נפש.

אזעלכע נאטורן זענען פארקערפערט אין טאלסטאי, קראפאטקין, וויערא פיגנער, לאפאטין, יעגאר סאזאנאוו, קאליאיעוו, גערשוני, אסיפ מינאר און אנדערע. אמתע קדושים וטהורים לויט זייער מענטשליכן מהות.

צי לענין האט געהערט צו זייער סארט בין איך שטארק מסופק. אבער ווען איך שטעל אין געדאנק זיין פיגור, ווי ווייט איך קען זי פון פארשידענע לעבנס-עפיזאדן, נעבן אזא גלאנצנדיגן העלד ווי סאווינקאוו, איז מיין ספק נאך גרעסער: וועמענס קאפ האט מער פארדינט דעם לארבער-קראנץ פון ריין מאראלישער מענטשליכער גרויסקייט, לענין'ס אדער סאווינקאוו'ס?

דער לעצטער, און אפשר אויך לענין, האבן זיכער געהאט ערנסטע פגמים אין זייער מאראלישן מהות. אבער נאך ערנסטערע מאראלישע מעלות האבן זיי איבערגעוואויגן.

דעריבער קען אונזער באטראכטונג פון באלשעוויסטישער מאראל בשום אופן נישט זיין א משפט אויף מענטשן. דער טעם איז אז אין מאראלישן אויפפיר שפילט נישט נאר די עצם נאטור אין בלוט א ראלע. אויך דער ראציאנאלער אידייען-צוגאנג, די געדאנקען און דער אמת ווי יעדער פארשטייט אים אדער גלייבט אין אים באמונה שלימה, שפילן א ראלע. די געדאנקען קענען לייגן א צוימען אויף נאטירליכע נייגונגען און זיי טרייבן אין א באשטימטער ריכטונג.

שפינאזא האט געגלויבט אז נאר קלארע געדאנקען זענען דער איינציגער וועג צו דער העכסטער עטישער שלימות. אוודאי בייגט דאס דעם שוין אויסגעבויגענעם שטעקן צו ווייט אויף דער אנדערער זייט. אבער קיינער קען נישט לייקענען אז מאראלישע אידייען האבן א באוועגנדיגע קראפט. זיי קענען אפילו איבערקומען דעם איינגעבוירענעם מהות מיט זיינע נאטירליך פליסנדיגע מאראלישע אדער אנטי-מאראלישע געפילן און ווילנס-דראנגען.

דערפאר איז אזוי וויכטיג אז דער מענטשהייט'ס מאראלישער באוואוסטזיין, אלס א באזונדערער אומאפהענגיגער קולטור-צווייג, זאל ארויסברענגען קלארע יסודות פאר פערזענליכער מאראל און געזעלשאפטליכער עטיק. זיי זאלן ווירקן אין דעם מענטש'ס נשמה, זי זאל זיך צופאסן צו זיי און צום סוף אינגאנצן ווערן פון זיי באהערשט.

א לעגענדע דערציילט ווען משה רבנו אז מען האט געברענגט זיין בילד צו חכמי הפרצוף. זיי האבן באשטימט אז דאס איז א גזלן'ס בילד. ווען מען האט עס איבערגעגעבן משה רבנו האט ער מודה געווען: בטבע איז ער א גזלן, אבער ער האט איבערגעבראכן זיין גזלנישע נאטור.

פונקט ווי איידעלע מאראלישע אידייען קענען איבערקומען אן אמאראלישן כאראקטער, קענען אידייען פון אן אכזרישן מאראלישן צוגאנג, אויך אזעלכע זענען פאראן, דערשטיקן און פארטויבן אין דער נשמה די איינגעבוירענע איידלקייט, ערליכקייט און גוטסקייט.

די בעסטע ראיה זענען די בארבארישקייטן, אפט עקלדיג אוממענטשליכע מעשים און ברוטאליטעטן, וואס רעליגיעזע מענטשן פון פארשידענע אמונות און סעקטעס פלעגן באגיין אונטער פאלשע רעליגיעז-הייליגע אידייען'ס דרוק. מען דארף נאר דערמאנען די מענטשליכע קרבנות פארן גאט מולך, די אייגענע קינדער וואס מוטערס פלעגן ברענגען דעם גאט תמוז, "נשים המבכות את התמוז", און די מעשה מיט יפתח'ס טאכטער.

ווען מיר באטראכטן לעניןס מאראל-טעאריע און די באלשעוויקעס'ס גאנצן מאראלישן צוגאנג, ביי פירער און מאסן, דארפן מיר אינגאנצן ארויסלאזן פון אויג דעם "יצר לב האדם רע מנעוריו", די שלעכטע נייגונגען פונעם מענטש'ס הארץ פון קינדווייז אן.

די באלשעוויסטישע מאסן האבן נישט קיין ערגערן מאראלישן מהות ווי אנדערע. די פירער קענען לויט זייער מאראלישן מהות גרינג פארגליכן ווערן מיט פירער פון אנדערע עטיש כשר'ע ריכטונגען. דאס איז בדרך כלל. אויסנאמען, סיי אין דער העכסטער הייך, אין דער ליניע פון סאזאנאוו און פיגנער, סיי אינעם טיפסטן נידער, אין דער ליניע פון אזעוו, זענען אויך ביי באלשעוויקעס נאטירליך נישט אויסגעשלאסן.

די צרה מיט לענין'ס עטיק אדער באלשעוויסטישער מאראל איז אז איר יסוד איז געווארן גלייך מיטן יעזואיטישן געבאט: "דער ציל הייליגט אלע מיטלען". אויך לאיאלא, גרינדער פונעם יעזואיטן-ארדן, איז געווען כמעט א רעליגיעז-הייליגע נאטור.

אויך אין באלשעוויסטישער מאראל האבן מיר צו טאן מיט א רעליגיעז-פאלשער, אנטי-מענטשליכער הייליגקייט, א גאט מולך. אויב ער פארלאנגט נישט מענטשליכע קרבנות שטעלט ער זיך לכל הפחות נישט אפ פאר זיי, אפילו ווען מען דארף זיי ציילן אין מיליאנען. אן עבודה זרה וואס איז מתיר אלע אומרעכט און מנובל'ישע מעשים ווען דער געצנדינסט פארלאנגט עס אין דער אדער יענער צייט, לויט די כהנים'ס דעמאלטיגן איינזען.

דער גאט מולך פון באלשעוויסטישער מאראל איז דער פראלעטאריאט'ס דיקטאטור. זיינע לוחות הברית, איבערגעגעבן צו "לענין רבנו", זענען דער פרינציפ אז אלעס איז מותר וואס די פאקטן און נויטן פונעם פראלעטארישן קלאסן-קאמף דיקטירן.

זיין מיסטיש-טעאלאגישער זוהר הקדוש איז דיאלעקטישער מאטעריאליזם, געבויט אויף העגעל'ס אזוי גערופענער סתירות-לאגיק. זי נעמט אין טעאריע אן די אויבערהערשאפט פון סתירות מיניה וביה, און אין פראקטיק די עקלדיגסטע אומווירדיגקייטן, ווייל "דאס מאראליש בייזע איז א רעוואלוציאנערער פאקטאר", העגעל לויט ענגעלס'ס אויסטייטשונג.

אויף דעם מולך-אפגאט'ס מזבח ווערט קודם פארברענט אלגעמיין מענטשליכע מאראל, אויך איר סאציאליסטישע אויסטייטשונג און צוגאב. נאך דעם העכסטן קרבן, דעם קרבן בכורות, זענען אלע אנדערע קרבנות, מאראלישע יסודות און מענטשליכע לעבנס, שוין א קינדער-שפיל. מען טראכט נישט דערוועגן ווען מען ברענגט זיי.

איז נישט געווען א פארברעכן קעגן מענטשליכער און סאציאליסטישער מאראל צו דערקלערן דעם פראלעטאריאט אלס דער הערשנדיגער קלאס? איז זשארעס נישט געווען גערעכט אז איין קלאס'ס הערשאפט איז אן אנפאל אויף דער מענטשהייט?

אין דער באלשעוויסטישער סאציאליסטישער רעוואלוציע האט דער סאציאליזם'ס יסוד געדארפט קומען ערשט: אפשאפן קלאסן. נישט מער קיין פריצים, קאפיטאליסטן און סוחרים! אלע בירגער זענען ארבעטנדיגע מענטשן. אפילו דער צאר ניקאליי האט געדארפט מיט אלע גיין אפגראבן שניי פון גאסן און באקומען זיין חלק פראוויזיע גלייך מיט אלע.

איז נישט געווען א פארברעכן קעגן סאציאליסטישער מאראל, אנשטאט אויסצוראטן קאפיטאליזם און די מעגליכקייט אויסצונוצן אנדערע'ס ארבעט, זיך נעמען אויסראטן קאפיטאליסטן, קולאקן און אויסנוצער? לויט סאציאליסטישער טעאריע זענען זיי גאר נישט שולדיק אז די אלטע עקאנאמישע אומשטענדן'ס דרוק האט זיי געמאכט דאס וואס זיי זענען.

א גאר גרויסער פארברעכן איז געווען בויען סאציאליזם אויף די מאסן'ס ליידן. די ערשטע פאדערונג איז שאפן פרייווילליגע ארבעטער-פאראייניגונגען אין שטאט און דארף, און זיי העלפן מיט אלע מיטלען: מאשינען, קרעדיט, געלערנטע ספעציאליסטן און פארוואלטער. אזוי זאל יעדער, פון וועלכן קלאס-אפשטאם ער זאל נאר זיין, קענען דורך אייגענער ארבעט געווינען זיין פרנסה.

אמת, רוסלאנד'ס פראדוקציע-כוחות זענען דעמאלט געווען אויף א זייער נידעריגן שטאפל. אבער האט מארקס נישט געלערנט: "ווען ארבעטער הערשן און האבן די מאכט צו פראדוצירן פאר זיך אליין וועלן זיי באלד אויפהייבן די פראדוקציע-מיטלען און געצייג צו דער הייך פון זייערע געברויכן"? קארל מארקס, טעאריעס פון מער-ווערט, צווייטן באנד, זייט 376.

א סאציאליסטישע רעוואלוציע דארף קודם אפשאפן קלאסן און ממילא אויך דעם פראלעטעריאט. זי דארף אריינציען אלע אינעם ארבעטס-פראצעס צו באפרידיגן אלע'ס מאטעריעלע נויטן. דער שטאט'ס העכערע טעכנישע אנטוויקלונג האט געדארפט בלייבן אין די גרענעצן וואס זענען אבסאלוט נויטיג פארן סאציאליסטישן לאנד'ס פארטיידיגונג.

לויט לענין און אויך טראצקי איז אבער אויסגעקומען אז סאציאליזם מיינט "אינדוסטריאליזאציע, עלעקטריפיקאציע פלוס דער פראלעטאריאט'ס דיקטאטור". די גאנצע זארג איז נישט געגאנגען אויף באפרידיגן די מאסן'ס לעבנס-נויטן, נאר שאפן וואס מער פראלעטאריער. אויפן עבודה זרה'ס מזבח זענען ריזיגע מענטשליכע קרבנות געברענגט געווארן.

און מיט דער ליסטע זענען נאך נישט אויסגעשעפט באלשעוויזם'ס פארברעכנס קעגן סאציאליזם און סאציאליסטישער מאראל.

## 30. באלשעוויזם, סאציאליזם און מאראל

צו סאציאליסטישע מאראל'ס העכסטע דערגרייכונגען געהערט דער הויפט-פרינציפ אז א סאציאליסטישע געזעלשאפט'ס ציל איז קודם אנטוויקלען יעדן מענטשליכן יחיד אויף אלע זייטן: קערפערליך, עסטעטיש, אינטעלעקטועל און מאראליש. דא איז

סאציאַליסטישע מאָראַל אינגאַנצן אָריגינעל. דאָס איז איר אייגענער קנין. ער איז בעיקר אויפגעקומען אין פוריע'ס שולע, און קאַרל מאַרקס האָט אים אויך איבערגענומען, ווי מיר האָבן געזען.

באָלשעוויסטישע מאָראַל, אָדער קאָמוניסטישע עטיק ווי לענין האָט זי גערופן, האָט זיך נישט גערעכנט מיטן פּרינציפּ און אים אַפילו פאַרוואַנדלט אין זיין פאַרקערטן. דעם איך ווי אַ ציל פאַר זיך אַליין, זיין פרייהייט און פולשטענדיגע אַנטוויקלונג, האָבן באָלשעוויקעס גערעכנט צו קליינבירגערליכע פאָראורטיילן. קאָמוניסטן האָבן געגלויבט ביזן הימל אַז זיי אַנערקענען נישט קיין איך, אַז דער מענטש איז ביי זיי פאַרוואַנדלט אין אַ שרייפל פון אַ מאַשין.

ביי אַזאַ צוגאַנג איז קלאָר: נישט די מאַשין דאַרף צוגעפּאַסט ווערן צום שרייפל, נאָר דער שרייפל צו איר. אויב ער לאָזט זיך צופּאַסן שטעלט מען אים אויפן פּאַסיגן פּלאַץ. אויב נישט פּיילט מען אים צו, אָדער נאָך פּשוטער וואַרפט מען אים אַרויס. אַ דאגה אַ שרייפל!

דאָס פּאַסט גוט צום יעזואיטיש-לאָיאַלאַשן צוגאַנג. אויך דאָ הייליגט דער ציל אַלע מיטלען, ממילא אויך אַרויסוואַרפן מיליאָנען מענטשן וואָס לאָזן זיך נישט צופּאַסן צו דער מאַשין. אויך אינעם יעזואיטישן מאָראַל-קאָדעקס ווערט דער איך אינגאַנצן בטל. ער טאָר נישט האָבן אייגענע געדאַנקען, געפילן און שטרעבונגען. ער דאַרף פאָלגן דעם אויבערשטן באַפעל "אויטי קאַדאַווער", ווי אַ פּגר. ריכטיגער, ווי אַ טויטער אינסטרומענט, אַפילו אַ האַק אין אַ תליין'ס הענט.

אין יעזואיטישער מאָראַל הערשט דער יסוד אַז די רעליגיעז-הייליגע כוונה איז דער עיקר. דער ציל אין דער כוונה הייליגט די מיטלען ווייל ער איז אַ געבאָט פונעם אויבערשטן. אין גאָט'ס נאָמען מעג מען אַרויפצווינגען און אַפּטאָן אַלע מעשים אשר לא יעשו, וואָס קיין מענטש דערלויבט זיך נישט צו טאָן. דערמיט ווערט פונעם מענטש אַראָפּגענומען די שולד פאַר די שרעקליכסטע מעשים.

קאָמוניסטן גלייבן אָבער נישט אין גאָט. ווער זאָל ביי זיי הייליגן די מיטלען? לענין וויל מיט רעכט אַ מאָראַל וואָס קומט פונעם מענטש און דאַרף נישט קיין איבערמענטשליכע באַשטעטיגונג. אָבער מענטשליכע מאָראַל מוז דאָך בלייבן דער יסוד, בפרט לויט איר סאָציאַליסטישער אויסטייטשונג און צוגאַב.

מענטשליך הויכע צילן, דערגרייכט מיט מענטשליך הייליגע מיטלען לויט סאָציאַליסטישע מאָראַל'ס געבאָטן, דאָס און נישט עפּעס אַנדערש וואָלט געדאַרפט זיין דער יסוד פון לענין'ס קאָמוניסטישער עטיק. אַנשטאָט דעם ...

מיר וואָלטן געקענט ווייטער אויסרעכענען אַלע באָלשעוויקעס'ס פאַרברעכנס קעגן סאָציאַליסטישער מאָראַל אין טעאָריע און אין מעשה. אָבער מיר באַגנוגן זיך מיט די שוין דערמאָנטע אינעם פריערדיגן און היינטיגן קאַפּיטל.

דערקלערן דעם פּראָלעטאַריאַט אַלס אַ הערשנדיגן קלאַס אַנשטאָט אָפּשאַפן קלאַסן און אויך לוין-אַרבעטערשאַפט. אויסראָטן קאַפּיטאַליסטן און אויסנוצער אַנשטאָט אויסראָטן די מעגליכקייט אויסצונוצן פרעמדע אַרבעט. ביטול צום מענטש, זיין פרייהייט און

אינדיווידואליטעט.

ביטול צו זיין רעכט צו לעבן אויף דער וועלט פון אייגענער ארבעט, אדער פון זיין דינסט פאר דער געזעלשאפט ווען זי שטעלט אים אן. ביטול צו זיין רעכט אין דער ממשלה פון פרייהייט פריי אויסצוארבעטן אדער אנצונעמען די אדער יענע שיטה אין קונסט, וויסנשאפט, פילאזאפיע און רעליגיע.

צו פארברעכנס קענן סאציאליסטישער מאראל דארף מען רעכענען אויך שטרעבן צו מאשיניזאציע, אינדוסטריאליזאציע, עלעקטריפיקאציע און פראלעטאריזאציע, אנשטאט קודם און בעיקר באפרידיגן יעדן ארבעטנדיגן מענטש'ס לעבנס-נויטן. דווקא דער פארברעכן האט געפירט אז מיליאנען מענטשליכע לעבנס זענען אומגעקומען ביים לייגן דעם פונדאמענט פאר א סאציאליסטישן בנין, ביים בויען די סאציאליסטישע ממשלה פון נויטווענדיגקייט.

לאמיר דערמאנען מארקס'ס נבואה פאר דער צוקונפט: די ממשלה פון נויטווענדיגקייט וועט געבויט ווערן "אונטער באדינגונגען וואס זענען אויף דעם פאסיגסטן און חשוב'סטן אופן צוגעפאסט צו זייער מענטשליכער נאטור".

לאמיר דערמאנען זשארעס'ס פירוש אויף מענטשליכער חשיבות. זי איז "נאר דארט וואו אומאפהענגיגקייט, א טעטיגער ווילן און א פרייער, פרייליכער צופאס פון יחיד צום כלל הערשן. אבער וואו מענטשן ווענדן זיך אין דעם אנדערן'ס חסד, וואו דער יחיד ווערט אונטערגעווארפן צו דעם כלל'ס געזעצן נאר דורך אנדערע'ס מאכט, דארט קען מען רעדן נאר וועגן פארקרימטער מענטשליכער חשיבות".

די פארקרימונג האט באלשעוויזם ארויסגעברענגט צוליב לענין'ס צוגאנג. ער האט מענטשליכע מאראל אונטערגעווארפן צו די פראלעטארישע קלאסן-קאמף-אינטערעסן. זיין קאמוניסטישע מאראל איז יעדעס מאל באשטימט געווארן דורך די פאקטן און נויטן פונעם קאמף.

יעדער כהן גדול פון דער עבודה זרה, לענין, טראצקי, סטאלין, זינאוויעוו, האט זיי אויסגעטייטשט און טייטשט נאך עד היום אויף זיין אופן. ער איז מתיר פאר זיך און פאר אנדערע צעטרעטן מענטשליכע לעבנס און באגיין די שוידערליכסטע פארברעכנס.

צו דירעקטע רעזולטאטן פון קאמוניסטישער עטיק מוזן מיר אויך רעכענען די מאסקווער פראצעסן: זינאוויעוו-קאמעניעוו און פיאטאקאוו-ראדעק. זיי האבן אויפגעשוידערט נישט נאר די סאציאליסטישע וועלט'ס געוויסן.

ווי איר זאלט נאר אויסטייטשן די באשולדיגונגען וואס די אנגעקלאגטע האבן מודה געווען, אלס א דירעקטער בלבול אויף די אלטע באלשעוויקעס מיט ארויפגעצוואונגען הודאות, אדער אלס הונדערט פראצענט אמת, אין ביידע פאלן מוז מען איינזען אז אזעלכע פראצעסן קענען נאר פארקומען אין דער גייסטיגער סביבה וואס לענין'ס קאמוניסטישע עטיק האט פארפעסטעט.

דער אדער יענער צד, אדערביידע, האבן לויט זייער רעוואלוציאנער-עטישן צוגאנג געמעגט באגיין אלע פארברעכנס לויט די פאקטן און נויטן פונעם פראלעטארישן קלאסן-קאמף, ווי יעדער צד האט זיי פארשטאנען.

ועל כולם דארף מען אויפן באלשעוויסטישער מאראל'ס חשבון שטעלן די צעשפאלטונג פון דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער באוועגונג אין פיינטליכע לאגערן. זיי האבן געפירט און פירן נאך עד היום זייער פארניכטנדיגן ברודער-קריג לויט די באלשעוויסטישע מאראל-געבאטן.

איך זאג ביידע צדדים, כאטש די באלשעוויקעס האבן בלי ספק אנגעהויבן. דאס איז אבער א שוואכע אנטשולדיגונג פאר די דעמאקראטישע סאציאליסטן. אויך סאציאל-דעמאקראטיע האט נישט ווייניג געזינדיגט מיטן אפשטופן מאראל אויפן הינטערגרונט אדער אינגאנצן מבטל זיין זי לויטן קאמוניסטישן מאניפעסט'ס שטאנדפונקט. פון אים האבן זיך אפגעזאגט מארקס, ענגעלס און די שפעטערע פירנדיגע קעפ.

דער גרויסער חטא פון די מארקסיסטן פון לינקס און רעכטס איז געווען גלייבן אז מען קען געווינען און שטענדיג פירן די מאסן בלויז דורכן אנווייז אויף די אייזערנע געזעצן פון היסטארישער אנטוויקלונג און דעם נאטירליכן גאנג פון עקאנאמישע אומשטענדן.

די מאסן קענען זיך נישט דערין פארשטיין, בפרט אין אזא קאמפליצירטער, ווייניג אויפגעקלארטער און נאך ווייניגער אויסגעקלארטער געשיכטס-פילאזאפיע ווי מארקסיזם. זיי ווערן געפירט דורכן דרייפאכן דראנג נאך ברויט, פרייהייט און גערעכטיגקייט. ברויט ערשט, פרייהייט צווייט, גערעכטיגקייט דריט.

אבער נאר ווען די דריי ווערן פאראייניגט, און דאס איז דער סאציאליסטישער פראפאגאנדע און אגיטאציע'ס אויפגאבע, קען אין זיי געשאפן ווערן דער רעוואלוציאנערער אידעאליזם וואס דער היסטארישער מאטעריאליסט קאוטסקי דערמאנט אלס א פארבאדינגונג פארן קאמף. דער ענטוזיאזם וואס אפילו סטאלין באטראכט אלס די נויטיגסטע קראפט אין סאציאליסטישן בויען.

## 31. די גרעסטע נויט פון אונזער צייט

עס זענען דא עפיזאדן, קליינינקע און אין ערשטן בליק אויבערפלעכליכע, וואס ברענען זיך אויף אייביג אין זכרון. זיי בלייבן דארט ווי אנטפלעקונגען פון א פריער פארבארגענעם קערן, אדער ווי רמזים אויף א טיפן פראבלעם וואס דארף נאך דערקלערט ווערן.

א קליינער עפיזאד פון דער גרויסער וועלט-מלחמה: א ציווילע קאמיסיע איז געקומען צום אמעריקאנער פראנט אין פראנקרייך אויסצוגעפינען וואס טוט זיך אין די שיצגרעבן. די אפיצירן האבן זיי אונטערגעטראגן א פאר רעוואלווערן אלס א כיבוד. זיי האבן אנגעוויזן אויף א פאר דייטשע קעפ וואס האבן זיך אויפגעהויבן פון די דייטשע שיצגרעבן, מענטשליכע קעפ וואס מען וואלט גרינג געקענט צעשמעטערן מיט א גראטן שוס.

די קאמיסיע-מיטגלידער האבן אפגעזאגט דעם חשוב'ן כיבוד ווייל זיי זענען ציווילע מענטשן. די אומגליקליכע ציווילע האבן משמעות געהאלטן אז זיי האבן דאך נישט קיין רעכט אויף אזא אויסטערלישן תענוג. אפילו ווען זיי שטייען דירעקט פארן שונא וואס וואלט זיך זיכער פארגינען דאס פארגעניגן אויב ער באמערקט זיי.

נאך אן עפיזאד: ווען מען האט דערקלערט דעם וואפן-שטילשטאנד, וואס האט געדארפט אנהייבן עלף אזייגער אינדערפרי, האט מען נאך פוןביידע לאגערן געשאסן כדי אויסצונוצן די לעצטע מינוטן פון מלחמה. אין דייטשלאנד האט מיר א בר סמכא דערציילט אז א גאנץ אסאך זעלנער און אפיצירן זענען געווען אומצופרידן אז דער וואפן-שטילשטאנד האט אפגעשטעלט "דאס שעהנע מארדען", דאס שיינע מארדן.

דאס זענען בלויז א פאר זאמדעלעך פונעם זאמד-שטורעם אין דער מאראלישער וויסטעניש פון דער וועלט-מלחמה. ער האט פארשאטן און דערשטיקט יעדן פונק פון מענטשליכקייט און רחמנות אויף דעם אנדערן'ס לעבן. אבער אפשר זענען די זאמדעלעך די כאראקטעריסטישסטע פאר דער גאנצער וויסטעניש.

צו וועלכן חיה'ישן שטאפל האט דער מענטש געדארפט אראפזינקען כדי נישט וועלן פארפאסן די מינוטן ווען ער האט נאך א לעגאל רעכט צו טייטן מיטמענטשן! זיין אומצופרידן אז דאס שיינע מארדן מוז אויפהערן, און בענקען נאך דער צייט ווען מען מעג אונטערטראגן אנדערע דאס מארדן-רעכט אלס א חשוב'ן כיבוד.

די וועלט-מלחמה האט פאר יעדן טראכטנדיגן מענטש שארף געשטעלט די פראגע וועגן דעם מאראלישן מהות פון דער געבילדעטער מענטשהייט אינעם אזוי גערופענעם אייראפעאיש-אמעריקאנער קולטור-קרייז. ביז דער טיפסטער נשמה-טיף האט אויפגערודערט דער אופן ווי די געבילדעטסטע און פארגעשריטנסטע פעלקער האבן אויפגענומען דעם עצם ענין וועלט-מלחמה און זיך דערין אויפגעפירט.

נאך אין אונזערע טעג האט מוסאליני'ס "איטאליענישע אפערע" אין עטיאפיע ווידער געשטעלט דעם זעלבן מאראלישן פראבלעם אין פארנט.

דער מאראלישער פראגע'ס באדייט פאר אונזער צייט איז ארויסגעקומען נישט נאר צוליב דער וועלט-מלחמה'ס אויסברוך, פארלויף און נאכווייען ביז היינט. מיט דער גרויסער רוסישער רעוואלוציע פון 1917 איז זי געווארן נאך וויכטיגער.

גלייך ווען די בשורה פון צאריזם'ס פאל האט זיך פארשפרייט, דעם פינצטערסטן מאכט-סדר פון פארפאלגונג און אונטערדריקונג, האט עס אויסגעזען ווי א זון-שטראל אין דער וועלט-מלחמה'ס שטורעמדיגן חושך. ער האט דורכגעשפאלטן געדיכטע וואלקנס. א ליכטיגע זון האט זיך אויפגעהויבן איבערן האריזאנט, צוזאגנדיג ווידערגעבורט פאר דער מענטשהייט, שיכור פון בלוט-דארשט.

די פעברואר-רעוואלוציע איז געווען אזוי אומבלוטיג אין איר פארלויף און אזוי הויך אין איר אויסזיכט פאר פולער מענטשליכער באפרייאונג, אז דער טראכטנדיגער מענטש האט ביים ערשטן בליק טיף און פריי אטעם געטאן: אזוי מאכן מענטשן א רעוואלוציע!

ווי א שטראלנדיגע ווענוס, נארוואס געבוירן פונעם שוים אין אויפגעברויזטע ים-כוואליעס און אויפגעהויבן איבערן ים, איז די נייע רעוואלוציע א צייט געשטאנען פאר דער וועלט'ס אויגן.

אפילו שפעטער, ווען דער רוסישער הימל האט זיך באדעקט מיט שווערע געוויטער-וואלקנס און די באלשעוויסטישע אויפשטאנד-דונערן האבן זיך אויסגעקייקלט, האט אקטאבער'ס דונער-שטימע נישט פארשוועכט דעם גרויסן רוסישן איבערקער'ס מאראלישן פנים.

דער דעקרעט וואס האט אפגעשאפט פריוואט-אייגנטום אויף דער ערד וואס שפייזט אלע לעבעדיגע באשעפענישן; די פאדערונג אז די פיינטליכע ארמייען זאלן תיכף אפשטעלן זייער קעגנזייטיגע שחיטה און זיך פארברידערן; די דערקלערונג אז דער רעוואלוציע'ס ציל איז סאציאליזם, אפשאפן הערשנדיגע און באהערשטע, אפשאפן לעבן פון אויסזויגן דעם אנדערן'ס ארבעט; לעניך'ס רוף "ווער עס ארבעט נישט זאל נישט עסן".

דאס אלעס האט פארוואנדלט די ליכטיגע ווענוס, די ליבע-געטין, אין פאללאס אטענע, די געטין פון שטרענגער גערעכטיגקייט, מיט א וואגשאל אין איין האנט און א שווערד אין דער אנדערער.

גערעכטיגקייט'ס שטימע איז געווען אזוי שטארק אין אקטאבער'ס דונערן אז אפילו די שפיצן פון דער קאפיטאליסטישער וועלט זענען געווארן מטושטש אין זייערע אייביגע אמתן און איינגעגלויבטע יושר-באגריפן. אפילו א שטאלענער מענטש ווי דער שטאל-מאגנאט שוואב האט דעמאלט גערעדט ווייכע רייד וועגן דער נייער גערעכטיגקייט וואס קומט פאר די ארבעטנדיגע מאסן.

אבער די אקטאבער-רעוואלוציע האט אנגעהויבן גיין איר גורל-שווערן היסטארישן וועג. אנשטאט אפשאפן הערשנדיגע און באהערשטע האט מען זייער איינטיילונג נאך שארפער פראקלאמירט. דער פראלעטאריאט, א קליינער מיעוט אינעם לאנד, איז דערקלערט געווארן דער אבסאלוט הערשנדיגער קלאס, און דער אויסערגעוועגליך גרויסער פאלקס-רוב די אבסאלוט באהערשטע.

דער פראלעטאריאט'ס דיקטאטור האט געמיינט פריווילעגיעס פארן הערשנדיגן קלאס, אויסרויבן דאס ארבעטנדיגע דארף און דערווערגן יעדע פרייהייט.

עס האט זיך אנגעהויבן בירגער-קריג און א טעראריסטישער קאמף פון דער סאציאליסטישער מאכט מיט אזא שרעקליכער אכזריות וואס האט אפשר נישט קיין גלייכן אין מענטשליכער געשיכטע'ס בלוטיגסטע בלעטער.

דער ערשטער הונגער איז אויסגעבראכן. ער האט געטריבן מענטשן צו מענטשן-פרעסעריי און צוזאמענגעקליבן מתים וואס פלעגן ליגן פארפרוירן אויף סטאנציעס, צוזאמענגעלייגט ווי האלץ-קלעצער אין א קלאפטער. דאס אלעס איז באגלייט געווארן פון דער טשעקא'ס ווילדסטן קארמאניאלא-טאנץ און דעם אוממענטשליכסטן רעוואלוציאנערן טריבונאל. ער פלעגט גוזר זיין שטעלן צום וואנט פארן קלענסטן חשד.

דעמאלט איז אויפגעקומען די טשאסטושקא וועגן דעם עפּעלע, דאָס פאלקס-לידל: "יאבלאטשקא, יאבלאטשקא, קודא קאטישסיא? וו טשעקו פאפאדיאש, ניע וואראטישסיא!" עפּעלע, עפּעלע, וואוהין קייקלסטו זיך? אויב דו פאלסט אריין אין טשעקא קומסטו שוין נישט צוריק! דאָס לידל איז נאָך עד היום נישט פארגעסן אין סאָציאַליסטישן רוסלאנד.

אלס ענטפער אויף אלע פּראָטעסטן אין לאנד און אויסלאנד האָט זיך געטראָגן דער רעוואָלוציאנערער דיקטאַטור'ס שטרענגער קול:

"זייט וויסן, דאָס איז די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע. דאָס איז איר רעכט און גערעכטיגקייט. זי ווארפט אפילו פון זיך אָפּ די כלומרשט הומאנע כללים וואָס מען היט אין א געוויינליכער מלחמה. עס איז נישט מער א פראגע פון מענטשליכקייט אָדער אנדערע סענטימענטאַליטעט. עס איז א פראגע פון מאַכט און גאָרנישט אנדערש. מיר האָבן די מאַכט. זאָל איינער נאָר פּרובירן אויפהייבן א פינגער קעגן אונז אָדער ווארפן אונז א קרומען בליק!"

דער באַלשעוויסטישער טעראָר האָט זיכער דערגרייכט זיין הויפּט-ציל. ער האָט געווארפן א טויט-שרעק אויף אַלעס און אַלע. אָבער נאָר אין רוסלאנד. דער זעלבער טעראָריזם וואָס האָט אריינגעטריבן אימת מות אין די רוסישע פעלקער'ס הערצער האָט באַפרייט די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט פון שרעק פאר דער רעוואָלוציע.

פריער איז זי געווען מטושטש אין די יסודות פון איר אייגענער גערעכטיגקייט, דערשראָקן פון דער נייער מענטשליכער מאָראַל פארקערפּערט אין סאָציאַליזם. מאָראַל וואָס דאַרף ברענגען א נייעם לעבן, אפשאַפן יעדע אומרעכט אין דעם מענטש'ס וועלט, און פארשאַפן פרייד און גליק פאר יעדן.

יעצט האָט קאַפּיטאַליסטישע וועלט ווידער פריי אָפּגעאָטעמט. דער אופן ווי דער באַלשעוויסטישער פּראָלעטאַריאַט-דיקטאַטור האָט אנגעהויבן שאַפן פרייד און גליק פאר יעדן האָט פארטריבן אַלע שאָטנס פון דער קאַפּיטאַליסטישער נשמה.

"הייסט עס, ס'איז בכלל נישט קיין פראגע פון רעכט און גערעכטיגקייט וואָס די וועלט-מלחמה האָט דערטרונקען אין א בלוטיגן ים? נישט פון א נייער מאָראַלישער ווידערגעבורט אויף מענטשן-ליבע און מענטשן-גליק? נאָר פון מאַכט? גוט! אין דעם פּרט זענען מיר אויך נישט קיין קליינע קינדער."

דער רעזולטאַט פונעם יעזואיטישן מאָראַל-צוגאַנג איז געווען: די רעאַקציאנערע וועלט האָט געענטפערט אויף באַלשעוויסטישער מאָראַל מיטן זעלבן צוגאַנג, דעם ציל וואָס הייליגט אַלע מיטלען.

אָבער דער ציל איז יעצט געווען פאַשיזם און נאַציזם. זיי שטרעבן צו זייערע צילן און קעמפן מיט די זעלבע מעטאָדן וואָס זענען פארהייליגט געוואָרן אין באַלשעוויסטישער פּראַקטיק. ביידע האָבן אראָפּגעוואָרפן מענטשליכע מאָראַל, מענטשן-ליבע און גליק, גערעכטיגקייט און פרייהייט אין אַן אַפילו טיפערן תהום ווי באַלשעוויסטישער טעראָר.

אזוי האבן וועלט-מלחמה, בירגער-קריג, באלשעוויסטישער טעראר, פאשיזם און נאציזם, די גורל-שווערע שטערן-קאנסטעלאציע וואס באהערשט נאך אונזער צייט, געשאפן אונזער לעבנס גרעסטע גייסטיגע נויט: ווידער אויפלעבן מענטשליכע מאראל.

באזונדערס דארף סאציאליזם דאס. ער דארף זיך טעארעטיש איבערבויען אזוי אז פארטיידיגן אלגעמיין מענטשליכע מאראל, באזונדערס אירע סאציאליסטישע אויסטייטשונגען און באררייכערונגען, זאל האבן דעם ערשטן, חשוב'סטן פלאץ אין פראפאגאנדע און פראקטישער טעטיגקייט.

דער אמת-חוב פארלאנגט צו באמערקן אז אן אנהייב איז יעצט געמאכט געווארן אומעטום, אויך אין ראטן-לאנד. דארט דערווייל, זעט אויס, נאר אין טעאריע און נאך נישט אין פראקטיק. אבער אין דער באלשעוויסטישער פרעסע האט מען שוין געזאגט: וויבאלד קלאסן זענען שוין פארשוואונדן אין ראטן-לאנד דארף אלגעמיין מענטשליכע מאראל נעמען פראלעטארישער מאראל'ס פלאץ.

נאר ווען סאציאליזם וועט אין זיין גייסטיגן קאמף קעגן דער אלטער וועלט אנטוויקלען און פארפעסטיגן א קעמפערישן פראנט אויך אינעם מאראלישן באוואוסטזיין, וועט מען קענען באפרייען די מאסן פון דער בורזשואזער און פעאדאל-אריסטאקראטישער מאראל-אויסטייטשונג וואס באהערשט נאך זייערע קעפ און הערצער.

נאר דעמאלט וועט מען קענען ברעכן דער בורזשואזיע'ס מאראלישע קעגנשטאנד-קראפט, איר אוועקנעמען די מעגליכקייט צו קעמפן קעגן סאציאליזם און קאמוניזם אין נאמען פון אלגעמיין מענטשליכער מאראל.

דאס איז זייער וויכטיג. מאראלישער באוואוסטזיין איז שטענדיג געווען און איז נאך יעצט א היסטארישע ענערגיע פון א געוויסער קראפט. א ראיה איז די לעצטע וועלט-מלחמה, ווען יעדער לאגער האט פרובירט מיט רעכט און אומרעכט, שקרים און בלבולים, צוציען דעם מאראלישן פאקטאר צו זיין זייט.

א ראיה איז אויך די ארבעטערשאפט'ס אייגענער ברודער-קאמף. יעדער צד וויל פארשמירן דעם קעגנער'ס טויערן מיטן שווארצן פעך פון ריין מאראלישע פארברעכנס.

אינעם אלגעמיין מענטשליכן מאראלישן באוואוסטזיין קענען סאציאליסטן קעמפן קעגן אריסטאקראטישע און בורזשואזע מאראל-טעאריעס מיט מער שאנסן אויף הצלחה ווי קעגן זייער גאנצן וועלט- און לעבנס-בליק. ווייל מענטשליכקייט, גערעכטיגקייט און אן איידעלער מענטשליכער בליק אויפן מענטש'ס לעבן זענען דאך אויסגעארבעט געווארן אין דער סאציאליסטישער געדאנקען-וועלט, נישט ערגעץ אנדערש.

די געזעלשאפטליך-עקאנאמישע זייט פונעם סאציאליסטישן קאמף איז דער גוף. די מאראלישע זייט איז זיין נשמה. נאר ווען מען וועקט אינגאנצן אויף די נשמה אינעם פארשטארקטן גוף קענען אויך די גרויסע מאסן ווערן אנגעצונדן מיטן ברען און דער גרייטקייט פאר מסירת נפש וואס וועט מסתמא נאך לאנג זיין נויטיג אינעם קאמף פאר א סאציאליסטישער געזעלשאפט.

דאס קען סאציאליזם ריין נוצליכקייטס-געריכט האבן פון מאראל. אבער וועו ער נעמט ביי איר בלייבט ער אויך נישט קיין בעל חוב. מאראל אליין דארף סאציאליזם. אירע געבאטן פון די נביאים אן, מיכה'ס עשות משפט און אהבת חסד, טאן גערעכטיגקייט און ליב האבן חסד, קענען ווערן פארווירקליכט נאר אונטער סאציאליזם'ס הערשאפט.

אויך אויסבילדן א מאראליש העכערן מענטשליכן מהות, אין וואס דער מאראלישער באוואוסטזיין איז אינטערעסירט מער פון אלעם, קען געשען אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט געבויט אויף פרייהייט, גערעכטיגקייט און מענטשליכקייט.

ענדע.

# צוגאב 1. צוויי וועלטן

דער ענגלישער דענקער דזשאן סטוארט מיל געהערט לויט מיין מיינונג צו די פילאזאפן וואס מען קען פארגלייכן מיט קאמעטן. קאמעטן ווייזן זיך, שטייען א צייט אויפן האריזאנט און רופן ארויס גרויסן אינטערעס. דערנאך דערווייטערן זיי זיך. זייער ליכט ווערט אלץ בלאסער ביז זיי פארשווינדן. אבער נישט אלע פארשווינדן אויף אייביג. טייל קומען צוריק פעריאדיש.

מיל איז א לאנגע צייט געשטאנען אויפן פארגעשריטענעם געדאנק'ס האריזאנט. דערנאך האט דער געדאנק זיך דערווייטערט פון אים. יעצט איז זיין פילאזאפיע אינגאנצן פארבלאסט. נאר פילאזאפיע-געשיכטע-פארשער קענען אים נאך שטודירן דורך זייערע טעלעסקאפען, און זייער ווייניג אינטערעסירן זיך אין אים און ריכטן אויף אים זייער טעלעסקאפ.

איז ער פון די קאמעטן וואס גייען אין א פאראבאלישער ליניע און מוזן אויף אייביג אוועקגיין? אדער איז זיין וועג עליפטיש און וועט אים אמאל מוזן צוריקברענגען?

איך נעם זיך נישט אונטער צו באשטימען זיין אסטראנאמישן לויף. דער גאנצער ענין מיל אינטערעסירט מיך יעצט נישט. דער געדאנק וועגן זיין פילאזאפישער ראלע איז אויפגעשווימען ווייל איך האב ווידער איבערגעטראכט איין מימרא זיינע וואס פלעגט זייער אפט באשעפטיגן מיין געדאנק.

דעם געגויען נוסח געדענק איך נישט אויסנווייניג, אבער דער זין איז: מאראלישע געפילן, ווי די גאנצע מענטשליכע מאראל, זענען א זייער איידעלע, צארטע פלאנץ. מען מוז שטענדיג זיך מיט איר אפגעבן, כסדר אויסיאטן די גראזן וואס שטערן איר וואוקס. אנדערש קען זי באלד דערשטיקט ווערן פון ווילד-גראז.

אין אונזער צייט, פון דער וועלט-מלחמה און די רעוואלוציעס אן, האבן ווילד-גראזן זיך אזוי שטארק פארשפרייט אז אויב מאראל איז נאך נישט אינגאנצן דערשטיקט איז עס ממש ניסים מן השמים.

מיך אינטערעסירט יעצט דווקא דעם ראדיקאלן געדאנק'ס ראלע אינעם פארטויבן און דערשטיקן די מאראלישע פלאנץ. ביי אסאך מענטשן האט ער באמת געשפילט ווי א ווילדע פלאנץ וואס זויגט מיט אירע ווארצלען אויס די פרנסה וואס וואלט געדארפט שפייזן מאראל'ס ווארצלען. דווקא מיל האט דערין אסאך געהאלפן.

וואס זאלן מיר זען אלס דעם לעצטן ווארצל פון א מאראליש חשוב'ן לעבן? אלטרואיזם, ליבע צום אנדערן? איבערגעגעבנקייט צו אן אידעאל? גרייטקייט צו מסירת נפש פארן אנדערן אדער פארן אידעאל?

אבער דער ראדיקאלער געדאנק קומט מיט זיין באווייז אז אין עצם און אין תוך איז נישט דא קיין אלטרואיזם. יעדער מענטש, ווי יעדע חיה, זוכט נאר אייגענעם פארדינסט און גליק, מער הנאות ווי יסורים פאר זיך אליין. און אידעאלן? שוין לאנג ווייסט מען דאך אז זיי זענען נאר שאטנס, אפשפיגלונגען פון געוויסע, צום סוף עקאנאמישע, אינטערעסן פון געזעלשאפטליכע קלאסן.

וואס איז מיט דזשארדאנא ברונא, וואס גייט צום פייער במסירת נפש פאר קאפערניק'ס טעאריע, פאר וואס ער האלט אלס דעם אמת'ן אמת? אדער זשעליאבאוו און גערשוני, וואס גייען פרייליך צום טויט פארן מענטשן-ליבע-אידעאל? נו, מסתמא איז פאר זיי די הנאה געווען גרעסער ווי די יסורים. אינעם לעצטן סך הכל און אינעם עצם ענין איז זייער מאראלישע העלדישקייט געווען פערזענליכער עגאאיזם, א ריינע געשמאק-זאך.

אדער זאלן מיר זוכן די מעלות'ס לעצטן מקור אין פליכט-געפיל און די געוויסן-פלאגן ווען מען לעבט קעגן דער אייגענער מאראלישער פליכט? דאס העלפט נישט אסאך. די ראדיקאלע פארשונג געפירט פון אביעקטיווער וויסנשאפט וועט אונז באווייזן אז אויך פליכט-געפיל און מאראלישער געוויסן זענען פראדוקטן פון געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג. זיי קומען פון געזעלשאפטליכע נויטן און דינען ווי אלע אנדערע מעלות נאר געזעלשאפטליכן נוצן.

אינעם מאניפעסט פון דער קאמוניסטישער פארטיי געפינט מען אפילו אז די גאנצע מאראל און איינטיילונג אין טוב ורע, גוט און בייז, שפיגלען אין מענטשליכע קעפ דעם פאקט אז דער מענטשהייט'ס ביז-היינטיגע געשיכטע איז א געשיכטע פון קלאסן-קאמפן, עקאנאמישע אינטערעסן און זייער קעגנזעצליכן צוזאמענשטויס.

ווען קלאסן פארשווינדן וועט די גאנצע מאראל אויך פארשווינדן. אויס!

איז מיין מאראלישער אויפפיר אינעם לעצטן סך הכל א זאך פון אייגענעם געשמאק. אויב עס געפעלט מיר און איך זע נישט קיין שאדן פאר זיך אין קיין פרט מעג איך טאן כל דבר אסור און בין פונקט אזא מיוחס ווי דער וואס גיט זיין לעבן פאר אן אידעאל.

עס זענען דאך נישט דא קיין אבסאלוטע מאראלישע חובות. "דו זאלסט, ווייל אויב נישט ביסטו א מנובל" איז אין תוך א נארישקייט. נישט דא קיין "איך זאל"! מנובל און צדיק זענען גלייכע מיוחסים,ביידע אבסאלוט אומפארמיידליכע פראדוקטן פון וועלט-געשעענישן.

קיין פרייער ווילן איז נישט דא, פון ווענען מען קען מאנען וואס ער זאל. קיין געפיל, ווילנס-שטרעבונג, מעשה אדער כאראקטער איז אין זיך אליין מאראליש גוט אדער שלעכט. די גאנצע טוב-ורע-איינטיילונג איז אויסגעטראכט, א דמיון, ווי די רעליגיעזע איינטיילונג אין כשר און טריף.

אזעלכע טעאריעס גראבן אונטער די ווארצלען פון דער צארטער מאראל-פלאנץ. לכל הפחות לאזן זיי נישט אויפקומען דעם חשק זיך אפצוגעבן מיט דער פלאנץ אין דער אייגענער נשמה, און אפצוהאלטן די ווילד-גראזן פון פארטויבן דעם מאראלישן געוויסן.

ליידער קען איך דא נישט אנאליזירן אלע ראדיקאלע געדאנקען כדי אויסצופינען וואס מאראל איז באמת אין איר עצם תוך. אבער אויף איין פונקט וויל איך ציען אויפמערק.

ביי טעארעטיש באטראכטן די וועלט האט מען שוין אפט געמוזט מאכן דעם גרויסן חילוק צווישן דעם אביעקטיוון תוך, ווי די זאך איז אין דער וועלט אויסער מענטשן, און דער סוביעקטיווער דערשיינונג, ווי דער תוך שפיגלט זיך אין מענטשליכן וויסן.

נאך נישט לאנג האט מאטעריאליסטישע פיזיק געלערנט, און אסאך פיזיקער גלייבן נאך יעצט דערין, אז אין נאטור זענען נישט דא קיין קלאנגען. אין תוך זענען זיי לופט-קוואליעס און גארנישט מער.

די זעלבע מיט פארבן. אין תוך איז נישט דא אין נאטור קיין גרין אדער רויט. נאר קוואליעס פונעם וועלט-עטער. בלויז אינעם זע-נערוו ווערן פארשידענע פארבן געבוירן. די עטער-קוואליעס האבן אין זיך אליין נישט קיין סימן פון קאליר.

קלאנגלאזע לופט-קוואליעס און קאלירלאזע עטער-קוואליעס זענען די אביעקטיווע זאך אין זיך אליין. קלאנגען און פארבן זענען סוביעקטיווע דערשיינונגען אין א לעבעדיגער באשעפעניש.

האט די טעאריע אמאל געווירקט אויף מענטשליכער פראקטיק אינעם טאג-טעגליכן לעבן? האט א טויבער נישט געזוכט זיך צו באפרייען פון טויבקייט ווייל אין תוך איז נישט דא קיין קלאנג? האט א בלינדער נישט געשטרעבט צו זען דעם ליכטיגן שיין ווייל אין עצם איז נישט דא אין נאטור קיין ליכט און פינצטערניש?

האט א שלעכטער מוזיקער פרובירט זיך צו פארענטפערן: "וואס איז דער חילוק? ס'איז דאך אלעס לופט!" אדער א שלעכטער מאלער: "די עטער-קוואליעס, אנדערע עטער-קוואליעס, אין תוך וואס איז די נפקא מינה?"

טעארעטישע דערקלערונגען פון זאכן'ס עצם, פון וואנען זיי קומען און ווי זיי זענען געווארן, זענען פארן מענטש א באזונדערע געדאנקען-וועלט וואס אנטוויקלט זיך לויט אירע אייגענע אינערליכע טענדענצן. אין פראקטישן לעבן רעכנט ער זיך מיט די יסודות'דיגע רעאליטעטן פון זיין לעבן, באשטימט דורך זיין אייגענער חיה'ישער און מענטשליכער נאטור.

ווען ער וואכט אויף ביים פארטאג טראכט ער נישט אז די ערד האט זיך א דריי געטאן ארום דער זון פון מערב צו מזרח. ער טראכט אז די זון גייט אויף אין מזרח און וועט זיך באוועגן צו מערב. נישט לויט דער טעאריע, נאר לויט וואס זיין מענטשליך אויג זעט.

אזוי איז אין טויזנטער לעבנס-געשעענישן. טעאריעס זענען טעאריעס, אבער די יסודות'דיגע לעבנס-רעאליטעטן ווילן פון זיי נישט ליידן.

פארוואס זאל עס זיין אנדערש אין מאראל? זאל זיין אז עגאאיזם און אלטרואיזם זענען אין עצם די זעלבע זאך, און אין נאטור איז נישט דא קיין חילוק צווישן טוב ורע, עוולות און יושר, ווי עס איז אין עצם נישט דא קיין חילוק צווישן ליכט און פינצטערניש. אבער אין לעבן זענען יושר און עוולות אזוי אנדערש ווי ליכט און פינצטערניש.

פארוואס וויל א מאראליש בלינדער מענטש זיך פאררעדן די ציין אז ער איז פונקט אזא מיוחס ווי דער זעעוודיגער, ווייל "אין עצם פונעם תוך, פארשטייט איר מיך ..."?

אדער איז דער מאראלישער חילוק צווישן יושר און עוולות בכלל נישט קיין יסודות'דיגע רעאליטעט פון אונזער מענטשליכן לעבן? באטראכטן מיר אלע מענטשן אלס ריינע נאטור-פראדוקטן, באהערשט פון נאטור-געזעצן, אן פרייען ווילן, וואס קענען גארנישט זאלן און פון וועמען מען האט דעריבער גארנישט צו מאנען?

לאמיר זען. פרובירט אפצוטאן אן עוולה דעם געבילדעטסטן אמאראליסט, וואס איז דערצו אליין א מנובל. ווי וועט זיין אינערליכסטער מאראלישער פראטעסט אויפקאכן! "ניין, וואס פאר אן עוולה! איך וועל עס דעם מנובל שרייען אין פנים!"

קעגן וועמען פראטעסטירט ער, וועמען וויל ער באשטראפן? א בלינדע נאטור-דערשיינונג באהערשט פון בלינדע געזעצן, אן פרייען ווילן, פון וועמען מען קען נישט מאנען דין וחשבון?

ער פראטעסטירט קעגן א מענטש. דערמיט נעמט ער אן יענעמ'ס פרייען ווילן אלס א יסודות'דיגע מענטשליכע לעבנס-רעאליטעט. יענער איז א מענטש, א באשעפעניש מיט פרייען ווילן, וואס קען באשטימען מעשים לויט יושר און עוולות. ער האט נישט געזאלט טאן וואס ער האט געטאן. עס קומט אים א שטראף, פיזיש אדער מאראליש, ווי דער נאמען מנובל.

אין דער טעארעטישער געדאנקען-וועלט איז דער מענטש אן אבסאלוט בלינדער נאטור-פראדוקט, באהערשט פון אייביגע געזעצן. מאראל איז דארט נישט שייך. זאל זיין! אבער אין דער טעארעטישער וועלט איז די זון מילי-מיליאנען מאל גרעסער פון דער ערד, א פינצטערע מאסע אן ליכט און ווארעמקייט, און שטייט לגבי דער ערד אויף איין פלאץ.

אין אונזער מענטשליכער לעבנס-וועלט איז זי זיבן הונדערט מאל קלענער פונעם האריזאנט, דער מקור פון ליכט און ווארעמקייט, און גייט פון מזרח צו מערב.

מיר זענען אזוי געוואוינט צו דער דאפלטער בוכהאלטעריי וועגן די צוויי וועלטן אז קיין וועלט שטערט נישט דער אנדערער. ביי טייל פילאזאפן איז אפילו א גרויסע שאלה וועלכע איז אמת: אונזער פראקטיש לעבן אדער אונזער טעארעטישער געדאנק.

אבער אין מאראל שטויסן זיך די צוויי וועלטן צוזאמען. מאראל איז, ווי מיל זאגט, א זייער צארטע פלאנץ וואס מען מוז זיך מיט איר אפגעבן. לעבנס-נסיונות מיט יצר הרע'ס וואס קענען נישט פארטראגן איר ריח זענען אזוי פיל, אזוי צעזייט אויף יעדן שריט, אז

דעם גלויבן אין מענטשליכער פרייהייט און די פארבונדענע מאראלישע פאדערונגען היטן מיר פארן אנדערן.

פאר אונזער אייגענער שוואכקייט זוכן מיר א היתר אין דער טעארעטישער וועלט, וואו כלומרשט איז נישט דא קיין חילוק צווישן עגאאיזם און אלטרואיזם, טוב און רע.

אבער דאס זוכן א היתר אליין, וועלן זיין גערעכט אין אייגענע אויגן און נישט פארלירן רעספעקט צו זיך אלס א מענטש, גייט קעגן דער גאנצער טעארעטישער וועלט.

דעריבער איז נישט קיין חידוש אז צייטנווייז וואקסט אין פילאזאפיע די טיפסטע שאלה: וועלכע וועלט איז מער רעאל, מער תוכ'דיג אויב מען קען אזוי זאגן? די טעארעטישע וועלט מיט אייביגע נאטור-געזעצן און אבסאלוטן דעטערמיניזם, אדער אונזער פראקטישע מענטשליכע וועלט וואו דער דמיון פון פרייען ווילן איז דער יסוד פון מענטשליכן לעבן?

טאג, 3טן מערץ 1931.

# צוגאב 2. די הייליגקייט פון מענטשליכן לעבן

אליעזר שטיינבארג, דער גרויסער רומעניש-יידישער משל-שרייבער עליו השלום, האט אנגעהויבן זיין בוך משלים מיט א מעשה וואס פאסט גוט צום נשמה-מצב פון אונזער אויפגערודערטער צייט: דער האמער און דאס שטיקל אייזן.

דער האמער, דער אייזערנער קאפ, א לייבליכער ברודער פונעם שטיקל וואס ער שמידט, האט אים אונטער די קלעפ על פי חקירה אנגעהויבן באווייזן: מען דארף זיין קלוג, געדולדיג און נישט זאגן קיינעם "דו ביסט שולדיק".

איז דער האמער שולדיק אז ער קלאפט? מיט אים קלאפט די האנט, מיט דער האנט דער שמיד וואס בענקט גאר נאך רו. אבער ער מוז פאררעכטן די אקס וואס דער וואגן האט אויסגעבויגן. די רעדער האבן געיאגט דעם וואגן, פערד האבן געשלעפט די רעדער, די בייטש האט געטריבן די פערד. און זי אליין? אויך נישט שולדיק! א מעשה אן אן עק. פארשטייט גוט דעם רעיון און הער אויף שעלטן און שרייען, ווייל פארשטיין מיינט פארצייען ...

דער רעיון האט אבער בפירוש נישט איינגעשטילט דאס געקלאפטע אייזן'ס הילכיגע פראטעסטן.

"ניין!" שרייט דאס אייזן און שיט מיט פייער. נייע האמערס, נייע שיטות! ער הרג'עט, שלאגט, און איז א ברודער! עצות גיט ער! שווייגן ווען איך ציטער אונטער די קלעפ? מיין ווייטאג איז אן א שיעור. איך וויל שעלטן און שרייען אן חקירות!

אין אונזער צייט שפילט דעם געקלאפטן אייזן'ס ראלע דאס מענטשליכע הארץ. ווי האמערס קלאפן דערויף די מלחמות, וואו מענטשן ווערן אויפגעריסן אין לופט ווי שטיקלעך פעלז; די פאגראמען וואו מען שעכט זיי ווי שאף; די לעצטע פראצעסן אין ראטן-לאנד וואו מען שיסט זיי ווי פייגל ביי א יאגד.

אויב אייזן שרייט און שיט פייער, כל שכן א מענטשליך הארץ! אויך עס וויל נישט וויסן פון חקירות. עס פראטעסטירט און שרייט. אלע מאראלישע פראטעסטן גיסן זיך יעצט צוזאמען אין איין באשטראפנדיגן פראטעסט, איין מאנענדיגן רוף: היט אפ די הייליגקייט פון מענטשליכן לעבן.

אוודאי מישן זיך צווישן די אויפגערודערטע מאראלישע פראטעסטן, בפרט קעגן ראטן-לאנד'ס געשעענישן, אויך געשרייען פון בלינדער רציחה פון איין פאנאטיקער קעגן אן אנדערן. און נאך ערגער, אן אנגערירטער פאליטישער אינטערעס.

דווקא דאס לעצטע, מוז איך מודה זיין, קען אפשלאגן דעם גאנצן חשק צו רעדן וועגן אונזער צייט'ס מאראלישע פראבלעמען. ווען מאראל נעכטיגט בלויז איין נאכט מיט פאליטישן אינטערעס, אוי, זאל גאט איר מוחל זיין אז זי רופט זיך נאך מאראל!

ווען מאראל ווערט א קרדום לחפור בו, א גראב-אייזן, אדער ערגער א גרדום לחטוב עליו, א האק-קלאץ אויף וועלכן מען שפאלט מאראליש די קעפ פון פאליטישע קעגנער, איז דאס נישט מאראל. נאר א קרדום מיט א גרדום, א האק מיט א יאטקע-קלאץ.

צום גליק און צו דער מענטשליכער הארץ'ס חשיבות קענען מיר זאגן אז די מערסטע מאנענדיגע פראטעסט-שטימען קומען פון א ריינעם מאראלישן געוויסן, פון אהבה און שנאה שאינן תלויות בדבר. אבער דווקא זיי דארף מען דערמאנען אז שעלטן און שיטן פייער אן חקירות איז נישט קיין גרויסע מעלה, אויך נישט מאראליש.

הארץ איז געפיל. געפילן אליין, ווי חשוב און איידל זיי זאלן זיין, זענען בלינד. זיי קענען פארפירן ווער ווייסט וואוהין אויב זיי לאזן זיך נישט פירן פון שטרענגן, אפט אומבארמהארציגן שכל און קלאר-זעעוודיגער חקירה. אויך די מאראלישע געפילן אין דער פאדערונג פון מענטשליכן לעבן זענען נישט קיין אויסנאם.

איך ווייס נישט ווער האט ערשט פארמולירט דעם פרינציפ דווקא אין די ווערטער. אבער זיכער איז ער אין זיין תוך געבוירן אינעם יידישן מאראלישן באוואוסטזיין. מיר מעגן זיין שטאלץ דערויף, ווייל ער נעמט אריין די פיר וויכטיגסטע עלעמענטן פון מאראלישן געפיל און אויסגעקלארטן איינזען: הויכע שאצונג פון לעבן בכלל אלס דאס העכסטע גוטס; רחמנות אויף מענטשן וואס ווערן דערפון בארויבט; די חשיבות פון מענטשליכן לעבן בפרט; און דעם קלארן איינבליק וואס קאנט האט פארמולירט, יעדער מענטש דארף באטראכט ווערן ווי א ציל פאר זיך אליין.

קיין חידוש אז דער פרינציפ איז לפי ערך שפעט אויפגעקומען צווישן מאראלישע אפשאצן און וועגווייזנדיגע יסודות. די אלטע וועלט, גריכנלאנד און רוים ווי אויך ארץ ישראל פונעם בית ראשון, האבן פון אים נישט געוואוסט.

גענוג צו דערמאנען אז די תורה האט פארגעשריבן טויט-שטראפן אויף פאר מעשים וואס געהערן בכלל נישט צו דער מאראלישער ספערע. "מכשפה לא תחיה"; אין מלחמה קעגן כנען'ס שטעט דארף מען טייטן אלע נפשות, מענער, פרויען און קינדער, "לא תחיה כל נשמה"; אין אנדערע שטעט אלע זכרים, "והכית את כל זכורה לפי חרבך". דער מקור רעפערירט דא צו דברים כ, 16. דאס אלעס ווייזט ווי ווייניג פרימיטיוו-יידישע מאראל האט זיך גערעכנט מיט מענטשליכן לעבן'ס הייליגקייט.

ווען דוד המלך דערציילט מען אז ווען ער האט געשלאגן מואב, א פאלק כמעט אין אלעם גלייך צום יידישן אויסער רעליגיעזן גלויבן, האט ער זיי אויסגעלייגט אויף דער ערד און געמאסטן מיט א שטריק. צוויי שטריק-לענגען צו טייטן, איין פולע שטריק-לענג צו לאזן לעבן. שמואל ב, ח, 2.

אפשר ווערט דער פרט דערציילט דווקא צו ווייזן דוד'ס מענטשליכקייט אין מלחמה: א גאנץ דריטל, מלא החבל, לאזן לעבן!

עס האט גענומען א לאנגע צייט, דורות פון פארפאלגונגען און אכזריות, ביז אין יידישער מאראל איז אויפגעגאנגען איר וויכטיגסטע און חשוב'סטע בלום, די הייליגקייט פון מענטשליכן לעבן. איר קלארסטן, שארפסטן אויסדרוק האט זי געפונען אין ישו הנוצרי'ס געבאטן: ליבע אויך צו א שונא, און אפווארפן אפילו דעם רעכט פון א מענטש צו משפטן אן אנדערן.

דער העכסט-יידישער נוצריאנישער צוגאנג האט אין דער כלומרשט קריסטליכער מענטשהייט'ס געשיכטע אפט פרובירט פראטעסטירן קעגן די אכזריות וואס פילן זי שטענדיג און נאך עד היום.

אין אונזער צייט האט דער נוצריאניזם, ווי מיר ווילן אים רופן, געפונען זיין גלאנצנדיגן אויסדרוק אין גראף טאלסטאי'ס לערעס בשעת דעם רעוואלוציאנערן טעראריסטישן קאמף קעגן צאריזם. אבער דווקא דער צוגאנג האט געוויזן וואוהין מען קען מיט אים פארפירט ווערן.

אין אלט-יהודה האט ער פארווערט די יידישע משיחים צו אנטיילנעמען אינעם באפרייאונגס-קאמף קעגן רוים. אין אלט-צארן-לאנד האט ער געקעמפט קעגן אינדיווידועלן טעראר אינעם באפרייאונגס-קאמף קעגן צאריזם.

דער רוסישער טעראריזם-ביישפיל ווייזט קלאר אז מענטשליכן לעבן'ס הייליגקייט קען אין אונזער צייט נישט זיין אן אבסאלוטער הונדערט-פראצענטיקער פרינציפ.

דער טעראריסט קאליאיעוו איז געווען פון די זעלטן מענטשן וואס פאר זיי דער נוצריאנישער צוגאנג, מענטשליכן לעבן'ס הייליגקייט, איז געווען די גאנצע נשמה פון לעבן און קעמפן.

ער איז געשטאנען מיט א באמבע גרייט אויפצורייסן דעם גרויספירסט סערגעי. ווען סערגעי איז פארבייגעפארן מיט זיין פרוי האט קאליאיעוו נישט געווארפן די באמבע, שטעלנדיג אין געפאר דעם גאנצן לאנג צוגעגרייטן אנפאל. נאר ווען סערגעי איז געווען אליין האט ער זי געווארפן.

האט ער געהאט א מאראליש רעכט צו טייטן סערגעי? האט סאזאנאוו געהאט רעכט אויפצורייסן דעם צורר פאן פלעווע? האט הירש לעקערט געמעגט פאראורטיילן פאן וואל צום טויט? זענען זיי נישט געווען מענטשן וואס זייער לעבן דארף זיין הייליג?

שטעלט דעם נוצריאנישן פרינציפ פון אבסאלוטער לעבן-הייליגקייט אין ליכט פונעם היינטיגן שפאנישן בירגער-קריג. אויב מען פאלגט דעם אבסאלוטן געבאט דארפן די לאיאליסטן זיך אן איין שוס אונטערגעבן צום פאשיסטישן פראנקא. זיי האבן נישט קיין

ברעקל רעכט צו פארניכטן די הונדערטער און טויזנטער איטאַליענער, דייטשן און שפּאַניער וואָס קעמפן קעגן זיי.

זיי טאָרן זיך נישט באַרופן אויף "הבא להורגך השכם והורגו", ווער קומט דיך טייטן, אייל זיך און טייט אים. זאָלן רשעים חרוב מאַכן לענדער, שטעט, פעלקער און מיליאָנען לעבנס, זייער אייגענע לעבן טאָר אָבער נישט אָנגערירט ווערן. עס איז הייליג. אַהין פירט אַבסאָלוטער נוצריאַניזם.

אַלע באַפרייאונגס-קאַמפן, אינדיווידועל-טעראָריסטישע און מיליטערישע, רעדן קלאָרע ווערטער פונעם מענטשליכן מאָראַלישן באַוואוסטזיין. אויך מענטשליכן לעבן'ס הייליגקייט, דער וויכטיגסטער און חשוב'סטער מאָראַלישער פּרינציפּ, איז נישט אַבסאָלוט, נישט קיין חוק ולא יעבור אונטער אַלע אומשטענדן.

ווייל ער איז נישט דער איינציגער פּרינציפּ פון א הויך-אַנטוויקלטן מאָראַלישן באַוואוסטזיין. עס זענען אַנדערע מיט וועלכע ער מוז זיך רעכענען. זיי זענען נישט פּערל וואָס מען קען גאַנצערהייט אויפציען אויף א מאָראַלישן שטריק, אָדער פּערל-בענדער וואָס זייערע שטריקן ליגן פּאַראַלעל און זיך איבערשניידן.

בעסער איז צו פאַרגלייכן די מאָראַלישע פּרינציפּן-סיסטעם צו א געשליפענעם דיאַמאַנט. יעדער פּרינציפּ איז א פּאַצעט מיט א גרעסערן אָדער קלענערן שטח, באַגרעניצט פון אַנדערע פּאַצעטן.

מענטשליכן לעבן'ס הייליגקייט איז די חשוב'סטע פּאַצעט. דווקא חקירה דאַרף אויסקלאָרן אירע גרענעצן. דאָס ווייטאַגנדיגע האַרץ וויל דערפון נישט וויסן און שיט פּייער אָן חקירות. אָבער דווקא בלינדע איבערגעגעבנקייט צום אַבסאָלוטן פּרינציפּ קען מאַכן די מאָראַלישסטע מענטשן אומוויליגע, בלינדע העלפער פון די פּאַן פּלעוועס און פראַנקאָס.

טאָג, 3טן אָקטאָבער 1937.

# צוגאָב 3. רעוואָלוציאָנערע מאָראַל

אַרלאָזאָראָוו'ס דערמאָרדונג אין ארץ ישראל און די דעבאַטן וועגן די אַקטיוויסטישע רעוויזיאָניסטן אויפן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָבן אויף פאַר דער יידישער עפנטליכקייט געשטעלט איינעם פון יעדן באַפרייאונגס-קאַמף'ס שווערסטע און ווייטאַגליכסטע פּראָבלעמען. באַרעכטיגן טעראָריסטישע מיטלען פאַר פּאָליטישע, געזעלשאַפטליכע אָדער נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס-צילן. דאָס זענען זיכער די שרעקליכסטע, טראַגישסטע מיטלען.

מיר קענען נישט דאָ אויפנעמען די ריזיג שווערע פראַגע אין איר גאַנצן פאַרנעם און פאַרפּלאָנטערטקייט, אָדער אַנאַליזירן אַלע אינערליכע סתירות און מאָראַלישע קאָנפליקטן וואָס זענען פאַרבונדן מיט די טראַגישע מיטלען.

גליקליך זענען די פרייהייטס-קעמפער, וועגן טיראנען און אונטערדריקער'ס טעראר רעדן מיר נישט, וואס נעמען פון אנהייב טאלסטאי'ס אדער גאנדי'ס שטאנדפונקט. פאר זיי איז לא תרצח אן אומבאדינגטער באפעל וואס מען קען נישט באגרעניצן מיט "הבא להרגך השכם והרגו", ווער גייט דיך הרג'ענען, נעם און הרג'ע אים וואס שנעלער. זיי זענען פריי פון אלע אינערליכע קאנפליקטן און נשמה-ווייטאג פארבונדן מיט טעראריסטישן קאמף.

אבער געשיכטע האט אירע וועגן. די באפרייאונגס-קאמפן'ס געשיכטע האט אויסגעארבעט איר אייגענע רעוואלוציאנערע מאראל. פון אור-אלטע צייטן האט זי פארהייליגט טיראנען-מארד אלס א מענטשליכע חשיבות פון דער העכסטער מדרגה. אלס די אויסבליה פונעם העכסטן מאראלישן אקט, גערעכטיגקייט'ס קאמף אין דער העכסטער העלדישקייטס-עקסטאז, אין אייגענער מסירת נפש.

פון דעם רעוואלוציאנער-מאראלישן שטאנדפונקט ווילן מיר ווארפן א פאר באלויכטנדיגע שטראלן אויפן שרעקליך טראגישן פראבלעם וואס איז אויך ביי אונז אויפגעקומען.

לויט אלע ביז יעצט באקאנטע דאטן דארף ארלאזאראוו'ס דערמארדונג באצייכנט ווערן אלס פאליטישער מארד. ווער האט אים באגאנגען און פאר וועמענס פאליטישע צילן, יידישע אדער אראבישע, קען מען דערווייל נישט וויסן.

אבער די דאטן געבן רעכט צו פרעגן צי מען מעג דעם פאליטישן מארד באטראכטן אלס א טעראריסטישן אקט אין א יידישן אדער אראבישן באפרייאונגס-קאמף, אדער צי ער געהערט צו פריוואטע קרימינעלע פארברעכנס.

נישט יעדער פאליטישער מארד, אפילו פאר באפרייאונגס-צילן, קען לויט רעוואלוציאנערער מאראל גערופן ווערן א טעראריסטישער אקט, אן אויסדרוק פונעם שארפסטן פאליטישן אקטיוויזם.

גארגולאוו'ס דערמארדונג פונעם פראנצויזישן פרעזידענט דומער האט נישט באקומען אזא באשטעטיגונג אינעם וועלט'ס מאראלישן און היסטארישן באוואוסטזיין. נישט נאר ווייל זיין ציל איז געווען קאנטער-רעוואלוציאנער, נאר צוליב דעם מענטש'ס גאנצן כאראקטער.

גארגולאוו איז נישט אריין אין דער וואלהאלא פון אומשטערבליכע פאליטישע העלדן. זיין אקט געהערט צו דער כראניק פון פריוואטע קרימינעלע פארברעכנס, געטאן נישט פאר פערזענליכע מאטיוון אדער פארדינסט, נאר אין א מארד-לוסט-אנפאל, צוליב טירוף אדער רעליגיעזן, פאליטישן אדער געזעלשאפטליכן פריוואטן פאנאטיזם.

טעראריסטישע אקטן אלס מאמענטן אין א באפרייאונגס-קאמף טראגן קלארע סימנים וואס הייבן זיי ארויס פון דער קרימינעלער כראניק און ברענגען זיי אריין אין מענטשליכער געשיכטע. וועלכע סימנים?

פון די אלטסטע צייטן ביז אונזערע דורות איז געשיכטע פול מיט אנערקענטע טעראריסטישע אקטן. יחידים אויף זייער אייגענער אחריות אדער ארגאניזירטע קערפערשאפטן האבן זיי דורכגעפירט. אלע זענען אריין אין געשיכטע אלס מאמענטן אין

איר גאנג. געווענליך אפצולאזן א פאר פארן גייסטיגן אויג כדי קלאר צו זען זייערע כאראקטעריסטישע סימנים.

מיר וועלן זיך בעיקר אפשטעלן אויף יחידים'ס אקטן. מיר וואלטן געקענט באשרייבן א גאנץ אסאך פון אונזער אייגענער אלטער געשיכטע: משה רבנו טייט א מצרישן אויפזעער איבער פארקנעכטעטע יידישע ארבעטער; אהוד שטעכט דעם שווערד אינעם מואבישן מלך עגלון ווייל ער האט פארקנעכטעט דאס יידישע פאלק; יהוא'ס טעראריסטישע אויסראטונג פון אחאב'ס דינאסטיע און די בעל-דינער, און אנדערע. אין אלע וואלטן מיר געפונען די געזוכטע סימנים. אבער מיר וועלן גיין צו אונזער צייט.

אין די ניינציגער יארן פונעם פאריגן יארהונדערט, דעם געוויען דאטום געדענק איך נישט, האט דער אנארכיסט עמיל אנרי געווארפן א באמבע אינעם אריסטאקראטישן קאפע טערמינוס אין פאריז און געטייט אסאך מענטשן. ער האט זיך איבערגעגעבן דער פאליציי.

אויף זיין משפט האט ער דערקלערט אז ער איז אן אנארכיסט און קען נישט מער פארטראגן די אומרעכט אויף וועלכע מאדערנע געזעלשאפט רוט. ער האט באשלאסן פרייוויליג אוועקצוגיין פון איר צום טויט. אבער פארן אוועקגיין האט ער געוואלט אזוי צוקלאפן די טיר הינטער זיך אז די געזעלשאפט זאל אויפציטערן. אנרי האט זיך מקריב געווען ווי אן עולה תמימה און געשטארבן פאר זיין גערעכטיגקייטס-אידעאל.

זיין אקט און פראצעס האבן געמאכט א ריזיגן רושם, בעיקר אויף דער יונגער רוסישער עמיגראציע. זיי האבן זיכער געהאלפן אויפלעבן דעם מסירת נפש-דראנג אינעם באפרייאונגס-קאמף וואס האט שפעטער אויסגעבראכן אינעם באנייטן קאמף קעגן צאריזם.

האט אנרי געהאט א רעכט אליין דורכצופירן א טויט-אורטייל איבער אומשולדיגע קאפע-באזוכער, צווישן וועלכע עליזע רעקליו, זשאן גראוו אדער זשארעס האבן צופעליג געקענט זיין? ווער קען געבן דעם אבסאלוט ריכטיגן ענטפער?

אינעם רייכן קאפע האט ער געזען די גאנצע היינטיגע געזעלשאפט'ס סימבאל מיט איר פארברעכערישן לוקסוס און צעלאזנקייט. דאס רעכט צו באשטראפן די גאנצע געזעלשאפט האט ער זיך אליין גענומען. פאר דעם רעכט האט ער באצאלט מיט זיין אייגענעם לעבעדיגן גוף, דער יחיד וואס איז שקול כנגד כל העולם כולו. ער האט אים אנגעצונדן ווי א פאקל צו באלויכטן דעם אנארכיסטישן אידעאל אין וועלכן ער האט געגלויבט.

אנרי איז אריין אין דער באפרייאונגס-קאמף-געשיכטע אלס איינער פון אירע ליכטיגסטע העלדן. זיין מעשה האט נאך געציטערט אינעם קאמף קעגן צאריזם.

שפעטער האט נאך אן אנארכיסט, לוקעני, מיט א קינזשאל דערמארדעט די עסטרייכישע קייסערין עליזאבעט. לכאורה אלעס ווי ביי אנרי: פראטעסט קעגן געזעלשאפט און אייגענע מסירת נפש. פונדעסטוועגן האט עס געמאכט א גאנץ אנדערן רושם אויפן עפנטליכן באוואוסטזיין.

נישט נאר רעוואלוציאנערע סאציאליסטן, אפילו א גאנץ אסאך אנארכיסטן האבן אים תיכף אפגעשאקלט פון זיך. מיר האבן אליין געקענט שווייצער אנארכיסטן וואס האבן זיין אקט געזען אלס א שאנדפלעק אויף אנארכיסטישן טעראר, זיין דעגענעראציע.

פארוואס? קודם צוליב דער באשטראפטער מענטש. קיין מאראלישע בארעכטיגונג איז נישט געווען פארוואס דווקא די איידעלע, ליידנדיגע פרוי, וואס האט זיך קיינמאל נישט געמישט אין פאליטיק, זאל באשטראפט ווערן פאר דער גאנצער געזעלשאפט'ס זינד.

דערנאך צוליב דעם באשטראפער. לוקעני איז נישט געווען קיין עולה תמימה. מען האט גערעדט וועגן מאראלישע פגמים אין זיין כאראקטער און לעבן. די באשטראפטע האט נישט פארדינט די שטראף. דער באשטראפער איז נישט ווערט געווען צו ברענען ווי א ליכטיגער פאקל אויפן באפרייאונגס-וועג.

ווידער קארפאוויטש'ס אנפאל אויפן רוסישן מיניסטער באגאליעפאוו: דא איז אלעס קלאר, פארוואס באגאליעפאוו איז דערמארדעט געווארן, דעם מערדער'ס מהות און די מאטיוון. די מעשה אליין איז ריין און ליכטיג ווי א זומער-טאג'ס אויפגייענדיגע זון.

צום זעלבן טייפ פון פערזענליכן פאליטישן מארד דארף מען רעכענען הירש לעקערט'ס אנפאל אויף פאן וואל און די דערמארדונג פונעם עסטרייכישן אויסלאנדס-מיניסטער טשערנין, דעם ערשטן גורם פון דער וועלט-מלחמה, דורך ד"ר פריץ אדלער, דעם היינטיגן סעקרעטאר פונעם צווייטן אינטערנאציאנאל, און אנדערע אזעלכע פאלן.

רעדאקציע-באמערקונג: דאס איז דער מחבר'ס היסטארישער טעקסט און אפשאץ, נישט אן אנווייזונג אדער אן אונטערשטיצונג פון געוואלד. דער מקור רופט דעם אדלער-קרבן דא "טשערנין" און באצייכנט אים אלס אויסלאנדס-מיניסטער; דער נאמען און באשרייבונג ווערן דא געבראכט ווי אין מקור, נישט אלס א נייע היסטארישע באשטעטיגונג.

ווען איר אנאליזירט אלע געפינט איר דריי כאראקטעריסטישע סימנים:

1. דער באשטראפטער דארף האבן באגאנגען פארברעכנס וואס פארדינען טויט-שטראף.

2. דער באשטראפער דארף געהערן צום טייפ קדושים וטהורים וואס גייען על קידוש השם.

3. ער אנטלויפט נישט און באהאלט זיך נישט. ער ווארט אויפן פראצעס און טויט-שטראף אלס זיין לעבנס העכסטן טריאומף. פון דער געריכטס-טריבונע וועט ער ווארפן באשולדיגונגען קעגן די וואס ער האט באשטראפט, באווייזן זיין מעשה'ס גערעכטיגקייט, און מיט אויפגעהויבענעם קאפ גיין אויפן מזבח, אנגעצונדן ווערן ווי א פאקל וואס באלויכט זיין אידעאל.

ווענדט די סימנים אן אויף ארלאזאראוו'ס דערמארדונג. עס איז אינגאנצן נישט דא, און מען האט נישט ארויסגעברענגט, קיין פארברעכן זיינע וואס פארדינט טויט-שטראף. די באשטראפער זענען אנטלאפן ווי פשוטע געמיינע פארברעכער.

מיר וואלטן געדארפט אנדערש באטראכטן דעם פאל אויב די מערדער זענען געשיקט געווארן פון א פאליטישער ארגאניזאציע וואס האט זיך געפונען געצוואונגען צו נוצן טעראריסטישע מיטלען אין איר באפרייאונגס-קאמף. דעמאלט וואלט די באשטראפער'ס

מאראלישע פליכט געווען אנטלויפן כדי צו בלייבן אין דער ארגאניזאציע'ס דינסט.

אבער דער ארגאניזאציע'ס פליכט וואלט געווען עפנטליך, דורך איר אומלעגאלער פרעסע, נעמען אחריות פאר דער מעשה און מיט פראקלאמאציעס דערקלערן פארוואס זי האט זיך געפונען געצוואונגען עס צו טאן.

קיין סימן פון אזא לאגע איז נישט דא אין דער ארלאזאראוו-טראגעדיע. קיין ארגאניזאציע האט זיך נישט איינגעשטעלט פאר דער מעשה, איר פארטיידיגונג אדער אפילו אנטשולדיגונג. אונטער די אומשטענדן דארף דער מארד, טראץ פאליטישע מאטיוון, בלייבן אין דער קרימינעלער פארברעכנס-כראניק. בשום אופן נישט געשאצט ווערן אלס א מאמענט אין א באפרייאונגס-קאמף.

טאג, סעפטעמבער 1933. רעדאקציע-באמערקונג: דער טאג-נומער אינעם מקור-סקען איז נישט גענוג קלאר געלייענט געווארן; חודש און יאר זענען פרעזערווירט געווארן.